STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05167

FUN MAYN NEKHTN

Chaika Sivak Kirsh

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חייקע סיוואַק־קוירש

פון מיין נעכטן

(זכרונות)

טייערע מינע
סימאַ

פון חייקע
סיוואַק קיר

הילע געצייכנט —

האלינא אלומוצקי

חייקע סיוואַק־קוירש

פון מיין נעכטן

(זכרונות)

1981
פאַרלאַג „פּראָבלעמען״
תל־אביב

©
Copyright by CHAIKA SIVAK KIRSH

פאַרלאַג „פּראָבלעמען"

דפוס אורלי, ת"א, טל' 332062

דאָס בוך ווידמע איך מיין
פאַרשטאָרבענעם מאַן
משה קוירש

חייקע סיוואַק קווירש

1.

דער ווילן צו שרייבן זכרונות האָט לאַנג מיך געמאַטערט. מייַנע עלטערן, מיין היים, מיין שטעטל, די שוידערלעכע פּאָגראָמען אויף יידן אין אוקראַינע, די צייטן פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, שפּעטער דאָס לאַנגע וואַנדערן מיט מיינע עלטערן און דער ווייטערדיקער גאַנג פון מיין לעבן און אַלץ וואָס איז איינגעקריצט און ליגט נאָך פריש אין מיין זכרון בעטן מיך צו דערציילן.

איך בין געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט מאָנאַסטריסטש, קיעווער ראַיאָן אוקראַינע. אויך מיין פאָטער איז דאָרט געבוירן און צו פיר יאָר שוין געלערנט אין חדר. מיין באָבע האָט מיר דערציילט וועגן מיין פאָטער, אַז איר דודל איז געוואָרן עלטער האָט זיין מלמד איר געזאָגט, אַז דודל האָט אים איבערגעשטיגן אין תורה. האָט מיין פאָטער אָנגעהויבן לערנען אין בית המדרש, ווי לומדים האָבן, אָן שכר-לימוד, געלערנט די פעיקע תלמידים. דערנאָך האָט מען אים געשיקט לערנען קיין אומאַן אין דער ישיבה. דאָ האָט מיין פאָטער געפונען אַ חבר, אַ בחור אין

זיינע יאָרן, אַ געבוירענער אין טערניווקע, פּאָדאָלער גובערניע, וואָס איז ניט געווען ווייט פון אומאַן, פלעגט טאַקע זיין חבר פאָרן אויף שבת אַהיים צו זיין משפחה. איינמאָל האָט דער חבר פאַרבעטן מיין טאַטן ער זאָל מיט אים פאָרן צו זיין משפחה אויף שבת. דעם חברס פאָטער האָט געהייסן ברוך פרימער און איז געווען אַן אַלמן, אַ סוחר פון תבואה און אַ בן תורה, האָט ער זייער פריינטלעך אויפגענומען מיין טאַטן. ער האָט פאַרהערט ביידע בחורים און אַ צעפרידענער האָט ער געהייסן זיין טאָכטער פריידען זי זאָל דערלאַנגען כיבוד פאַר די געסט.

פריידע וואָס האָט געפירט אין שטוב די גאַנצע באַלעבאַטישקייט איז געווען אַ קראַסאַוויצע מיט אַ שיינער פיגור, צוויי קאַשטאַן־צעפּ, בלויע אויגן און מיט אַ זיסן שמייכל. איז גאַר ניט קיין וווּנדער וואָס אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מיין פאָטער גענומען זיין מוטער, אויך אַן אלמנה, קיין טערניווקע, ווי עס איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך און פריידע איז געוואָרן די לעבנס־באַגלייטערין פון דעם וואָס איז געוואָרן מיין פאָטער און זי מיין מוטער און זיי זענען אַוועק קיין מאָנאַסטריטש אָנצוהייבן זייער פאַמיליע־לעבן.

ווי מיין מוטער האָט מיר אַמאָל דערציילט איז דעם יונגע פּאָרל, אויפן וועג קיין מאָנאַסטריסטש געשען, אַז דער וואָגן אָנגעפּאַקט מיטן גאַנצן באַלעבאַטישקייט, האָט אינמיטן דערנאַכט זיך איבערגעקערט. אָבער מיין מוטער האָט זיך ניט פאַרלוירן. די ערשטע אַרויס פון אונטער די רעדער און געהאָלפן דעם פויער אַרויסשלעפּן מיין טאַטן. אין דרייען האָבן זיי צוריק אויפגעשטעלט דעם וואָגן, אַרויפגעלייגט די זאַכן און באַשלאָסן צו וואַרטן ביז עס וועט טאָגן און געפאָרן ווייטער.

ווי די מאַמע האָט מיר דערציילט האָט זי אין דער נאַכט באַשלאָסן צו העלפן מיין טאַטן אין אַלע פיזישע אַרבעטן פאַר פּרנסה. זי איז דאַן געווען בלויז 18 יאָר און ער 17. אָבער זייער גאַנץ לעבן זענען זיי געווען שותפים צו אַלע ליידן און פריידן.

קומענדיק קיין מאָנאַסטריטש האָט מיין פאָטער פאַר זיין גאַנצן נדן איינגעהאַנדלט פאַרשידענע סחורות אויף די ירידים און עס האָט גאָר ניט לאַנג געדויערט ביז ער האָט געפּטרט דעם נדן. דאַן האָבן מיינע

מיין מוטער פריידע סיוואַק



מיין פאָטער דוד סיוואַק

עלטערן געעפנט אַ קליינעם באַקאַליי־קראָם, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די שענסטע קראָם אין מאָנאַסטריסטש. אַלע אָנגעשטעלטע פון דעם צוקער־זאַוואָד האָבן ביי אונדז איינגעקויפט פּראָדוקטן פאַר זייער פאַר־ברויך. אויך דער פּריץ צו וועמען עס האָט געהערט די שטאָט אין דער געגנט, איז געווען מיינע עלטערנס קונה.

אונדזער שטאָט מאָנאַסטריסטש האָט פאַרמאָגט אַ סך שיינקייטן. די הויפּט־גאַס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון דער שטאָט און איז געווען ברוקירט מיט ניט קיין גלייכע שטיינער. פון ביידע זייטן גאַס זענען די טראָטואַרן געווען פון ברעטער. די גאַס האָט זיך געענדיקט מיט אַן אַלעע פון ליפּעביימער, ווי די יוגנט פלעגט שפּאַצירן.

ווען כ׳בין געווען קליין פלעגן מיינע שוועסטערס מיך מיטנעמען אויף שפּאַציר, אָבער נאָר ווען כ׳בין געווען געהאָרכזאַם.

די שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ טייך אין פאָרם פון אַ פּאָדקאָווע. אין דער אונטערשטע טייל פון שטאָט איז געווען אַ בריקל אַריבערצופאָרן צום דאָרף. אויף ביידע זייטן בריקל האָט געוווינט די אָרעמקייט: אַרבעטער, אַלטע, קראַנקע און סתם קבצנים. אין דער אויבערשטער טייל פון שטאָט איז געווען דער מאַרק מיט אירע קלענערע און גרעסערע קלייטן, דער יידישער אַפּטייק. אויף דער זעלבער זייט איז געווען דער צוקער־זאַוואָד און אויף דער אַנדערער זייט דער קאָשטשאָל, דער קריסטלעכער אַפּטייק און ווייטער די צערקווע. אויסער דער שטאָט איז געווען די קאַזיאָנע אוטשילישטשע, די נייע גימנאַזיע.

אין די צאַרישע צייטן האָט איבער דער שטאָט געהערשט דער פּריסטאַוו מיט זיינע סטראַזשניקעס, וואָס האָבן, יעדער אויף זיין אופן, זיך איזדעקעוועט איבער דער באַפעלקערונג, אָבער באַזונדער איבער יידן. יידן איז דאָך פאַרבאָטן געווען צו אַרבעטן ביי אַ סך פאַכן, האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט האַנדל און טייל זענען טאַקע פון ניט־כשרן מסחר, רייך געוואָרן און די רעגירער האָבן געשלעפּט פון זיי כאַבאַר. די גרעסטע טייל יידן האָבן געלעבט אין אָרעמקייט און אַפילו די רייכע זענען געווען רעכטלאָז. מיינע עלטערן האָבן געהאַט שיין פּרנסה. מיין פאָטער האָט ביים פּריץ אָפּגעדונגען זיינע טייכן פון אַרום, אָנגעשטעלט זיינעם אַ

פריינט אַלס פּאַרוואַלטער וואָס האָט מיט זיינע פּישער אין די סעזאָנען, ווען די פיש מערן זיך, געכאַפּט פיש און זיי פּאַרקויפט אין הורט צו די פיש־הענדלערס. אין דער זעלבער צייט האָט מען צו מיין פּאָטער געשיקט הייזון פון קיעוו, וואָס ער האָט פּאַרקויפט צו די בעקערייען, צו די באַקאַליי־קלייטן פון דער שטאָט און אַרומיקע שטעטלעך.

מיין פּאָטער איז געווען פּאָליטיש און קולטורעל אַנטוויקלט. חוץ אַ ספר האָט ער געלייענט יידישע און העברעישע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען. אַלץ וואָס איז געשען אין דער פּאָליטישער, ווי אין דער יידישער וועלט איז אים ניט געווען פרעמד. מיין מוטער האָט געבוירן זיבן קינדער. פיר טעכטער און דריי זין. מיינע עלטערן האָבן דאַן געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען זייערע קינדער און דערנאָך געבן זייערע צוויי עלטערע טעכטער אַ שיינעם נדן.

אין אַ זומער איז געקומען צו אונדז אונדזער זיידע ברוך, געווען ווי מיין טאַטע אַ פאַרגעשריטענער חסיד, באַקאַנט מיט דער העברעישער ווי מיט דער יידישער קולטור. מיין פּאָטער וואָס האָט כמעט ניט געדענקט זיין אייגענעם פּאָטער, וועלכער איז פרי געשטאָרבן, איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו מיין מוטערס פּאָטער. מיין זיידע ברוך איז שטענדיק געגאַנגען מיט אַ דיקן שטעקן, מיט סענקעס וואָס האָט געשמעקט מיט צימרינג. נאָך איצט פיל איך דעם גערוך פון דעם שטעקן. מיין זיידנס לעצטער באַזוך ביי אונדז איז געווען אין מיינע עלטערנס נייע דירה. ער איז געקומען ערב פּסח און אָוועק אין סוכות. אונדזער הויז האָט געהאַט אַ שטענדיקע סוכה, וואָס מיין פּאָטער האָט צוגעבויט צו איינע פון די פיר אַריינגענג צו אונדזער דירה. די סטעליע פון דער סוכה איז געווען פון שמאָלע שטאַכייטלעך, געפאַרבט אויף טונקל־רויט, צעטיילט אויף צוויי פליגלען, אויף דעם דאַך אַ לאָדן, וואָס מען האָט געקענט עפענען מיט דער הילף פון אַ שטריק, אַז מען האָט געקענט זען דעם הימל מיט די שטערן. אַ גאַנצן זומער האָט מיין זיידע געלערנט אין דער סוכה. ער פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג און געלערנט בקול־רם, מיט אַ שיינעם ניגון. מיין געלעגער איז געווען נאָענט צו דער סוכה, פלעג איך זיך איינהערן אין זיין לערנען, אין דער זיסקייט פון זיין שטימע, אין דעם



מיין זיידע ברוך פרימער

ניגון וואָס האָט פאַרשלעפערט. ביי זיין לעצטן באַזוך האָבן מיר געבעטן דעם זיידן ער זאָל זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן און געפועלט ביי אים, ער האָט אָבער געוואָלט נאָר אַזוי ווי ער גייט מיטן שטעקן צו זיינע קינדער און אייניקלעך.

מיין עלטסטן ברודער איז שוין דאַן געווען 18 יאָר און ניט געוואָלט מער לערנען נאָר זיך פאַרנומען מיט מסחר. געפאָרן מיט מיין טאַטן קיין אומאַן אָדער קיעוו קויפן סחורות. ער איז געריטן גוט אויף אַ פערד, פלוצים האָט ער באַשלאָסן אַז ער וויל פאָרן קיין טיפעליס — גרוזיע. מיינע עלטערן זענען דערפון געווען שטאַרק פאַרזאָרגט און באַראַטן זיך מיט מיין זיידן. איך געדענק נאָך זייער גוט וואָס דער זיידע האָט זיי געזאָגט, ווייל כ'בין געזעסן מיט זיי ביים טיש: — „איך פאַרשטיי אייך מיינע קינדער און באַגרייף אייער זאָרג אָבער איר מוזט אים לאָזן לעבן און טאָן וואָס אים ווילט זיך. זאָל ער זיך אַנטוויקלען אויף אייגענע דער־פאַרונג. אין די היינטיקע צייטן ווייסן מיר גאָר ניט וואָס עס איז בעסער און ווי עס איז זיכערער". און צו מיין מאַמען האָט ער געזאָגט: „זאָרג ניט מיין טאָכטער, ער וועט פאָרן, פאַרזוכן דעם טעם פון דער פרעמד און קומען צוריק אַהיים".

געקומען איז הערשל אַהיים ווען מיין זיידע איז נאָך געווען ביי אונדז און דערציילט, אַז אין טיפיליס איז דאָ פון אַלעמען גוטן נאָר ברויט פעלט. האָט ער זיך געפרייט מיט די 10 ברויט וואָס מיין מאַמע באַקט אָפּ אַלע מאָנטיק און לייגט זיי אויף דער פאָליצע. אַז ווער פון די קינדער פלעגט פון פאַרנאַכלעסיקייט אַוועקוואַרפן אַ שטיקל ברויט האָט דאָס אים פאַר־דראָסן, און אַמאָל אויך דערפאַר געגעבן אַ פּאַטש. איז הערשל צוריקגעקומען מיט נייע דערפאַרונגען, מער אַנטוויקלט און זעלבסטשטענדיק. אויך מיין צווייטער ברודער אברהמל איז נאָך פאַר דער בר־מצוה געווען אַ באַוווּסט־זיניקער ציוניסט און געחלומט צו פאָרן קיין ארץ ישראל. מיין פאָטער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דאָס ערשטע דאַרף מען קענען די לאַנד־שפראַך, האָט געוואָלט אַז אַברהמל זאָל זיך לערנען אין דער קאַזיאָנע אוטשילישטשע, אָבער אברהמל האָט ניט געוואָלט לערנען ביי אַנטיסעמיטישע לערערס

און זיצן מיט אַנטיסעמיטן אויף איין באַנק, האָט מיין פאָטער געהאַלטן פאַר אים אַ פּריוואַטע לערערקע.

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען אונדזער שטאָט, ווי אַלע אַנדערע שטעט אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט געמוזט צאָלן אַ צינדז (שטייער) צום פּריץ. די יידן פאַר זייערע הייזער און קליטן, די פּויערים פאַר זייערע קליינע שטיקלעך ערד און כאַטעס. דעם שטייער האָבן זיי באַדאַרף צאָלן זייער גאַנץ לעבן. דער פּריץ האָט געהאַט זיינס אַ ייד וואָס האָט פאַר אים די שטייערן איינגעמאַנט פון אַלע איינוווינער. איז דער ייד, דער בעל טאַקסע, געוואָרן אַ שטיקל דיקטאַטאָר און זיך איזדעקעוועט איבער די אָרעמע, ווען עס איז געווען שווער אונטערן לאַסט פון די שטייערן. עס זענען געווען ביי אונדז פאַרמעגלעכע בעלי בתים און חסידים בעלי־תורה אָבער די אָרעמע האָבן געליטן פון דעם בעל־טאַקסע. האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט און געשיקט דריי פאַרשטייער צו דער קהילה און געפאָדערט מען זאָל באַשטימען אַן אַנדערן בעל טאַקסע. זיי האָבן געבעטן אַז דאָס זאָל זיין מיין פאָטער. ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט אָבער אונטערן דרוק פון די אָרעמע יידן האָט ער געמוזט נאָכגעבן און ער איז געוואָרן דער שטייער־מאַנער. דערציילט האָט מיר אַ לאַנדסמאַן, שוין זייענדיק אין קאַנאַדע, אַז מיין פאָטער האָט געהאַט אויפן פּריץ אַ ווירקונג און געפּועלט ביי אים ער זאָל באַפרייען די אָרעמע פון דעם שטייער און אין ווינטער אַריינגעשיקט האָלץ, אויף פסח קאַרטאָפל וואָס מיין פאָטער האָט צעטיילט צווישן די אָרעמע יידן. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז מיין פאָטער, שוין זייענדיק אַ טאַטע פון פיר קינדער, האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים, ביי אונדז אויפן בוידעם איינגעשטעלט אַ ביבליאָטעק פון יידישע און העברעישע ביכער וואָס אין יענער צייט האָט פאַר אַזאַ חטא, ווען די פּאָליציי דערוויסט זיך, געקאָנט באַצאָלן מיט סיביר.

מיין פאָטערס מוטער, מיין באָבע, איז אויך געווען אַ געבוירענע אין מאָנאַסטריסטש און איז גאָר יונג געבליבן אַן אלמנה. איר מאַן, מיין זיידע איז געפאָרן אויף אַ יריד, דאָרט זיך פאַרקילט און געשטאָרבן אויף שווינדזוכט, אַ קרענק וואָס איז דעמאָלט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט ביי יידן. מיין באָבע איז דאַן געווען שוואַנגער און געבוירן אַ זון, שוין נאָך

מיין זיידנס טויט, האָט זי איר זון אַ נאָמען געגעבן נאָך איר פאַרשטאָר־בענעם מאַן — הערשל. דער זיידע האָט איר ניט איבערגעלאָזט קיין פאַרמעגן, האָט זי געעפנט אַ קרעמל פון מעל ביי זיך אין שטוב. פון דעם קרעמל איז זי ניט רייך געוואָרן, אירע קונים זענען געווען פון די סאַמע אָרעמסטע וואָס האָבן געקויפט אויף באָרג. מיין באָבע האָט ווי אַלע יידישע פרויען געבאַקן יעדן מאָנטיק ברויט פאַר אַ גאַנצע וואָך און חלה אויף שבת און געזאָרגט פאַר אירע קינדער. מיין באָבעס צווייטער זון הערשל איז קראַנק געוואָרן אויף דער זעלבער קרענק וואָס זיין פאָטער (מיין זיידע) און איז געשטאָרבן. האָט זיין ווייב, די יונגע אלמנה גענומען איר ייִנגעלע אברהמלען און אַוועק קיין אומאַן צו אירע עלטערן. איז מיין באָבען געבליבן איר גאַנצער ליבשאַפט אויסצוגיסן אויף מיינע עלטערן און אויף אונדז קינדער.

אין מיטן דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ביי אונדז אין שטאָט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע, די „הישפּאַנקע”. עס האָבן געטראָגן זיך קלאַנגען אַז אויב ווער פון די קראַנקע חלישט מוז ער שטאַרבן. אַז מיין מוטער איז קראַנק געוואָרן און געחלשט איז מיין באָבע אַוועק אין שיל און מיט איר נאָך ווייבער, זי האָט געעפנט דעם ארון הקודש און מיט אַ באַזונדערן ניגון געבעטן ביים רבונו של עולם ער זאָל געבן איר שניר, דאָס הייסט מיין מאַמען, לאַנגע יאָרן. זי האָט געבעטן גאָט מיט אַזעלכע ווערטער:

— גיב מיינע יאָרן צו מיין שניר פריידעניו. זי איז דאָך נאָך יונג און האָט אַ יונגן מאַן און יונגע קינדער מתגדל צו זיין.

איר הארציקער געבעט און די גאַנצע סצענע אין שול האָט אויף מיר, אַלס קינד, אַנגעוואָרפן אַ פּחד. איך האָב ניט געוואָלט אַז גאָט זאָל צונעמען ביי מיין באָבען די יאָרן און אויך ניט געוואָלט מיין מוטער זאָל שטאַרבן. אוןביידע זענען ניט געשטאָרבן.

מיינע עלטערן זענען געווען דאַן פאַרמעגלעך, האָבן זיי געקויפט אַ גרויסע דירה און געבעטן דער באָבע זי זאָל מיט אונדז וווינען. זי האָט אָבער ניט געוואָלט אויפגעבן איר אָרעם קרעמל מיט אירע אָרעמע קונים. האָט מיין פאָטער צוגעבויט אַ קרעמל, ביי איינע פון די פיר

אַרייַנגעגאַנג פון אונדזער דירה, פאַר דער באָבען, ערשט דאַן איז זי געקומען צו אונדז וווינען. מיינע עלטערן האָבן איר אָפּגעגעבן דעם שענסטן צימער און מיינע צוויי עלטערע שוועסטערס שרהקע און רחל האָבן געררייניקט איר צימער, געוואַשן און געפּרעסט אירע קליידער און אַלע קינדער האָבן ליב געהאַט אונדזער באָבען און איר אָפּגעגעבן כבוד. אין דער צייט איז שוין געווען שווער צו באַקומען פּראָדוקטן פאַרן געברויך, באַזונדער מעל, האָט מיין באָבע דאָס מעל וואָס זי האָט באַקומען, צע־טיילט צווישן אירע קונים אַלעמען גלייך. גאַנצע טעג האָט זי פאַרבראַכט אין איר קרעמל און דאָרט געגעסן, בלויז אין די שבתים און יום טובים געגעסן מיט דער משפחה.

איך האָב זייער ליב געהאַט מיין באָבעס מאכלים. באַזונדער טייגלעך מיט פאַסאָלעס. מיין באָבע האָט דאָס געוווסט און ווען זי האָט דאָס געקאָכט האָט זי קיינמאָל ניט פאַרפעלט מיך צו רופן — „נעם חייקעלע אַ לעפל און קום מיט מיר עסן". זי האָט מיך דערצו גאָר ניט באַדאַרף בעטן. איינמאָל ביים עסן, טייגלעך מיט פאַסאָלעס, האָב איך אַ נייגעריקע געפרעגט דער באָבען, פאַרוואָס רופט מען מיין פאָטער דודן מיטן צונאָמען חייעסל און אונדז קינדער: האדל דוד חייעסלס, הערשל דוד חייעסלס און אַזוי אונדז אַלע, וואָס האָט מיך שטאַרק נערווירט און איך פלעג, ווען מען וואָס איז געווען שוואַכער פאַר מיר, באַצאָלן מיט קלעפּ פאַר רופן מיך מיט אָט דעם צונאָמען. אָבער מיין באָבע האָט מיך באַרואיקט און מיר געזאָגט:

— נאַרעלע, עס איז ניטאָ זיך וואָס צו שעמען מיט דעם צונאָמען, ווייל ווען דיין טאַטן איז נאָך ניט געווען קיין יאָר איז אין אונדזער שטאָט אויסגעבראָכן אַ שריפה, כמעט די גאַנצע שטאָט איז אַוועק מיטן רויך. די פרויען און קינדער זענען אַוועק קיין אוכרעמעווקע און די מענער זענען געבליבן צו לעשן דאָס פייער. איך האָב געוואָלט גיין צוריק כדי אַרויסצוראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך פון אונדזער שטוב, ווייל דיין זיידע איז געווען קראַנק. האָב איך דיין טאַטן, נאָך דאַן אַ פּיצל קינד, געלאָזט ביי דיין זיידן און כ'האָב געבעטן די ווייבלעך וואָס האָבן זויג־קינדער, זיי זאָלן אויך אים אָנזייגן. די ווייבלעך האָבן גערן

געוואָלט פאַרדינען אַ מצוה, פלעגן זיי זאָגן צו אים: „קום דודל מיין חייעסל, דיך אָנזייגן", אַזוי איז פון דעמאָלט אים געבליבן דער צונאָמען חייעסל, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אייך קינדער.

איך האָב ליב געהאַט ניט נאָר מיין באָבעס טייגלעך מיט פּאַסאָלעס נאָר אויך אירע דערציילונגען. איינמאָל האָב איך זיי געטראָפן אין איר קרעמל אַליין אָן קונים אַ פאַרקלערטע, האָב איך זיך געזעצט נעבן איר אויף אַ קליין בענקעלע, אָנגעשפּאַרט מיין קאָפּ אויף איר שויס און זי האָט מיר געגלעט די האָר אין דערציילט:

— מיין באָבעס שוועסטערס מאַן שמואל האָט געהאַט אַ וויעטראַק (ווינט־מיל), די פויערים אַרום פלעגן ברענגען צו אים זעק מיט ווייץ צום מאָלן. ער האָט אויך געהאַט אַ פּאָר קלענערע סוחרים וועלכע האָבן געקויפט ווייץ אויף די ירידים און געברענגט דאָס צום מאָלן. דערפון איז ער קיין גביר ניט געוואָרן, אָבער געהאַט פּרנסה. געווען איז ער אַן אָנגענעמער קליינוויקסיקער מאַן, וואָס האָט ניט געקענט הרגענען קיין פליג אויף דער וואַנט. ניט וויט פונעם וויאַטראַק האָט געוווינט אַ פויער, וועמען עס איז געשטאָרבן זיין ווייב און אים איבערגעלאָזט מיט אַ יינגעלע פון אַ יאָר 11. דער פויער האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער, וועלכע איז געווען אייפערזיכטיק אויף דעם יינגעלע ווייל זיין פאָטער האָט אים שטאַרק ליב געהאַט. די שטיף־מוטער פלעגט שלאָגן דאָס יינגעלע און אים טרייבן פון שטוב. אין אַ פרימאָרגן האָט זי דאָס יינגעלע אַזוי צעשלאָגן, אַז דאָס יינגעלע איז אַנטלאָפן פון שטוב און מער ניט צוריקגעקומען. ווען דער פאָטער איז אַהיימגעקומען און געפרעגט ווו ער איז האָט די שטיף־מוטער פאַר מורא מיט אַ פאַלשן געוויין אים דערציילט, אַז דאָס יינגעלע איז אַוועק צו דער מיל און זי האָט געזען ווי דער זשיד שמואליק האָט אַוועקגעפירט דאָס יינגעלע אין דעם אונטערטייל פון דער מיל. ווען דאָס יינגל איז ניט געקומען אַהיים איז זי אַוועק צו שמואליקן אים זוכן. און זי האָט געוויינט און געבעטן דעם זשיד ער זאָל איר צוריקגעבן דאָס קינד, ווייל ווען איר מאַן וועט קומען וועט ער איר דערהרגענען אויב דאָס קינד וועט ניט זיין. אָבער

שמואל האָט פון איר געלאַכט און זי האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז ער האָט דאָס יינגעלע דערהרגעט כדי זיין בלוט צו נוצן צו זייערע מצות אויף פסח. איז דער מאַן אירער, דער פויער, אויסהערנדיק וואָס זיין ווייב האָט אים דערציילט גלייך אַוועק צום פריסטאַוו און עס איז געקומען גלייך פּאָליציי און אַרעסטירט דעם פעטער שמואל. ווי אַ בליץ האָט די נייעס זיך צעטראָגן איבער דער שטאָט און יידן זענען אַוועק צו דער טורמע טרייסטן דעם פעטער שמואלן, אָבער ער האָט געשמייכלט און געזאָגט אַז ער איז אומשולדיק. דערווייל האָט מען אין דער פּאָליציי אים געפּאָרשט און אויך געשלאָגן. אויף מאָרגן האָט מען באַוואַכט אַלע אַרייגענג פון דער שטאָט, קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט, אַז מען האָט ניט געקענט געבן קיין טעלעגראַמעס צו די יידן פון אַנדערע שטעט, צווויסן געבן וועגן דעם בלבול. האָבן די פרומע געבעטן אין די שולן אויף אַ נס און די איינוווינער זענען געווען פאַרזאָרגט. אין דער שטאָט האָט זיך געפונען אַן אַרענדאַר פון אַ כוטער, וואָס איז געקומען אין דער שטאָט איינקויפן, האָט מען אים אַלס אַ פרעמדן אַרויסגעלאָזט פון דער שטאָט. איז ער אַוועק אַ פאַרזאָרגטער און געטראַכט מיט וואָס ער זאָל די יידן פון דער שטאָט העלפן. פאָרנדיק אויף זיין וואָגן האָט דער אַרענדאַר באַמערקט זיצן אונטער אַ בוים אַ יינגעלע וואָס האָט געוויינט. האָט ער אים געפרעגט ווער ער איז און פאַרוואָס ער וויינט. און דאָס יינגעלע האָט דערציילט אַז ער איז אַנטלאָפן פון דער היים, ווייל די שטיף־מוטער האָט אים געשלאָגן און ער איז דאָ געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און אים איז קאַלט און ער איז הונגעריק. האָט דער אַרענדאַר פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דאָס יינגעלע וועלכן שמואל זאָל כלומרשט האָבן דערמאָרדעט און אים גענומען אויף זיין פור אים איינגעוויקלט אין זיין מאַנטל און צוריקגעפאָרן אין דער שטאָט און געבערענגט דאָס יינגעלע גלייך אין דער פּאָליציי־סטאַציע. די נייעס האָט זיך גלייך צעטראָגן איבער דער שטאָט און יידן האָבן פאַר פרייד געטאַנצט אויף די גאַסן. מען האָט דעם פעטער געראָטן ער זאָל ניט שווייגן, נאָר פאָדערן אַנט־שיידיקונג פאַרן בילבול, דער פעטער האָט אָבער ניט געוואָלט דערפון הערן, כאָטש פון די קלעפּ האָט געליטן זיין געזונט. ער האָט אָבער ווייטער



די העברעישע שולע אין מאנאַסטיריסטש

דער דענקמאָל נאָך די אומגעקומענע קדושים אין דער שואה
פון מאָנאַסטריסטש און אומגעגנט



דער דענקמאל נאָך די אומגעקומענע קדושים אין דער שואה
פון מאָנאַסטריסטש און אומגעגנט

געאַרבעט. דער ווינטמיל האָט זיך געדרייט און זיין לעבן האָט זיך שטיל געענדיקט.

מיין שוועסטער האָדל האָט גאָר שטאַרק געוואָלט לערנען. זי איז דאַן געווען אַ 17 יאָריקע שיין און צאַרט מיידל, אויך אַ פעיקע שילערין און איר גרעסטער טרוים איז געווען צו לערנען. ווען זי האָט געענדיקט די פיר־קלאַסיקע אוטשילישטשע האָט ביי אונדז און מאָנאַסטריטש זיך געעפנט אַן אַכט־קלאַסיקע גימנאַזיע און האָדל האָט געוואָלט אַנקומען אין דער גימנאַזיע. מיינע עלטערן האָבן אָבער געהאַלטן אַז פאַר אַ מיידל איז גענוג פיר קלאַסן און געטראַכט גאָר צוצוגרייטן פאַר איר אַ נדן. האָדל האָט זייער פאַרדראָסן פאַרוואָס די זין גיט מען מעגלעכקייטן צו לערנען און פאַר די טעכטער באַשטימט מען וויפל עס איז פאַר זיי גענוג צו לערנען. האָט זי גאָר ניט געזאָגט נאָר אויפגעהערט עסן און גאַנצע טעג עפּעס געשריבן. ווען זי איז געגאַנגען שלאָפן האָט זי די פאַר־שריבענע בלעטלעך באַהאַלטן אונטער איר קישן. האָט דאָס אַלעמען באַ־אומרואיקט און מען האָט געוואָלט וויסן וואָס זי שרייבט. אין אַן אָוונט זייענדיק אַ מידע איז האָדל איינגעשלאָפן און דאָס פאַרשריבענע איז געבליבן אויפן טיש. האָט מיין שוועסטער רחל אַ נייגעריקע גענומען די פאַר־שריבענע פּאַפּירן און געלייענט. דאָס איז געווען אַ בריוו צו די עלטערן, וווּ זי האָט אויסגעדריקט איר שטאַרקן ווילן צו לערנען און צום סוף געשריבן אַז אָן ווייטערדיקן לערנען, האָט איר לעבן ניט קיין ווערט און זי וועט איר לעבן ענדיקן. רחל האָט גלייך אויפגעוועקט מיין פאָטער פון שלאָף און אים געוויזן דעם בריוו. אין דער פרי האָט מיין פאָטער געוואַרט ביז האָדל וועט אויפשטיין און ער האָט איר געזאָגט אַז ער האָט גאָר ניט געוווּסט ווי שטאַרק זי וויל לערנען. ער האָט גענומען אירע פאַרשריבענע פּאַפּירן און דערמיט אַוועק צום דירעקטאָר פון דער גימ־נאַזיע, וואָס איז שטאַרק גערירט געוואָרן פון דעם וואָס האָדל האָט געשריבן און כאָטש עס איז שוין געווען נאָך די עקזאַמינס האָט ער פאַר איר באַשטימט אַ ספּעציעלן עקזאַמין, וואָס זי האָט גוט אויסגעהאַלטן. זי האָט אָבער ניט לאַנג געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו לערנען אין דער גימנאַזיע, ווייל אין קורצן האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע געשעענישן.

רוסלאַנד איז נאָך איר מפּלה אין דער מלחמה געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער רעוואָלוציע. דערנאָך זענען געקומען די פּאָגראָמען און שלאַכטן צווישן די פאַרשידענע אַרמייען און באַנדעס און ס׳איז געקומען אַ סוף צו אונדזער לערנען.

אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאַמפן איבער אונדזער שטאָט, צווישן דער רויטער־אַרמיי מיט די קאָנטררעוואָלוציאָנערע באַנדעס, זענען מיינע עלטערן מיט אונדז, יינגערע קינדער, אברהם, מאָטל, און איך חייקע, אַוועק צום אויבערשטן טייל פון שטאָט, ווו ס׳האָט געוווינט מיין פאָטערס אַ שוועסטערקינד. זיי האָבן געהאַט אַ געמויערטן קעלער. צוזאַמען מיט אונדז זענען דאָרטן געווען נאָך עטלעכע משפחות, מיינע שוועסטערס רחל מיט האָדלען האָבן מיינע עלטערן געשיקט אין זאַוואָד צו אַ נאָענטן פריינד.

אַז עס איז אונדז אויסגעגאַנגען דאָס גאַנצע ברויט, האָבן די ווייבער ביינאַכט פאַרקנאָטן אַ ראָשטשינע, מיטן געדאַנק אַז פאַרטאָג וועלן זיי אַרויס פונעם קעלער און אָפּבאַקן דאָס ברויט. אָבער ווען זיי זענען אַרויף אָנהייצן דעם אויוון און גרייט געווען אַריינצוזעצן דאָס ברויט האָט זיך באַנייט דאָס שיסערײַ. האָבן זיי גיך מיט וואָסער פאַרלאָשן דאָס פייער אין אויוון און צוריק אַראָפּ אין קעלער. דעם צווייטן טאָג האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן פון דעם טייג פּלעצלעך און דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן. מען האָט אָבער באַדאַרפן עסן, האָט ביי אונדז אין קיך זיך געפונען עטלעכע ברויט, האָב איך זיך אָנגעטאָן ווי אַ פויעריש שיקסל, גענומען אַ זאַק און אַוועק צו אונדזער היים. גענומען די ברויט און אויך אַ ביסל זויערע אוגערקעס און געלאָפן גיך צוריק. ווען כ׳בין שוין געווען נאָענט צום טויער, און באַדאַרפן נאָר אַריבערגיין דעם שליאַך, האָט אַריינמאַרשירט אַן אַרמיי. בין איך גיך אַוועק אין אַ זייטיק געסל און אין אַ ליידיקן קלייט מיט אַן אָפענער טיר, האָב איך דאָרט אַוועק־געלייגט דעם זאַק און זיך געזעצט אויפן טראָטואַר און נייגעריק זיך צוגעקוקט ווי עס מאַרשירט די רויטע־אַרמיי. צוויי רויטאַרמייער זענען אַרויס פון דער רייע, צוגעקומען צו מיר און געפרעגט צו איך ווייס ניט ווו זיי קענען באַקומען אַ שטיקל ברויט. האָב איך זיי צוגעפירט צום קלייטל און זיי געגעבן שטיקער ברויט מיט צוויי אוגערקעס און זיי

געבעטן קיינעם ניט דערציילן ווו זיי האָבן גענומען דאָס ברויט, ווייל, האָב איך זיי געזאָגט, אַז עטלעכע משפחות ליגן באַהאַלטן הונגעריקע אין אַ קעלער און וואַרטן איך זאָל זיי ברענגען דאָס ברויט. האָבן זיי באַדאַנקט און זענען אַוועק אַניאָגן זייער רייע. דאָס מאַרשירן האָט לאַנג ניט געדויערט, האָב איך דערנאָך געכאַפּט דעם זאַק און געלאָפן צום טויער ווי מיינע האָבן געוואַרט אויף מיר. פּונקט אין מיטן שליאַך בין איך פּלוצעם פאַרטומלט געוואָרן פון אַ קראַך פון אַ סנאַריאַד וואָס האָט נעבן מיר עקספּלאָדירט. די שאַרפּנעלן זענען ווי פייערלעך געפלויגן אַרום מיין קאָפּ. כ׳ווייס ניט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, נאָר איך האָב ז׳עם זאַק ניט אַראָפּגעלאָזט פון מיינע אַקסלען און דערנענטערנדיק זיך צום טויער זענען פון דאָרט אַרויס צוויי מענער און מיך אַריינגעטראָגן אין קעלער. מען האָט מיך אַרומגעטאַפּט פון אַלע זייטן צי כ׳בין גאַנץ און אַלע האָבן געוויינט פאַר פרייד.

די שיסערייע האָט זיך געצויגן עטלעכע טעג ביז עס איז שטיל געוואָרן. מיר האָבן אָבער ניט געוווּסט ווער עס האָט פאַרנומען אונדזער שטאָט. האָט אונדזער ברודער אברהם באַשלאָסן צו גיין זען ווער עס הערשט איבער דער שטאָט. איך האָב זייער ליב געהאַט מיין ברודער און ניט געוואָלט ער זאָל גיין אַליין און אים געבעטן ער זאָל מיך מיטנעמען. ער האָט מיך אַרומגענומען און געזאָגט: „קום בראַווער סאָלדאַט!״.

אויפן וועג האָבן מיר דערהערט אַ קרעכצן און דערזען אַרקע לערמאַנען, אונדזערס שוועסטער רחלס אַ פריינד, ליגנדיק אין אַ קאַלוזשע בלוט. דאָס איז געווען אַנטקעגן דעם צוקער-זאַוואָד און נאָענט צו מיין באָבע ביילהס אַ שוועסטער, אונדזער עלטער-מומע. פאַר מיין ברודער אברהם, וועלכער האָט באַדאַרפט אין קורצן ווערן בר־מצוה און פאַר מיר וואָס אין גאַנצן בין איך אַלט געווען עלף יאָר, איז געווען שווער צו נעמען דעם פאַרוווּנדעטן, אָבער מיט אַלע כוחות האָבן מיר אים צוגעשלעפּט צו אונדזער עלטערמומעס הויז. די מומע האָט גלייך אונדז געהאָלפן אים אַריינלייגן אין בעט, צעריסן אַ ליילעך אים אָפּצוואַשן און באַנדאַזשירן זיין פוס. מיין שוועסטער רחל, וועלכע האָט שוין דאַן

געאַרבעט אַלס פערמאַנענטקע אין דעם קריסטלעכן אַפּטייק האָט צוזאַמען מיט מיין שוועסטער האַדלען זיך געפונען, אין דער גאַנצער צייט פון די שלאַכטן, ביי אונדזער עלטערנס אַ פריינט, אַן אַנגעשטעלטן אין צוקער־זאַוואָד, איז אברהם גלייך אַוועק צו רחלען און איר דערציילט וואָס עס איז געשען מיט איר פריינד אַרקען, האָט זי אים געגעבן אַ צעטל צום אַפּטייקער פאַר מעדיקאַמענטן, זי האָט זיך אַנגעטאָן אין פויערישע קליידער און אַוועק צו אונדזער מומען און מיט די מעדיקאַמענטן וואָס מיין ברודער האָט געבראַכט האָט זי געהיילט אַרקעס פוס. אים אויסגעהיילט און אין זעקס חדשים אַרום האָבן זייביידע חתונה געהאַט.

איבערן ברייטן רוסלאַנד איז אָנגעגאַנגען דער ברען פון בירגער קריג. אונדזער שטאָט האָט זיך כסדר געפונען אונטערן פייער. זייער אָפט איז אונדזער שטאָט געבליבן אָן אַ מאַכט. דער צוקער־זאַוואָד איז געווען ווי אַ שטאָט פאַר זיך. אירע אַנגעשטעלטע האָבן געוווינט אַרום זאַוואָד וואָס איז צוזאַמען מיטן זאַוואָד געווען אַרומגעצוימט און געהאַט אַ טויער. געווען פאַרבונדן מיט אַ באַן־ליניע צו דער שטאָטישער באַן־סטאַציע. די מענטשן פון זאַוואָד זענען שטענדיק געווען איזאָלירט פון דער שטאָט. זיי האָבן זיך ניט געמישט אין שטאָטישן לעבן. בלויז איינ־געקויפט אין שטאָט פאַר זייער געברויך, זיך באַנוצט מיט אַ שטאָטישן שניידער אָדער שוסטער. אָבער ווען די שטאָטישע יוגנט האָט זיך אָרגאַ־ניזירט אין אַ זעלבסטשוץ האָט זיך אויך אויפן זאַוואָד אָרגאַניזירט אַ זעלבשטוץ און ביידע זעלבסטשוצן האָבן איינגעשטעלט צווישן זיך סיגנאַלן צוזויסנגעבן וואָס פאַראַ אַרמיי אָדער באַנדע עס מאַרשירט אַריין אין דער שטאָט אָדער ווער פון די ביידע זעלבסטשוצן דאַרף הילף.

ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרכאַפּט די שטאָט האָבן יידן פרייער אָפּגעאָטעמט, ניט געשראָקן זיך פאַר פּאָגראָמען, געפילט זיך זיכער און זיך פרייער באַוועגן. די יוגנט וועלכע איז געווען פּאָליטיש אַנטוויקלט און די קלאַסן־באַוווסטזיניקע אַרבעטער האָבן איבערגענומען די אָנפירער־שאַפט איבער דער שטאָט. זיי האָבן אַראָפּגעזעצט דעם פּריסטאַוו, די פּאָליציי און געפייערט דעם זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. צו דער פייערונג זענען געקומען אַ סך מענטשן פון די אַרומיקע שטעט און

דערפער און עס האָבן מאַרשירט אַלע פּאַרטייען אונטער זייערע פענער. געווען ביי אונדז ציוניסטן, בונדיסטן, באַלשעוויקעס און מענשעוויקעס. עס האָט אויך מאַרשירט די קאַזיאָנע אוטשילישטשע און די נייע גימנאַזיע מיט זייערע סטודענטן. איך האָב מאַרשירט מיט דער העברעישער שולע, מיט אונדזערע לערערס. אין מיטן מאַרק איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּלאַטפאָרם און רעדנער פון אַלע פּאַרטייען האָבן גערופן צו אייניקייט און איינשטעלן אַן אָרדענונג אין דער שטאָט און דער אומגעגנט. אַ קאָמישע געשיכטע איז געשען מיט די וואָס זענען געקומען פון שטעטעלע אוכרעמעווע. אַכט מייל פון אונדזער שטאָט אין וועלכן עס איז געבוירן געוואָרן און זיך דערצויגן דער יידישער שרייבער דוד בערגלסאָן. די אוכרעמעווער דעמאָנסטראַנטן זענען שטאַרק מקנא געווען אונדזער שטאָט מיט איר דעמאָנסטראַציע. האָבן זיי אַהיימקומענדיק אין זייער שטעטעלע גלייך אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה, אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע, וואָס איז אַוועק צום פּריסטאַוו און געבעטן ביי אים אַ דערלויבעניש אויך צו פייערן דעם זיג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. די יידן אין אַלע שטעטלעך האָבן מיט פרייד אויפגענומען די רעוואָלוציע און מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט געהאָלפן דער רויטער אַרמיי.

ווען די רויטע-אַרמיי האָט איינגענומען אונדזער שטאָט, נאָך אַ שלאַכט, האָבן זיי מאָביליזירט די יונגע און עלטערע מענער צו גראָבן אָקאָפּעס. מיין פאָטער וואָס איז פון תמיד געווען אַ שוואַכער, ניט גע-וווינט צו פיזישער אַרבעט, האָט פאַרגעלייגט, אַז אָנשטאָט גראָבן אָקאָפּעס איז ער גרייט צו טאָן פאַר דער רויטער-אַרמיי אַן אַנדערע נוצלעכע אַרבעט. זיי האָבן דאָס אָנגענומען, אַריינגעשיקט צו אונדז אין שטוב צעריסענע זעק צום פאַריכטן. מיינע עלטערן האָבן גלייך צוזאַמענגערופן פרויען און אַלט און יונג זענען געזעסן און געלייגט לאַטעס ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אין דער צייט האָבן מיינע עלטערן זיך געגרייט צו אַ גרויסן יום-טוב, אונדזער אברהמ׳לעס בר-מצוה. מיין פאָטער האָט נאָך דאַן אָנגעהאַלטן די אַרענדע איבער די טייכן, האָט ער געבעטן דעם פּאַרוואַלטער ער זאָל אים ברענגען דעם גרעסטן קאַרפּ וואָס ער וועט כאַפּן. ווען מען האָט

דעם גרויסן פיש געבראַכט צו אונדז אַהיים האָבן אַלע זיך געפריידט וואָס די מאַמע וועט קאָנען קאָכן געפילטע פיש פאַר אברהמלס בר־מצוה און פראַוועו מיט גרויס פּאַמפּע. האָט טאַקע די מאַמע מיט אַ געהילף געקאָכט, געבאַקן און געזאָרגט אַז אַלץ זאָל געראָטן. די סעודה איז געווען ביי אונדז אין הויז, עס זענען געקומען משפחה און פריינט. אברהם האָט צוגעגרייט אַ שיינע דרשה. אָבער ווען ער האָט געענדיקט האָט ער געבעטן מען זאָל אים דערלויבן נאָך עטלעכע ווערטער, און ער האָט געזאָגט: „טייערע עלטערן, משפחה און פריינט, דאָס וואָס עס טוט זיך אַרום אונדזער שטאָט ווייסט איר פונקט ווי איך. אין לאָקשיוועקע 15 וויאָרסט פון אונדז, אין סאָקאָליוועקע אויך ניט ווייט פון אונדז און אין נאָך שטעטלעך אַרום זענען פאָרגעקומען שרעקלעכע פּאָגראָמען. כאָטש אונדזער שטאָט האָט נאָך ניט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון אַ פּאָגראָם, צי זענען מיר פאַרזיכערט פאַרן מאָרגן? ליבע עלטערן איך ווייס אַז איר האָט געפּראַוועט מיין בר־מצוה, ווייל איר האָט מיך ליב אָבער איך און איר ווייסן גוט אַז איצט איז ניט די צייט אויף פראַוועןן יום טובים.״ ביי די ווערטער איז דער עולם ווי פאַרגליווערט געוואָרן. די מאַמע האָט געוויינט. זי האָט געזען ווי אברהמל איז פאַרמאַטערט, האָט זי אים גענומען אין אַ צווייטן צימער, ער זאָל זיך לייגן און אָפּרוען.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן מיר אין אונדזער שטאָט געהאַט אַלס גאַסט פּעטלוראַן ימח שמו. די פאָרשטייער פון די יידן האָבן אים באַגעגנט מיט זאַלץ און ברויט און ער האָט פאַר זיי געהאַלטן אַזאַ רעדע: — „איך בין פּעטלוראַ דער וואָלף, שוין אין אַ סך שטעט אַרום מאָנאַס־טריטש האָב איך געמאַכט פּאָגראָמען, אויסגעראָטן אַ סך יידן. אייער שטאָט וועל איך אָבער שאַנעווען״. פאַרשטייט זיך אַז מען האָט אים דערפאַר צוגעטראָגן אַ גרויסע קאָנטרעבוציע. חוץ דעם האָט ער גאָר ניט געהאַט קיין צייט ביי אונדז צו מאַכן אַ פּאָגראָם, ווייל ער איז געיאָגט געוואָרן דורך דער רויטער־אַרמיי.

אונדזער שטאָט האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַ פּאָגראָם, אָבער ניט אויף לאַנג, ווייל ווען דעניקינס אַרמיי האָט פאַרנומען אונדזער שטאָט האָבן זיי דריי טעג „געיומטובט״ ביי אונדז און דריי טעג האָבן זיי גע־

מאָרדעט און פאַרוואונדעט יידן. כמעט ניט געווען קיין משפּחה אָן עטלעכע קרבנות. ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז אויב די פּאָגראָמטשיקעס טרעפן ניט קיינעם אין אַ הויז צינדן זיי דאָס אונטער. אונדזער משפּחה איז אין די טעג אַריבער צום שכן קלמן דעם שוסטער. אין זיין דירה איז געווען אַ הינטער־שטיבל, וואָס מען האָט ניט געקאָנט גלויבן אַז דאָרט וווינען מענטשן. זענען צו אים אַריין נאָך משפּחות. דאָ איז געווען אַ טיפער קעלער, האָט מען די מיידלעך און יונגע ווייבלעך דאָרט אַראָפּ־געלאָזט און אַרונטערגעלאָזט דעם לייטער. דערצו האָט אויך געהערשט אַ טיפוס און צווישן די קראַנקע זענען אויך געווען מיינע צוויי שוועס־טערס, רחל און האָדל. האָט מען זיי אַריינגעלייגט אין בעטן און געלייגט נאַסע קאָמפּרעסן אויף זייערע שטערנס. אין מיטן טאָג האָבן דריי באַנדיטן זיך אַריינגעריסן אין שטיבל פון קלמן דעם שוסטער און ער האָט געבעטן די באַנדיטישע סאָלדאַטן זיי זאָלן ניט צוגיין צו די קראַנקע ווייל זיי קענען זיך אָנשטעקן מיט טיפוס. ווען זיי האָבן זיך דערגענטערט צום קעלער האָט ער זיי געזאָגט אַז אין דעם קעלער פאַלן אַראָפּ שטיקער טינק און עס איז אַ סכנה דאָרט אַראָפּצוגיין, ווען זיי האָבן דאָך גע־וואָלט אַראָפּגיין האָט ער זיי געוואָרנט, אַז וואָס עס וועט זיי געשען איז ער ניט פאַראַנטוואָרטלעך און דאָס וועט זיין זייער שולד. האָבן זיי אים ברוטאַל אַ שטופּ געטאָן, אַ שפּיי געטאָן אויף אים, אָנגערופן אים טשודאַק און אַוועק.

אין שטאָט און אין די אַרומיקע שטעטלעך זענען אָנגעגאַנגען בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן, מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז אונדזער זיידע ברוך וואָס איז פון אונדז אַ צעפּרידענער צוריקגעפאָרן אַהיים איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן פון דעניקינס באַנדיטן. עס איז דאָרט שווער געווען צו באַקומען אַ דאָקטאָר, אויך ניט קיין מעדיקאַמענטן איז ער, אין די הויכע אַכציקער, אַוועק אין דער אייביקייט, בלייבנדיק מיט ליבע איינ־געקריצט אין מיין זכרון. אָבער אויך מיר דאָ זענען געלעגן באַהאַלטן און געציטערט פאַר די פּאָגראָמשטשיקעס. מיין ברודער אברהמל האָט זיך אָבער ניט געוואָלט אויסבאַהאַלטן און בשעת דעם פּאָגראָם האָט ער געוואָלט גיין צוריק צו אונדזער פאַרלאָזענער שטוב. אונדזער באָבע

איז מיט אים מיטגעגאַנגען און אויך איך, כאָטש איך האָב שטאַרק מורא געהאַט. ווען עס איז געוואָרן שטאַרק פינצטער און אַרום האָבן געברענט הייזער איז מיר אַלס עלף־יעריק קינד באַפאַלן אַ גרויסע שרעק און כ'האָב געבעטן מיין ברודער מיר זאָלן צוריקגיין צו די עלטערן, צום שוסטערס הינטערשטיבל. מיין ברודער האָט אַנגענומען מיטביידע הענט ביי דער פאַרענטשע פון בעט און מיט אַ שטאַרקע שטימע מיר געזאָגט: — „ביסט ווי אַן אַלטע באָביצע, האָסט מורא? פאַרן טויט דאַרף מען ניט מורא האָבן, ער קומט במילא ווו מען זאָל זיך נאָר ניט באַהאַלטן". מיין באָבע זעענדיק מיין שרעק און דאָס פייער אַרום האָט מיך אַרויס־געפירט צו דער טיר, וואָס איז געווען אַנטקעגן דעם שוסטערס הינטער־שטיבל, ווו מיין גאַנצע משפחה איז געווען באַהאַלטן, בין איך אַהין אַריבערגעלאָפן און די טיר האָט זיך תיכף פאַר מיר געעפנט. נאָך האַלבע נאַכט איז דאָס שטובל פול געוואָרן מיט רויך פון די פייערן אַרום אַזוי, אַז מיר האָבן געמוזט אַרויס אין דרויסן און געזען ווי אין אונדזער הויז זענען אַלע פענצטער אויסגעבראָכן און פאַרשטעקט מיט קישנס. מיין ברודער הערשל האָט אַריינגעשטופט דאָס קישן פון קיך־פענצטער און אַריינגעשריגן: „באָבע, אברהמל, אַנטלויפט צום טייך, ווייל עס ברענט אַלץ אַרום און אַרום!".

זענען מיר אַלע געלאָפן צום טייך. דאָרטן איז געשטאַנען אַ גרויס הויז ווו דער גרובאַלניק פון אונדזער שטעטל האָט געוווינט. אויך דאָ זענען געווען אויסגעבראָכן די טירן און פענצטער. אין איין צימער האָבן מיר געפונען דעם יונגן גרובאַלניקס זון טויט, אין אַ צווייטן צימער האָבן מיר געפונען דעם עלטערן זון זיינעם פאַרוווּנדעט, מיט אַן אָפּגע־האַקטע האַנט. נאָך האַלבע נאַכט איז אין שטעטל געוואָרן שטיל, די באַנדיטן האָבן זיך אָפּגערוט נאָך אַ גאַנצן טאָג און האַלבער נאַכט שווערע „עבודה" פון מאָרד און רויב.

פאַרטאָג האָבן מיר מיטגענומען דעם פאַרוווּנדעטן זון פון גרובאַלניק און מיר זענען געלאָפן צוריק צום שוסטערס שטוב. נעבן אונדזער הויז האָט מיין עלטסטער ברודער הערשל ווידער גענומען רופן אונדזער באָבען

און אברהמלען, אָבער קיין ענטפער איז ניט געקומען, איז הערשל אַריין אין שטוב דורכן קיך־פענצטער און אַרויסגעקומען דורך דער טיר אַ טויט־בלאַסער און געפאַלן חלשות...

נאָכן דריטן טאָג האָט די רויטע אַרמיי איבערגענומען די שטאָט, ערשט דאַן האָבן מיר געקענט זען אונדזער אומגליק. אין אונדזער הויז איז געלעגן מיין ברודער אברהם אין בעט אַ צעריסענער פון אַ גראַנאַט, די געדערעם אַרויס פונעם בויך, אַפילו די ווענט און דער סופיט זענען געווען באַשפריצט מיט בלוט. האַלב אויפן בעט, האַלב אויף דער ערד איז געלעגן אונדזער טייערע באָבע אַ שטייפע מיט צעהאַקטע הענט. האָבן אַלע משפחות זיך גענומען צו ברענגען זייערע קרבנות צו קבר־ישראל. מיין פאָטערס אַ שוועסטערקינדס טאָכטער איז אויך געווען צווישן די הרוגים. האָט מיין פאָטער מיט מיין עלטסטן ברודער הערשל געדונגען אַ שליטן מיט פערד אָוועקצופירן די הרוגים אויף דעם עולם האמת. ביי יידן איז אָנגענומען מיטצונעמען אַלע אברים פון דעם מת צו דער קבורה, אַפילו דאָס בלוט. האָב איך מיט מיין שוועסטער האָדל, געווען מיט פינף יאָר עלטער פון מיר, אָנגעזאָדן סאַמאָוואַרן מיט הייס וואַסער, באַגאָסן דאָס פאַרפרוירענע בלוט פון דער פאָדלאָגע, אויך אויסגעוואַשן דאָס בלוט פון דעם בעטגעוואַנט, אַפילו אָפּגעקראַצט דאָס בלוט פון די ווענט, דאָס מיטצונעמען צו דער קבורה.

ווען דער שליטן איז אָפּגעפאָרן צום בית עולם האָב איך געפונען אַ נאָגל פון מיין באָבעס האַנט... איז מיר געקומען אַ שטאַרקער פאַרלאַנג מיטצוגעבן אויך דעם נאָגל צו קבורה. בין איך אַרויס פון הויז און גע־לאָזט זיך לויפן נאָכן שליטן. איך האָב געוואָלט דאָס זיי זאָגן נאָר ניט געקענט אַרויסלאָזן קיין קלאַנג פון מויל. מיין פאָטער האָט געמיינט אַז כ׳וויל ער זאָל מיך מיטנעמען האָט ער געהייסן דעם בעל־עגולה וואָס גיכער פאָרן. אונדזער שכנס זון איז מיר נאָכגעלאָפן, מיך געכאַפּט שוין ביי דער בריק. האָט ער מיך גענומען אויף די הענט. דאָס בלוט האָט גענומען מיר רינען פון דער נאָז האָט ער מיך געבראַכט צום דאָקטאָר, וואָס האָט געלאָזט דאָס בלוט אָפּרינען אויב ניט וואָלט איך משוגע געוואָרן. נאָכן צוריקקומען פון בית עולם האָט מיין פאָטער געבעטן די

שכנים זיי זאָלן דאַוונען ביי אונדז אין שטוב, מען זאָל קאָנען זאָגן קדיש. ווען די יידן האָבן געדאַווּנט האָב איך, זיצנדיק בײַ דער רובע, ניט אַראָפּגענומען מײַנע אויגן פון דער וואַנט און סטעליע, כאָטש דאָס בלוט איז שוין געווען אָפּגעקראַצט. אין דער צייט בין איך געוואָרן אויס קינד. מער ניט געשפּילט זיך, מער ניט געלאַכט... און אַלץ אָן אויפהער גע־בענקט צו דעם שטילן נעכטן, ווען עס האָט נאָך געלעבט מײַן ברודער אברהמל ווען כ׳האָב אַזוי ליב געהאַט און מײַן טײַערע באָבע, ווען אַלץ איז נאָך געווען פרידלעך און ליב.

ווען די ווײַס־גוואַרדייער זענען געטריבן געוואָרן ביז אָדעס, צום שוואַרצן ים, און זיי האָבן דאָרט געהאַט זייער שוואַרצע מפּלה, איז מאַנאַסטריטש ווידער געבליבן אָן אַ מאַכט, האָט דער יידישער אַפּטייקער באַשלאָסן אַוועקצופאָרן פון מאַנאַסטריטש און פאַרקויפט זײַן הויז און אַפּטייק און די סחורות. זענען אַרײַן אין אַפּטייקערס הויז דרײַ יידישע און דרײַ פּויערישע בחורים און זיי האָבן דערשאָסן דעם פאַרקויפער און דעם קויפער, פאַרגוואַלטיקט דעם אַפּטייקערס ווײַב און זײַן טאָכטער און דערנאָך זיי דערהרגעט. אַ בחור וועלכער האָט געאַרבעט אין דער אַפּטייק און איז אין דער נאַכט דאָרט געווען, האָט באַוויזן זיך צו באַהאַלטן און ווען די באַנדיטן זענען געווען פאַרנומען מיטן צעטיילן צווישן זיך דאָס צוגעראַבעוועטע געלט איז ער אַרויסגעלאָפן פון הויז. די באַנדיטן האָבן דאָן אים באַמערקט און געשאָסן אויף אים, געטראָפן אין פוס און ער איז געפאַלן. די באַנדיטן האָבן געמיינט אַז ער איז טויט און זיי זענען אַנטלאָפן. די יידישע זעלבסטשוץ דערהערנדיק דעם שאָס זענען זיי גלייך געקומען צולויפן צו דער אַפּטייק און דער פאַרוווּנדעטער האָט זיי דערציילט ווער עס זענען געווען די זעקס באַנדיטן. פון די דרײַ יידישע איז איינער געווען אַ זון פון אַ שניידער, פון אַ טאַטן וואָס איז ביי אַלעמען געווען באַליבט. דער צווייטער אַ זון פון דער טיקערין אין באָד, אַן אָרעמע אלמנה, אַ גוטע און ווילע פרוי. די יידישע זעלבסטשוץ האָט גלייך אין דער נאַכט געכאַפּט אַלע דרײַ יידישע באַנדיטן און די פּויערים האָבן געכאַפּט זייערע באַנדיטן אויך פון באַלעבאַטישע פּויערים און אויך זיי איבערגעגעבן צו דער יידישער

זעלבסטשוץ. אַלס שופטים זיי צו משפטן זענען באַשטימט געוואָרן דער גלח און דער רב ווי אויך דריי יידן און דריי אַנגעזעענע פויערים.

דער משפט איז פאָרגעקומען אויפן מאַרק. די ריכטער איז, צוליב די עלטערן פון די באַנדיטן, ניט לייכט געווען זיי צו געבן טויט־שטראָף. אָבער דאָס פאָלק וואָס האָט אַרומגערינגלט די פּלאַטפאָרמע, ווי עס זענען געזעסן די ריכטער און די באַנדיטן — האָבן געפאָדערט טויט־שטראָף. די פויערישע ריכטער האָבן דערקלערט אַז זיי וועלן אָנעמען יעדע שטראָף פון די יידישע ריכטער. אָבער די יידישע ריכטער האָבן זיך געוואָקלט צו געבן זיי טויט־שטראָף. פלוצעם איז דורכגעגאַנגען דער גאַרבער פון שטאָט, ביי וועמען די דעניקינישע אַרמיי האָט דערמאָרדעט איינעם פון זיינע זין און דעם צווייטן אָפּגעהאַקט אַ האַנט. איז ער צו צו דער פלאַטפאָרמע מיט אַ גראַבליע אין דער האַנט און געזאָגט, מיט אַ פעסטער שטימע: „אויב איר וואַקלט זיך וועל איך מיט מיין גראַבליע דורכפירן איבער זיי די שטראָף וואָס זיי קומט". און זיי האָבן באַקומען טויט־שטראָף.

אין דער נאַכט פון דעם איבערפאַל איבער דעם אַפטייקער איז מיין ברודער הערשל געווען אויף דער וואַך פון דער יידישער זעלבסטשוץ. ווען די חברה האָבן געלאָזט זיך איבער דער שטאָט צו זוכן באַנדיטן, האָט הערשל אַראָפּגעשלעפּט דעם שניידערס זון פון טאַטנס בוידעם. ווען הערשל האָט געבונדן די הענט פון דעם פאַרברעכער האָט זיין פאָטער געבעטן הערשלען מיט די ווערטער: — „מאַך זיך ניט זעענדיק און נעם ניט!" און ווען מיין ברודער האָט אים געשלעפּט צו דער זעלבסטשוץ האָט דער שניידער געדראָט הערשלען אַז ער וועט זיך מיט אים אָפּ־רעכענען. ווען מיינע עלטערן האָבן זיך דערוווּסט פון אָט דער דראָאונג האָבן זיי צומאָרגנס איינגעפּאַקט הערשלס קליידער, געגעבן אים געלט און הערשל איז אַוועק צו דער בעסאַראַבישער גרענעץ, וואָס האָט אין יענער צייט געהערט צו רומעניע. אויפן וועג קיין בעסאַראַביע האָט הערשל זיך אָפּגעשטעלט אין טערניווקא, פּאָדאָלער גובערניע, צו געזע־גענען זיך מיט מיין מוטערס משפחה, ווייל ער האָט געגרייט זיך פון רומעניע צו פאָרן קיין אַמעריקע. פון טערניווקע איז מיין מוטערס

שוועסטערס אַ זון מאָטל מיטגעפּאָרן צו דער רומענישער גרענעץ מיט הערשלען. האָבן ביידע יונגע, שיינע בחורים קומענדיק צו דער גרענעץ־שטאָט קאַמינקאַ, אָנשטאָט אַריבערגיין די גרענעץ זיך גאָר באַקענט דאָ מיט מיידלעך און געפּטרט זייער געלט. אַז די קעשענעס זענען געווען שוין ליידיק האָבן ביידע בחורים באַשטימט, אַז הערשל זאָל פאָרן קיין טערניווקע צו שאַפן פון דער משפּחה געלט פאַר מאָטלען און אויך באָרגן געלט פאַר זיך, ביי איינעם פון די פעטערס, וואָס האָט פּראָדוצירט אין טערניווקע אייל און מיין פאָטער פלעגט אים שיקן צוקער און ער פלעגט שיקן אייל קיין מאָנאַסטריטש.

ווען אונדזער ברודער איז געקומען פון קאַמינקאַ קיין טערניווקע זענען גראָד אָנגעקומען דריי פורן מיט צוקער קיין טערניווקע און מיט זיי מיין שוועסטער רחלס חתן אַרקע לערמאַן און האָט צוגערעדט מיין ברודער הערשלען ער זאָל מיט אים פאָרן אַהיים כאָטש אויף שבת, ווייל די מאַמע וואָלט אים קיינמאָל ניט מוחל געווען, וואָס טרעפנדיק הערשלען האָט ער אים ניט געבראַכט אַהיים. איז הערשל מיט אים מיטגעפאָרן. אָבער אויפן וועג צווישן די ביידע שטעט, איז אַ באַנדע זיי באַפאַלן צוגענומען ביי זיי דאָס געלט און דעם בוימל. אויסגעטאָן הערשלען מיט אַרקען אָדם־נאַקעט. האָבן די אָנטרייבער זיי געגעבן ליידיקע זעק און הערשל מיט אַרקען האָבן דערמיט זיך פאַרדעקט און נאַקעטע און די ליידיקע וועגענער אָנגעקומען קיין מאָנאַסטריטש.

אַז מיינע עלטערן האָבן דערזען דעם גאַסט האָבן זיי גענומען ביי אונדזער שכנס זון זיין קאָסטיום און געגעבן הערשלען געלט ער זאָל גלייך צוריקפאָרן קיין קאַמיענקאַ. ווען מיין ברודער איז געקומען צוריק קיין קאַמיענקאַ האָט ער דאָרט געטראָפן אַ לויה. די יידישע משפּחה ביי וועלכע מאָטל האָט געוווינט, זייענדיק זיכער אַז מאָטל האָט אַ סך געלט, האָבן זיי אים אַריינגעלייגט סם אין עסן און ער איז געשטאָרבן, איז הערשל נאָכן טויט פון זיין קוזין גלייך אַריבער די גרענעץ קיין בעסאַראַביע.

אַ פּאָר חדשים נאָכדעם האָט מיין שוועסטער רחל געגרייט זיך צו איר חתונה. מאָנאַסטריטש האָט געהאָט איר אייגענע קאַפּעלע קלעזמער, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פאָטער און אַ זון. זיי האָבן זייער גוט גע־

שפּילט. האָט מיין פאָטער זיי באַצאָלט, אָבער ער האָט ניט געהייסן שפּילן אויף דער חתונה, ווייל דאָס שטעטל איז נאָך געווען אין טיפן טרויער. אָבער נאָכדעם ווי די כלה מיט די מחתנים זענען געגאַנגען פון אונדזער הויז צו דער קלויז, שטעלן די חופּה און אַז מען איז דורכגעגאַנגען דעם קלעזמערס הויז, זענען זיי אַרויס אויף דעם גאַניק און אויפגעשפּילט אַ חתונה-מאַרש, אַז אַלע אַרום האָבן זיך שטאַרק צעוויינט.

מיין שוועסטער רחל איז געווען אַ זייער שרעקעוודיקע און געוואָרן וואָס אַמאָל מער נערוועז. זי פלעגט גאַנצע נעכט ניט שלאָפן און זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך. זייער אָפט האָט זי אונדז אויפגעוועקט אין מיטן נאַכט. אָפט מאָל איז דאָס געווען זייער נוצלעך, באַזונדער ווען עפּעס אַ באַנדע איז אַריין אין דער שטאָט און מען האָט זיך באַדאַרפט באַהאַלטן. איינמאָל איז רחל געלאָפן מיט איר מאַן זיך באַהאַלטן און זענען אַריין אין אַ גרוב פון זשאַמס, דאָס דער אָפּפאַל פון די ווייסע בוראַקעס פון וועלכע מען מאַכט צוקער. דער זשאַמס ווערט אָנגעזאַמלט אין אַ טיפן גרוב, ווען מען פאַרקויפט דעם זשאַמס בלייבן די ווענט פון דעם גרוב שטאַרק גליטשיק. האָבן מיר טאַקע קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זענען זיי אַרויס פון אָט דעם גרוב. אַ צווייטמאָל, אויף אַ גלאַנג אַז אַ באַנדע קומט אין דער שטאָט האָט רחל און איר מאַן אַרקע געדונגען אַ פויער מיט פערד און וואָגן און אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט, זיי האָבן דעם פויער געהייסן וואָס גיכער טרייבן די פערד, האָט דער וואָגן זיך איבערגעקערט, רחל איז גוט צעקלאַפּט געוואָרן. אַרקע איז אַרויס אַ גאַנצער. ווען אירע ווונדן האָבן זיך פאַרהיילט האָבן מיינע עלטערן זיי געגעבן דעם נדן און אויך זיי זענען אַוועקגעפאָרן קיין קאַמיענקאַ צו דער גרענעץ.

אין זעלבן יאָר האָבן מיינע עלטערן באַשלאָסן אַז מיר פאַרלאָזן מאַנאַסטריטש. פאַרקויפט זייער הויז, די קלייט און געגרייט זיך צו פאָרן צו דער גרענעץ. האָבן מיר אָבער געהאַט ביי זיך דאַן אונדזער עלטסטע שוועסטער שרהקע, זי האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט פאַר אַ קענעלער בחור, אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון מאַנאַסטריטש, נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעדינט אין דער צאַרישער אַרמיי און אין דער צייט פון דער מלחמה געווען אין געפאַנגעניש, ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט אין

געוואָרן אַ מיליטערישער פעלטשער. נאָך זייער חתונה האָט ער פון דעם באַקומענעם נדן געעפנט אַן אַפּטייק און אויך געהיילט קראַנקע. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע איז ער דורך דער רויטער־אַרמיי מאָביליזירט געוואָרן אין רויטן־קרייץ. שרהקע איז דאַן געווען שוואַנגער איז זי געקומען צו אונדז צו געבוירן איר קינד, וואָס זי האָט אַ נאָמען געגעבןביילע, נאָך אונדזער אומגעקומענער באָבען ביילע. ווען מיר האָבן געגומען זיך גרייטן אין וועג אַריין האָט שרהקע ניט געוואָלט פאָרן צוריק צו איר היים אין קענעלע, אויך ניט געוואָלט בלייבן אין מאָנאַסטריטש נאָר פאָרן מיט אונדז. מיין פאָטער האָט איר געראָטן זי זאָל וואַרטן ביז איר מאַן וועט באַפרייט ווערן פון דער אַרמיי און דערנאָך פאָרן, זי האָט אָבער געדראָט אַז אויב מיינע עלטערן וועלן זי ניט מיט־נעמען מיט זיך וועט זי מיטן קינד זיך וואַרפן אונטער די רעדער פון די וועגענער. צום גליק איז גראָד געקומען איר מאַן אויף אורלויב, און ער האָט באַשלאָסן צו דיזערטירן פון דער אַרמיי און אויך פאָרן מיט אונדז.

האָבן מיר געגרייט זיך אין וועג אַריין. אין יענער צייט האָט מען באַדאַרפן זיין זייער פּראַקטיק מיט פירן געלט, האָבן מיינע עלטערן גענומען אַ הילצערנעם מולטער אין וועלכן מען פלעגט פאַרקנעטן דאָס טייג פאַר חלות, זיי האָבן געשפּאָלטן דעם דנאָ, אַריינגעלייגט דאָס געלט און פאַרקלאַפּט פון אינעווייניק און פון דרויסן מיט בלעך אין דעם מולטער איז די קליינע ביילע געשלאָפן און זיך געשפּילט. איינגעפּאַקט אַביסל זאַכן זענען מיר מיט דריי וועגענער אַכט מענטשן: מיינע עלטערן, איך חייקע, שרהקע און איר מאַן מיט זייער טעכטערל ביילע, זיך גע־לאָזט אין וועג. מיינע עלטערן האָבן באַשטימט אויפן וועג זיך אָפּצושטעלן אין טערנייקע, ביי מיין מוטערס משפּחה, צו פאַרברענגען מיט זיי אַ וואָך און זיך געזעגענען מיט דער משפּחה.

אין טערניוועקע האָט איינע פון אונדזערע מומעס טאָכטער רבקה מיט איר מאַן אברהם זאַסלאַווסקי באַשלאָסן מיט אונדז מיטצופאָרן. זענען מיר שוין געווען 10 מענטשן אויף די דריי פורן. צו אונדזערע דריי וועגענער זענען צוגעשטאַנען נאָך זיבן וועלכע זענען אויך געפאָרן צו

דער בעסאַראַבישער גרענעץ. אויף איינע פון די דריי וועגענער, ווי אויף די קאַסטענעס באַדעקט מיט בעטגעוואַנט בין איך געזעסן מיט מיין יונגערן ברודער מאָטל. האָבן מיר ביידע זיך געשפּילט און זיך צעקריגט, איך האָב אים אַ שטופּ געטאָן און ער איז אַראָפּגעפאַלן און באַקומען אַ לאָך אין קאָפּ. האָט אונדזער משפחה צוליב דעם זיך געמוזט אומקערן קיין טערניווקע צו אַ דאָקטאָר. די איבעריקע וועגענער זענען געפאָרן ווייטער. צומאָרגנס זענען געקומען קיין טערניווקע זייערע ליידיקע וועגענער מיט די אַנטרייבער, וואָס האָבן דערציילט, אַז אויפן וועג זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון אַ באַנדע נעבן וואַלד, וואָס האָבן באַראַבעוועט און אויסגעהרגעט אַלע יידן, וואָס זענען מיט זיי מיטגעפאָרן. אַזוי האָט אַ דאַנק דעם לאָך אין מאָטלס קאָפּ געראַטעוועט געוואָרן אונדזער לעבן. דאָס יונגע פּאָרל אונדזער מומעס טאָכטער און מאַן האָבן ווייטער ניט געוואָלט פאָרן און זענען געבליבן אין טערניווקע. ווי זיי זענען שפּעטער, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, אומגעקומען דורך די נאַציס אָדער צו פון סטאַלינען דאָס ווייסן מיר ניט.

אין משך פון אַ וואָך האָט זיך מאָטלס וווּנד פאַרהיילט און מיר זענען, פול מיט שרעק און זאָרג, בשלום אַריבער דעם וואַלד.

אָפּפאָרנדיק אַ שטעקע, נאָך דעם וואַלד איז אונדז אַנטקעגנגעריטן דריי רייטערס. מיר האָבן ניט געוווּסט צי זיי זענען רויט־אַרמייער אָדער פון עפּעס אַ באַנדע, פאַר אונדזער שוואָגער האָט מאָטל געדראָט צוויי געפאַרן, אויב דאָס זענען באַנדיטן וועט ער אומקומען מיט אונדז אַלעמען און אויב רויט־אַרמייער וועלן זיי אים אַרעסטירן אַלס דיזערטער. דאָס זענען געווען רויט־אַרמייער און זיי האָבן אים אַרעסטירט און גענומען קיין בערשאַד, פּאָדאָליער גובערניע. מיין מוטער מיט שרהקען זענען מיטגעפאָרן קיין בערשאַד, ווי עס האָט געוווינט מיין מוטערס אַ שטיף־שוועסטער, וועמענס משפחה זענען אָנגעזעענע מענטשן אין דער שטאָט און מיר האָבן געגלויבט, אַז מיט זייער הילף וועט מען מאָטלען באַפרייען. מיין פאָטער, האָדל, איך און מיין יונגסטער ברודער מאָטל זענען פאַרפאָרן קיין טעטשעלניק 15 וויאָרסט פון בערשאַט. פאַרפאָרן זענען מיר דאָרט אין דער איינציקער אכסניה, וואָס די שטאָט פאַרמאָגט.

טעטשעלניק איז געווען אַ זייער רײן שטעטל, כאָטש ניט קיין נייע הייזער, אָבער פול מיט גרינוואַרג, אַ קליין שטעטעלע, וואָס אַ קינד האָט געקענט עס אין מינוטן דורכלויפן, מיט אַ לויטער טײכל, אַז מען האָט געקאָנט זען די שטיינדלעך און די פישלעך. אַז מען האָט געטראָפן אַ טעטשעלניקער יידן און אים געפרעגט — פון וואַנען איז אַ ייד? האָט ער גלייך געענטפערט — איר זענט אַליין משוגע! ווייל אין דער געגנט האָט מען די טעטשעלניקער גערופן — טעטשעלניקער משוגעים. טע־טשעלניק האָט זיך דאַן געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דער רויטער־אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָלק קאָזאַקן וואָס זענען פון דער ווייסער אַריבער צו דער רויטער־אַרמיי. דעם צווייטן טאָג זייענדיק אין טעטשעלניק זענען געקומען צו אונדז אין אכסניה דריי קאָזאַקן, געזוכט קאָנטראַבאַנדע און צוגענומען ביי אונדז: צוקער, טיי, מעל, מאַלינע־סאָק (מען זאָל דאָס ניט באַדאַרפן), זייף און נאָך פּראָדוקטן וועלכע עס איז שווער געווען צו באַקומען און מיין מוטער האָט דאָס מיטגענומען אין וועג. די קאָזאַקן האָבן קיינעם ניט אַנגערירט, צוגענומען און אַוועק, זאָגנדיק העפלעך אַ גוטע נאַכט!

צומאָרגנס בין איך מיט מיין שוועסטער האָדל, קעגן ווילן פון מיין פאָטער, אַוועק צום נאַטשאַלניק פון דער רויטער־אַרמיי. ער האָט אונדז געפרעגט וואָס מיר פאַרלאַנגען און מיר האָבן אים דערציילט, וואָס עס איז אונדז געשען און מיר האָבן געפאָדערט מען זאָל אונדז צוריקקערן אַ העלפט פון אונדזערע פּראָדוקטן, נעמענדיק אין אַכט וואָס די רויטע־אַרמיי נויטיקט זיך אין הילף. מיר האָבן אים געזאָגט, אַז אויך די ציווילע באַפעלקערונג ליידט פון דעם בירגער־קריג און מיר יידן דערצו פון פּאָגראָמען, מיר מוזן פאַרלאָזן אונדזערע היימען צו ראַטעווען אונדזער לעבן, בלייבנדיק אָפט אָן מיטלען צום לעבן. מיר האָבן געפרעגט דעם נאַטשאַלניק צי די קאָזאַקן האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש ביי אונדז צונעמען פּראָדוקטן? זיי האָבן לויטן קאָמוניסטישן יושר זיך באַדאַרפט מיט אונדז טיילן. דער נאַטשאַלניק האָט אונדז געגעבן גערעכט, מיט אַ פייף צונויפגערופן דעם פּולק. זיי אויסגעשטעלט אין אַ רייע, מיר זענען דורכגעגאַנגען די רייע און מיין שוועסטער האָדל האָט דערקענט

און אָנגעוויזן אויף די קאָזאַקן. האָט דער נאַטשאַלניק באַפרייט דעם פּולק און די דריי קאָזאַקן אַריינגענומען אין זיין קאַנצעלאַריע, געגעבן זיי אַ לעקציע וועגן יושר און זיי באַפוילן צו נעמען אַ בריטשקע און אָפּפירן אַ העלפט פון די פּראָדוקטן אין אונדזער אכסניה. אין זעלבן טאָג זענען אָנגעקומען אונדזער מוטער מיט שרהקען און איר מאַן און צומאָרגנס פרי זענען מיר אָפּגעפאָרן. אָן שום צופאַלן זענען מיר אָנגע־קומען קיין קאַמינקע־פּאָדאָל.

אונדזער מוטער אַן ענערגישע פרוי, וואָס קיין שום אַרבעט האָט איר ניט געשראָקן, האָט דאָ גיך באַקומען צוויי צימערן און אייגעשטעלט אַ באַלעבאַטישקייט. איינגעקויפט, געקאָכט און געבאַקן. אַ דאַנק אונדזער מוטער האָבן מיר קיינמאָל ניט געליטן פון קיין הונגער. זי האָט פון גאָרניט געקענט אָפּקאָכן אַ געשמאַקן מיטאָג.

דערווייל האָט מיין פאָטער אָנגעהויבן צו פאַרהאַנדלען מיט גרענעץ־שמוקלער, זיי זאָלן אונדז אַריבערפירן אויף דער צווייטער זייט גרענעץ. ער האָט אָבער ניט געהאַט גענוג צו באַצאָלן וויפל זיי האָבן געפאָדערט, איז באַשלאָסן געוואָרן מיר זאָלן זיך צעטיילן אין צוויי פּאַרטיעס. מיינע עלטערן, איך און מיין ברודער מאָטל וועלן גיין די ערשטע און שרהקע מיט איר מאַן און קינד און האָדל וועלן בלייבן אין קאַמינקע ביז מיר וועלן אָנקומען קיין קישעניעוו. ווי עס האָט זיך שוין געפונען מיין שוועסטער רחל מיט איר מאַן און מיין ברודער הערשל און מיט זייער הילף וועלן מיר שאַפן געלט אַריבערצוברענגען די צווייטע פּאַרטיע. כאָטש עס איז ביטער געווען די צעטיילונג האָבן מיר קיין צווייטן אויס־וועג ניט געהאַט.

קאַמינקאָ איז געווען אַ זייער שיינע שטאָט, מיט שיינע הייזער, אַ שיינער פּאַרק מיט אַ סך פרוכט־ביימער, זענען מיר דורך אַ שיינער גאַס געגאַנגען צום דניעסטער דורך וועלכן מיר האָבן באַדאַרפט שוואַרצן די גרענעץ. פּאָרויס אונדז איז געלאָפן אַ צוועלף יעריק בחורל, גע־שפּרונגען אויף איין פוס און מיר זענען אים נאָכגעגאַנגען, ווי מיר וואָלטן ניט געוווסט וואָר ער איז. פון אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַ גרופּע מענטשן, געפירט פון רויט־אַרמייער, וועלכע האָבן זיי געכאַפּט ביים וועלן אַריבער־

גיין די גרענעץ. פון דער גרופּע האָט אַ פּרוּוי צו אונדז געשריגן — „יידן גייט ניט מ׳וועט אייך אַרעסטירן! מיר זענען שוין געווען אויף דער פרייער וועלט נאָר מען האָט אונדז געכאַפּט". מיר האָבן ניט געענטפערט און שווייגנדיק געגאַנגען אונדזער וועג. דאָס יינגל וואָס איז געלאָפן פאָרויס איז ערגעץ אַנטרינען. מיר האָבן געהערט דאָס רוישן פון דניעסטער, געפילט דעם ריח פון פיש. מיר זענען צוגעקומען צו אַ גרויסן שטיין ווי עס זענען געלעגן מענטשן. עס איז אָנגעפאָרן אַ פּויער מיט אַ וואָגן און אונדז צוגעפירט נענטער צום דניעסטער. דאָ האָבן מיר צווישן די קוסטן באַמערקט ביים ברעג אַ מאַן, מיט אַ שיפל וואָס האָט ניט געקענט אַריינ־נעמען מיר ווי פיר מענטשן צוזאַמען מיטן רודערער. מיר זענען געווען פיר, האָבן מיר זיך געמוזט צעטיילן. די עלטערן מיינע מיט מאַטלען זענען געגאַנגען פריער און איך מיט אַן עלטער פּאָרפאָלק, האָט דער שיפלער געלאָזט אויף די סאַמע לעצטע. איך בין געווען זיכער אַז כ׳וועל מיינע עלטערן און מאַטלען מער קיינמאָל ניט זען, ווייל ווען מיר אַלע זענען שוין געווען אויף דער בעסאַראַבישער זייט האָבן צוויי מענער אונדז אַריינגעפירט טיף אין אַ וואַלד, אָן וואַסער, אָן עסן און אונדז דאָרט איבערגעלאָזט צוזאָגנדיק אַז מאָרגן וועלן זיי אונדז ברענגען עסן און וואַסער און דערנאָך אונדז פירן קיין ווערטעזשאַן. צומאָרגנס איז אָבער קיינער ניט געקומען נאָר פּויערים האָבן אין וואַלד געזעגטביימער. זענען צוויי יידן פון אונדזער גרופּע אַוועק צו די פּויערים און זיי געזאָגט אַז 21 יידן זענען אין וואַלד אָן עסן, אָן טרינקען און זיי געבעטן אַז ווען זיי וועלן צוריקגיין פון דער אַרבעט אין זייער דאָרף אַריין זאָלן זיי אונדז מיטנעמען צום סטאַראָסטע פון דאָרף. זיי האָבן מסכים געווען און דערווייל געטיילט זיך מיט אונדז מיט זייער עסן און געגעבן אונדז וואַסער צו טרינקען. צום סוף פון טאָג האָבן זיי אונדז מיטגענומען אין זייער דאָרף אַריין. דאָ האָט דער סטאַראָסטע אָפיציעל אונדז אַרעסטירט. זיין פרוי האָט אַריינגעבראַכט פרישע שטרוי אויסגעבעטט אויף דער פּאָדלאָגע פון שענסטן צימער און געלייגט די קינדער שלאָפן און פאַר די דערוואַקסענע האָבן די שכנים געבראַכט מאַלאַיען, וואָס ווערט געבאַקן פון קאָקורודזע־מעל צום עסן. די יידן האָבן געבעטן דעם

סטאַראָסטע ער זאָל שיקן אַ שליח קיין וועטערזשאַן, ווייל עס איז געווען פרייטיק שוין נאָענט צו ליכט־בענטשן, זאָל דער שליח גיין גלייך אין שול אַריין און זאָגן די יידן, אַז 21 יידן זענען אַרעסטירט אין דעם דאָרף. מען האָט דעם שליח מיטגעגעבן אַ בריוול. עס האָט געדויערט בלויז אַ פּאָר שעה און ער איז געקומען רייטנדיק צוריק מיט אַן אָנזאָג צום סטאַראָסטע ער זאָל ברענגען מאָרגן פרי די יידן גלייך אין דער סערגאַנציע (פּאָליציי־סטאַציע) קיין וועטעזשאַן. אין דער פרי האָט דער סטאַראָסטע איינגעשפּאַנט אַ וואָגן אַריינגעזעצט די קינדער, די עלטערע זענען געגאַנגען צופוס, ווייל עס איז געווען שבת.

אין דער סעגוראַנציע האָט מען אונדז אַלעמען אויסגעשטעלט אין הויף און אונדז געציילט און געציילט, גערעדט האָבן די פּאָליציי צווישן זיך רומעניש און כ'האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי רעדן. פון יענער זייט טויער זענען געשטאַנען די אָרטיקע יידן און צו אונדז אַריבערגע־שריגן — „זאָרגט אייך ניט יידן, מען וועט אייך צוריק ניט שיקן!". מען האָט צו אונדז אַריינגעלאָזט אַ פּאָר יידן וואָס האָבן אונדז געבראַכט אַ שבתדיקן מאָלצייט, האַנטיכער און זייף. איך האָב געהאַט אויסגעלענקט דעם קנעכל פון פוס, ווייל נאָך זייענדיק אין וואַלד, ווי די שמוקלער האָבן אונדז איבערגעלאָזט, בין איך אַריין אין אַ פאַרוואַקסענעם גרוב, האָב איך ניט געקענט אויסטאָן דעם שטיוול, האָט אַ פרוי אין דער סערעגאַנציע צעשניטן דעם שטיוול און דאָס געשווילעכץ איז גלייך אַראָפּ, נאָר איך בין געבליבן אָן שיך, האָט מען געפּועלט ביים נאַטשאַלניק פון דער סערעגאַנציע, ער זאָל דערלויבן מיר גיין מיט מיין מאַמען קויפן אַ פּאָר שיך. אַ סוחר האָט ספּעציעל געעפנט אין שבת זיין קראָם און די מאַמע האָט מיר געקויפט סאַנדאַלן באַצאָלנדיק מיט צוויי זילבערנע ירושה־בעכערס. פאַרנאַכט האָט מען אונדז 21 יידן אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ אין סאָראָקער קרעפּאָסט.

עטלעכע טעג זענען מיר געזעסן אין קרעפּאָסט, די סאָלדאָטן, אַמערסטן וואַלאַכן, האָבן אונדז גוט באַהאַנדלט. צוניפרעדן זיך מיט זיי האָבן מיר ניט געקענט, ווייל מיר האָבן ניט געקענט קיין וואַלאַכיש און ניט רומעניש, דערפאַר האָבן מיר מיט הנאה געהאַט פון זייערע שיינע,

מעלאָדיש־צאַרטע געזאַנגען. מיט שוועריקייט האָבן אַ פּאָר יידן, פון אונדזער גרופּע, זיך צונויפגערעדט מיט דעם נאַטשאַלניק ער זאָל שיקן אַ סאָלדאַט אין מאַרק אַריין און לאָזן וויסן די יידן פון סאָראָקע אַז 21 יידן זיצן אַרעסטירט אין קרעפּאָסט, געשיקט האָט מען מיך מיטן סאָלדאַט און מיר אָנגעזאָגט אַז אויפן מאַרק זאָל איך אויסשרייען אויפן העכסטן קול אַז אין קרעפּאָסט זיצן 21 יידן פאַרשפּאַרט און אַז עס איז שוין באַלד ערב פּסח און מען זאָל אונדז אַרויסנעמען פון דאָרט. יידן האָבן מיך אַרומגערינגלט און מיר געזאָגט: — „גיי מיידעלע צוריק צום קרעפּאָסט און זאָג די יידן אַז מען וועט אייך אַרויסנעמען נאָך פּאָר שבת".

דעם צווייטן טאָג האָט מען אונדז טאַקע באַפרייט און אונדז געבראַכט אין דער שול. געגעכטיקט האָבן מיר אויבן אין דער ווייבער־שול. דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיין אומגעקומענער ברודער אברהמל האָט מיר אַמאָל, געזאָגט נאָך זייענדיק אַ קינד, אַז ביינאַכט קומען די מתים דאַווענען און קלויז. און כדי איך זאָל אים גלויבן האָט ער צוגעגעבן, אַז ווען די יידן גייען נאָכן דאַווענען אַהיים פון שול רוימט דער שמש אויף די שול, הענגט אויף אַ ריינעם האַנטוך און גרייט צו אַן עמער וואַסער מיט אַ שעפּ־טעפּל, און צומאָרגנס ווען די יידן קומען צום דאַווענען זעט מען אַז דאָס האַנטוך איז גענוצט געוואָרן, אַז מען האָט זיך געוואַשט די הענט. פון דאַן, אויב איך פלעג זיך פאַרשפּילן אין דרויסן און עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, נאָך די קורצע ווינטער טעג, און אויפן וועג אַהיים בין איך דורכן קלויז אַדורך ווי אַ פייל פון בויגן, אַ פאַרסאָפּעטע, געלאָפן צו אונדזער הויז. ווען מיין פאָטער האָט אַמאָל מיך געפרעגט פאַרוואָס איך לויף אַזוי האָב איך פאַרשוויגן וואָס אברהמל האָט מיר דערציילט וועגן די מתים אין שול, ווייל כ'האָב ניט געוואָלט דער טאַטע זאָל אים באַשטרפן. און איצט, שוין אַ דערוואַקסן מיידל, ליגנדיק אין דער ווייבער־שיל דוכט זיך מיר אַלץ, אַז די מתים דאַווענען אונטן און מיך וואַרפט פון קדחת. מיין טאַטע האָט מיך איינגעדעקט עס האָט אָבער ניט געהאָלפן, האָט דער טאַטע מיר געזאָגט, אַז ווען אַ מענטש האָט אומרואיקע געדאַנקען איז אַמבעסטן ווען ער דערציילט וואָס אים קוועלט. פּאָר אַ פריינט און אַפילו פאַר אַ טאַטן. האָב איך אים אַרומגענומען און, מיט פאַרוויינטע

אויגן, אים דערציילט, וואָס אברהמל האָט מיר אַמאָל געזאָגט, וועגן די מתים אין שול. האָט מיין פאָטער מיך דאַן אויפגעשטעלט אויף אַ שטענדער און מיר געהייסן אַראָפּקוקן צום מענער־קלויז און געפרעגט: — „זעסט דאָרט עפּעס אונטן? עס איז דאָרט קיינער ניטאָ, דאָס וואָס אברהמל האָט די דערציילט איז בלויז אַ לעגענדע”. איך האָב שוין דאַן פאַרשטאַנען וואָס מיינט אַ לעגענדע און בין רואיק אַנטשלאָפן. נאָך דער נאַכט האָבן די אָרטיקע יידן אונדז אַרויסגענומען פון שול און משפּחה־ווייז אונדז איינגעאָרדנט אויף פּסח ביי פאַרשידענע באַלעבאַטים.

דערווייל איז מיין שוועסטער רחל אָנגעקומען קיין סאָראָקע. זי האָט זיך מיט אונדז ניט געטאָרט טרעפן, ווייל זי איז געקומען אויף אַ פרעמדן פּאַס. האָט זי אונדז געלאָזט וויסן אַז זי וועט אין אַ געוויסער שעה דורכגיין אויף דער אַנדערע זייט גאַס מיר זאָלן איר קאָנען זען. די באַלע־באָסטע פון הויז, ווי מיר זענען פּסח איינגעשטאַנען, האָט מיטגענומען מיין מוטער צום מאַרק, נאָר מיין מוטער האָט ניט געטאָרט וויסן אַז איר טאָכטער רחל דאַרף דורכגיין דער גאַס ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מיין מוטער וועט ניט קענען זיך באַהערשן, ניט אַרומצונעמען איר טאָכטער ווען זי האָט אַזוי לאַנג שוין ניט געזען. רחל האָט אונדז אויך צוויסן געגעבן אַז אַלץ איז שוין פאַר אונדז אַראַנזשירט און גלייך נאָך פּסח וועלן מיר מיט דער באַן אַוועק קיין קישעניעוו.

.2

באַלד נאָך פּסח זענען מיינע עלטערן, מיט מיר און מיין ברודער מאָטל, געפאָרן מיט דער באַן, אויף פרעמדע פּאַספּאָרטן קיין קישעניעוו. (דעמאָלט רומעניע). פאַרפאָרן זענען מיר ווי מיין ברודער הערשל מיט מיין שוועסטער רחל מיט איר מאַן אַרקע זענען איינגעשטאַנען. מיר זענען אָנגעקומען זייער פאַרמאַטערטע און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ שלאָפּנ־דיקע קראַנקייט און דריי וואָכן, טאָג און נאַכט בין איך געשלאָפן. פון צייט צו צייט האָט מען מיך געוועקט און מיר געגעבן צו טרינקען און לייכטע עסנס. נאָך דריי וואָכן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און געפילט זיך פולקאָם געזונט.

הערשל, רחל און אַרקע האָבן שוין געהאַט פּאַפּירן צו פאָרן קיין אַמעריקע. זענען זיי אַוועק קיין אַנטווערפּן. אָבער פונקט ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין אַנטווערפּן האָט אַמעריקע פאַרמאַכט אירע טויערן פאַר רוסישע עמיגראַנטן, ווייל זייער קוואָטע איז שוין געווען פאַרפולט. איז זיי געבליבן דער איינציקער אויסוועג צו פאָרן קיין קאַנאַדע. אָבער כדי אַריינצופאָרן קיין קאַנאַדע האָט יעדער איינער געמוזט ווייזן אַז ער

באַזיצט דריי הונדערט דאָלער. אָבער פון וואַנען זאָלן זיי נעמען פאַר יעדן דריי הונדערט דאָלער ? מיין מוטער האָט געהאַט אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרזשי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער מיט זייערע פאַמיליעס האָבן זיי געשיקט 300 דאָלער, האָבן זיי געקענט פאָרן נאָר איינציקווייז. דער ערשטער איז געפאָרן מיין ברודער הערשל און קומענדיק קיין קאַנאַדע האָט ער גלייך די 300 דאָלער געשיקט צו אַרקען, וואָס איז גלייך געפאָרן, אָבער ווען אַרקע איז אָנגעקומען קיין קוויבעק האָבן די עמיגראַנטן־אינסטאַנצן, זעענדיק אַז ער איז אַ געהייראַטער, אים געפרעגט — פאַרוואָס איז ער געקומען אַליין אָן זיין ווייב. האָט ער געענטפערט אַז ער האָט דאָס ווייב איבערגעלאָזט אין אַנטווערפּן. האָבן זיי דאָס באַטראַכט פאַר ניט אָנשטענדיק און גלייך אים צוריקגעשיקט מיט דער שיף קיין אַנטווערפּן. האָבן אונדזערע לאַנדסלייט פון קאַנאַדע, מיין פאָטערס און מיין באָבעס פריינט, זייערע זין און טעכטער געהאָלפן מאַכן פּאַפּירן און געליען די אַנדערע דרייהונדערט דאָלער, אַז מיין שוועסטער און אַרקע זאָלן קאָנען אַריינקומען קיין קאַנאַדע. ווען מיין שוועסטער רחל מיטן מאַן זענען אַוועק פון מאַנאַסטריטש האָט מיין פאָטער זייער געלט אַריינגעלייגט אין אַ טשייניקל מיט אַ טאָפּלטן דנאָ. רחל האָט דאָס טשייניקל זייער געהיטן און דאָס ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט. אירע שווערע איבערלעבונגען, ניט ווייסנדיק ווי איר מאַן געפינט זיך, האָט זי געמאַכט שטאַרק נערוועז און נאָך די אַלע וואַנדערונגען, אונטער אַ פרעמדן נאָמען און אָנקומענדיק קיין קאַנאַדע, ווי די לאַנדסלייט האָבן פאַר זיי געמאַכט אַ גרויסע אויפנאַמע און צוגעגרייט פון אַלעם בעסטן, האָט דאָס אַזוי אונדזער רחלען צעטומלט און זי האָט אַלץ גע־האַלטן דאָס טשייניקל און געדריקט עס צו זיך און ווען מיין ברודער הערשל האָט געוואָלט אַראָפּנעמען איר מאַנטל, נעמען איר טאַש און דאָס טשייניקל האָט זי אים בשום אופן ניט געלאָזט אים צונעמען דאָס טשייניקל. עס האָט געהאָלפן וואָס ער האָט זי אַרומגענומען, באַרואיקט דערמאָנט איר אַז איצט איז זי אין קאַנאַדע און האָט מער ניט פאַר וועמען מורא צו האָבן, ערשט דאַן האָט זי זיך צעוויינט און דערנאָך צעלאַכט, געוועז גליקלעך וואָס דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַ בייזער חלום.

אין דער צייט ווען מיין ברודער, שוועסטער און איר מאַן האָבן זיך

איינגעאָרדנט אין קאַנאַדע, האָבן מיינע עלטערן געדונגען אין קעשעניעוו אַ סטאַבילע סוכּה, ווײַלעמענס סטעלע איז באַשטאַנען פון צוויי לאָדן, אַז סוכּות האָט מען געעפנט די לאָדנס האָט מען געזען דעם הימל. אין דער סוכּה זענען מיר געבליבן וווינען. דאָ זענען געשטאַנען צוויי בעטלעך, אַ טישל מיט בענקלעך און אַ קאַסטן צום האַלטן אונדזערע קליידער. דער קאַסטן האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ רונדן צודעק. צום ערשטן מאָל האָבן מיר, איך מיט מאַטלען אַוועק מיט אונדזער מאַמען צום קישעניעווער מאַרק, וואָס איז געווען זייער רייך, ס'האָט אונדז פאַרכאַפּט די שיינקייט פון די פּרוכטן וואָס זענען געווען פאַרדעקט מיט אַ דינעם טיול און אונדז האָט זיך שטאַרק געוואָלט כאָטש עפּעס דערפון פאַרזוכן. כאָטש מיר האָבן נישט פאַרלאַנגט די מוטער זאָל אונדז עפּעס קויפן, האָט דאָס אָבער מיין מוטער זייער גוט פאַרשטאַנען און זי האָט געקויפט אַ האַלבן פונט קערשן פאַר אַ נאַש און דאָס געגעבן מיין ברודערל האָט ער מיט מיר זיך געטיילט און געבעטן מיין מוטער זי זאָל אויך פאַרזוכן אַ פּאָר קאַרשן. זי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו נעמען. מאַטל, כאָטש ער איז דאַן געווען קוים 10 יאָר האָט גוט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי זאָגט זיך אָפּ צו נעמען אַ פּאָר קאַרשן און זי געפרעגט: — ווי קענסטו מאַמע זיך באַהערשן און ניט פאַרזוכן אַפילו איין קאַרש?

דער זומער אין קעשעניעוו איז געווען אַ וואַרעמער און אָנגענעמער. מיין פאָטער האָט באַקומען אַ שטעלע אַלס אַ גבאי ביי אַ רבין און געהאַט דערפון אַ ביסל פּרנסה, אין דער צייט זענען אָנגעקומען אין דעם קאָמיטעט פאַר היימלאָזע אַ בריוו צו מיינע עלטערן. די בריוו־שרייבער זענען געווען זין און טעכטער פון מיין באָבעס קונים פון מאָנאַסטריטש וואָס געפינען זיך אין אַמעריקע, קאַנאַדע און מעקסיקע. אין די בריוו זענען געלעגן טשעקן מיט דאַנק, וואָס מיין באָבע ביילע האָט געהאָלפן זייערע מאַמעס, וואָס זי האָט זיי פאַרקויפט מעל אויף באָרג און אַ דאַנק דעם האָבן זיי געקאָנט באַקן ברויט און חלות אויף שבת און ניט הונגערן, און דערפאַר בעטן זיי מיינע עלטערן אָנצונעמען זייער הילף.

עטלעכע מאָנאַטן נאָך רחלס און אַרקעס אָנקומען קיין קאַנאַדע האָבן זיי איבערגעשיקט צו מיינע עלטערן 300 דאָלער, וואָס זיי האָבן באַקומען

פון מיין מוטערס משפחה צו קענען אַריינקומען קיין קאַנאַדע. מיט דעם געלט האָט מיין פּאָטער באַשלאָסן צו ברענגען, מיין עלטסטע שוועסטער שרהקען מיט איר מאַן מאָטלען און זייער קינד ביילע און מיין שוועסטער האָדלען קיין בעסאַראַביע. האָט מיין פּאָטער גענומען פאַרהאַנדלען מיט די שמוקלער און עס איז באַשטימט געוואָרן אַז דאָס געלט דאַרף מען אַריבערפירן פון קעשעניעוו קיין ווערטעזשאַן און דאָס איינלייגן ביים דאָרטיקן רב, ער זאָל דאָס באַצאָלן די שמוקלער נאָכדעם ווי זיי וועלן ברענגען אונדזערע קיין ווערטערזשאַן. מיינע עלטערן האָבן ניט געקאָנט און ניט געטאָרט פאָרן צו דער גרענעץ, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין רומענישע פּאַספּאָרטן און אויף די רומענישע באַנען האָט מען חוץ דעם בילעט געמוזט אויך ווייזן דעם קאָנדוקטאָר דעם פּאַספּאָרט. איז ניט געווען קיין צווייטער אויסוועג ווי צו שיקן מיך. איך האָב דאַן געהאַט קוים 12 יאָר און באַדאַרפט דאָס ערשטע מאָל פאָרן אויף אַ באַן און אָן אַ פּאַספּאָרט. האָב איך מורא געהאַט, אָבער די מורא ניט אַרויסגעוויזן פאַר מיינע עלטערן. מיין מוטער האָט אָנגעגרייט לאָטעס אויף מיינע אונטערהייזלעך און צווישן די לאָטעס איינגענייט דאָס געלט.

אין דעם וואַגאָן אין וועלכן כ׳בין אַריין, צו פאָרן קיין ווערטערזשאַן, זענען די מערסטע פּאַסאַזשירן געווען יידן, האָב איך זיי געבעטן זיי זאָלן מיר מאַכן אַ פּלאַץ צווישן זיי מיטן תירוץ אַז כ׳בין שוואַך נאָך אַ קרענק און איך פאָר צו אַ פעטער קיין ווערטעזשאַן דאָרט צו פאַרבעסערן מיין געזונט. האָבן די יידן זיך צוזאַמענגערוקט, געמאַכט פאַר מיר אַ פּלאַץ פאַר אַ געלעגער. אַ ייד האָט מיך איינגעדעקט און געפרעגט: — „צי האָסטו מיידעלע אַ פּאַספּאָרט?" האָב איך געשאָקלט מיט קאָפּ אויף — ניין! האָט דער ייד שוין פאַרשטאַנען וואָס צו טאָן און געזאָגט צו מיר: „דו פאַרמאַך די אויגן און שלאָף!" ווען דער קאָנדוקטאָר האָט איבערגעקוקט די פּאַספּאָרטן פון די פּאַסאַזשירן האָט דער ייד אים געזאָגט: — „לאָז דאָס קינד שלאָפן ווייל זי איז ערשט אַרויס פון אַן ערנסטע קראַנקייט", און דערביי אים אַריינגעשטופּט אַ פּאָר ליי (רומע־נישע מטבע), אין האַנט אַריין. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ווער־טעזשאַן האָט דער ייד מיר געוויזן דעם וועג צום רבס הויז.

ס'איז געווען מיטאָג-צייט. אויף דעם טיש ביים רב איז געשטאַנען אַ הייסע מאַמעליגע און די רביצין האָט אַריינגעברענגט אַ הייסע זשאַרקויע, איך אַ שטאַרק הונגעריקע בין געווען צופרידן וואָס מען האָט מיך פאַרבעטן צום עסן. דער רב האָט אויך באַשטעלט פאַר מיר אַן אָרט צום שלאָפן, ביי אַ פרוי וואָס האָט געוווינט אַליין אין אַ הויז. מיין בעטל האָט זיך געפונען אין קיך ביים פענצטער. איינער פון די שמוקלער האָט מיר געזאָגט אַז עס וועט נעמען דריי טעג ביז מיינע שוועסטערס, שוואָגער מיטן קינד וועלן קומען ביי נאַכט פון דער גרענעץ. ער וועט זיי ברענגען גלייך צו מיר, געבנדיק דריי קלעפּ אין פענצטער, זאָל זיך פאַר זיי גלייך עפענען די טיר. די פרוי ביי וועלכע כ'האָב געוווינט האָט מיך געלאָזט שלאָפן ביי איר נאָר אין די נעכט. בייטאָג דאַרף איך זיין אין דרויסן, ווייל אויב די פּאָליציי וועט מאַכן אַן אָבלאַווע און מיך געפינען אין איר שטוב וועט מען אויך איר אַרעסטירן. דערווייל זענען אַדורך דריי וואָכן ולא היה ולא נברא, מיינע שוועסטער זענען אַלץ ניט אָנגעקומען. בין איך אַוועק צום רב און געפאָדערט פון אים ער זאָל מיר זאָגן דעם אמת וואָס מיט זיי איז געשען. האָט ער מיר דערציילט אַז זיי זענען געכאַפּט געוואָרן ביי דער גרענעץ און די שמוקלער איז גע־לונגען זיי אַרויסצוקריגן פון דער טורמע און מען האַלט זיי ביי אַ פּויער ביי דער גרענעץ און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט מען זיי אַריבערפירן די גרענעץ און ברענגען דירעקט קיין קישעניעוו און ער האָט מיך געראָטן צו פאָרן אַ היים.

קומענדיק אַהיים האָט נאָך געדויערט דריי וואָכן ביז זיי זענען אָנגעקומען פאַרמאַטערטע, אויסגעצערטע און אויסגעהונגערטע. באַהאַלטן ביים פּויער האָט די קליינטשיקעביילע געלעבט פון שלינגען קערנער און דערפון באַקומען אַ גרויסן בויך און עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז מען האָט זי אויסגעהיילט.

מיינע עלטערן האָבן פאַר מיין שוועסטער שרהקע מיט איר פאַמיליע געדונגען אַ צימער מיט אַ קליין קיכל און האָדל איז געשלאָפן מיט מיין מאַמען. פאַר מיר האָט מען אויסגעבעט אַ געלעגער אויפן רונדן אַלטע קאַסטן.

ווען דער ווינטער האָט זיך דערנענטערט האָבן מיר מער ניט געקאָנט בלייבן וווינען אין דער סוכה, האָבן מיינע עלטערן געדונגען אַ צימער ביי אַן אלמנה ווי עס זענען געשלאָפן מיינע עלטערן און מאַטל. פאַר מיר און האָדלן האָט מען געמאַכט אַ געלעגער אין דעם אויפנאַם־צימער. זומער האָט מען געקאָכט אין דרויסן און ווינטער אין דער רובע פון צימער. עטלעכע וואָכן נאָך מיין קומען צוריק פון וועטערזשאַן קיין קישעניעוו זענען מיינע אָרעמס, פוס און אַנדערע טיילן פון קערפּער געשוואָלן געוואָרן און כ׳האָב באַקומען געשווירן מיט מאַטעריע. צום גליק איז מיין שוועסטערס מאַן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מיליטערישער פעלטשער, גראָד געווען אַ ספּעציאַליסט אויף היילן ווונדן און ער האָט באַוויזן ווונדער ביים היילן מיך. כאָטש כ׳בין אָרומגעגאַנגען מיט פאַר־באַנדאַזשירטע הענט האָט מען מיך דאַן אַנגענומען אין דער ניי־געגרינ־דעטער העברעישער שולע, פאַר היימלאָזע קינדער וואָס דער „האַיאַס" האָט געגרינדעט.

איך האָב געלערנט אין מאָנאַסטריטש העברעיש און מיט נאָך צוואַנציק קינדער צוגעטיילט געוואָרן צו דער דריטער אָפּטיילונג. שפּעטער איז צוגעקומען נאָך אַ צווייטע אָנפאַנג־אָפּטיילונג. דער דירעקטאָר פון דער שולע איז געווען הער גילעלעס אַ העברעישער שרייבער, וואָס איז אויך געווען דער דירעקטאָר פון דער „איקא". אונ־דזערע לערערס זענען געווען: יוחנן טווערסקי, אברהם טווערסקי, רעזניק. ביידע טווערסקי איז געווען די פּרעבליסטין ביי די יינגסטע קינדער. פון דער דריטער קלאַס איז געגרינדעט געוואָרן דער „השומר הצעיר". די גרינדער זענען געווען אברהם שומר, אַן אַריבער־געקומענער פון רוסלאַנד, חיט, אַ סטודענט פון דער קעשעניעווער גימנאַ־זיע, ראַיע און מאַניע, ביידע סטודענטקעס פון דער גימנאַזיע.

דאָס לעבן פון די היימלאָזע יידישע קינדער איז געווען אַ גאָר שווערער, געליטענע פון דער מלחמה און פּאָגראָמען. פאַר זייערע אויגן זענען דערמאָרדעט געוואָרן זייערע עלטערן, אָדער ברידער, שוועסטער און נאָענטע; מיידלעך און פרויען זענען פאַר זייערע אויגן פאַרגוואַלדיקט געוואָרן. איז גאָר קיין וווּנדער וואָס דער „השומר הצעיר" איז פאַר זיי

געוואָרן אַ וואַרעמע היים, ווו עס האָט געהערשט חברישקייט און פריינד־שאַפט, ווי די קינדער זענען גייסטיק און פיזיש אַנטוויקלט געוואָרן. אברהם שומר איז געווען אַ וווּנדערבאַרער בחור, אַ חבר און דערציער און באַקומען גלייך דעם צוטרוי פון אַלע קינדער. זייער חבריש איז אברהם שומר געווען מיט מיר און מיט די קינדער פון אונדזער דריטן קלאַס. איך בין דאַן שטענדיק געווען אומעטיק, האָט ער געווירקט אויף מיר איך זאָל אים דערציילן וואָס עס האָט מיך געדריקט און געמאַטערט און איך האָב אים דערציילט פון מיינע טראַגישע איבערלעבונגען, פון דעם טויט פון מיין באַליבטן ברודער אברהמל און מיין טייערער באָבע, ווי אויך פון אונדזער פאַרלוירענער היים. ער, ווי אַ געניטער פּסיכאָלאָג האָט געפונען אַ וועג ווי מיר צו העלפן, געלערנט מיך אָנצונעמען דעם פאַקט פון טויט און צו זוכן דעם וועג צום לעבן. ער האָט מיך געמאַכט קאָמפּלימענטן און געווען צו מיר זייער גוט. איך בין אין „השומר הצעיר" אַרומגערינגלט געוואָרן מיט חברטעס און חברים און מיט אַ פיינער חברישער סביבה.

קעשעניעוו איז פאַר מיר געווען די ערשטע גרויסע שטאָט אין מיין לעבן, איז דאָ אַלץ פאַר מיר געווען אינטערעסאַנט. אָבער מער פון אַלץ האָט מיך אינטערעסירט דער גרויסער פּאָגראָם וואָס יידן האָבן אין 1905 דאָ דורכגעלעבט. מיר האָבן געלייענט די שטאַרקע ווערטער פון דעם גרויסן העברעישן פּאָעט ח. נ. ביאַליק, וועגן דעם קעשעניעווער פּאָגראָם. פון זיין „שחיטה שטאָט". מיר האָבן געהערט וואָס עס האָבן דערציילט אונדזערע שכנים, וואָס האָבן דעם פּאָגראָם דורכגעלעבט און וואָס זיי געדענקען. עס האָבן נאָך געלעבט קצבים, וואָס האָבן מיט גרויסע העק און מעסערס באַגעגנט די פּאָגראָמטשיקעס. אין דעם הויף ווי מיר האָבן געוווינט האָבן די פרויען אָנגעהייצט סמאָלע און דאָס אַרויפגענומען אויפן בוידעם און פון דאָרט געגאָסן אויף די באַנדיטן הייסע סמאָלע. און נאָך איצט טרעפט מען די אָנטיילנעמער פון די פּאָגראָמען הינקענדיקע אויף קוליעס, אַנדערע אָן הענט, ווי אַ זכר פון יידישן ווידערשטאַנד, פון יענעם טראַגישן קעשעניעווער פּאָגראָם. עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין יידן וואָס זענען אויף זייער גאַנץ לעבן

פאַרבליבן קאַליקעס נאָך יענעם פּאָגראָם. מיר שילער פון דער דריטער אָפּטיילונג פון דער „האַיאַס"־שולע צוזאַמען מיט די עלטערע „השומר הצעירניקעס" זענען אַוועק צום בית־הקברות, ווו אויף אַ באַזונדערן פּלאַץ זענען געלעגן די קרבנות פון קישעניעווער פּאָגראָם און מיר קינדער, וואָס האָבן אויף אייגענער הויט איבערגעלעבט די פּאָגראָמען אין אוק־ראַינע, זענען געוואָרן שטאַרק באַאײַנדרוקט פון די מצבות, מיט די בילדער פון די הרוגים און מיר האָט זיך געדוכט אַז די קרבנות דאַנקען אונדז מיט פריינדשאַפט, וואָס מיר זענען געקומען זיי באַזוכן. ווי זיי וואָלט געוועזן אונדזערע נאָענטסטע, אונדזערע ברודער און שוועסטערס.

אונדזער גדוד פון „השומר הצעיר" האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט איבונגען אונטער דער לאָזונג: „אין אַ געזונטן קערפּער — אַ געזונטער גייסט". מיר האָבן אַ סך פאַרברענגט אויף אויספלוגן. אָפט אַוועק אויף גאַנצע טעג, אַפילו אויף אַ גאַנצע וואָך. מיר האָבן געהאַט אויך דיסקוסיעס וועגן ליטעראַטור. אברהם שומר פלעגט אונדז פאַרלייענען דערציילונגען אָדער פּאָעמעס, דערציילט אונדז וועגן ארץ ישראל, וועגן דאָרטיקן קיבוץ און מיר האָבן שוין געבענקט צום דאָרטיקן קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן, צו אַ וואַרעמער היים, צו וועלכער מיר זענען געווען אַזוי זשעדנע. ער האָט מיט אונדז גערעדט וועגן די באַציאונגען מיט די עלטערן. דער „השומר הצעיר" האָט מיר און די אַנדערע קינדער געגעבן אַ האָפענונג און שטרעבונג צו אַן אַנדער און שיינער וועלט, וואָס איז מיר געבליבן איינגעקריצט און געוואָרן דער וועג־ווייזער אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון מיין לעבן. דאָס האָט מיך באַגלייט ביי דער אַרבעט, אין מיינע באַ־ציאונגען צו מיינע חברים און עלטערן, כאָטש מיין לעבן איז געווען אַ ווייטער שפּרונג פון זייער לעבן און געשטיצט זיך אויף גאָר אַנדערע יסודות. די דערציאונג וואָס כ'האָב באַקומען אין „השומר הצעיר", האָט מיר שפּעטער געהאָלפן אין מיין חברישן צוזאַמענלעבן מיט מיין מאַן, געשטיצט אויף קעגנזייטיקער צוטרוי, ווי אויך אין דעם דערציען אונדזער זון איציק.

אָבער דעמאָלט זענען מיר געווען היימלאָזע קינדער אין דער פרעמדער שטאָט קישעניעוו, צווישן אַ סך היימלאָזע קינדער, געליטענע,

פון צעריסענע הימען. אין אָנפאַנג פרילינג האָט מיין מוטער באַשלאָסן ווידער צו העלפן מיין טאַטן אין דער פּרנסה און זי האָט אין קעשעניעוו געעפנט אַ קלייט פון פּרוכטן. אין אַ פרימאָרגן האָט מיין מוטער פאַרגעסן צו פאַרדעקן די פרוכטן וועלכע האָבן זיך געפונען אויף שטעלעכלעך אין דרויסן פאַר דער טיר פון קלייט, האָט גראָד באַדאַרפט געשען, אַז עס זאָל דורכגיין אַן אינספּעקטאָר און דערזעענדיק מיין מאַמעס „גרויסן פאַרברעכן" האָט גענומען ברוטאַל אויף איר שרייען אויף רומעניש, וואָס מיין מוטער האָט ניט פאַרשטאַנען, האָט זי זיך דערשראָקן און געחלשט. די שכנים פון די אַרומיקע קלייטן האָבן זי געמונטערט און איר געגעבן שנאַפּס.

נאָך דעם פאַל איז מיין מוטער ערנסט קראַנק געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן געראָטן מען זאָל זי ניט שיקן אין שפיטאָל, ווייל זי האָט קיינעם ניט דערקאָנט און אָפט געוויינט, אָדער געשריגן און עס איז געווען זייער שווער אין אונדזערע באַדינגונגען, אין איין צימער, צו האַלטן מיין מוטער אין דער היים. דאָך האָט מיין פאָטער זי ניט געוואָלט אָפּגעבן אין שפיטאָל, מיר האָבן געטאָן אַלץ זי צו ראַטעווען. מיין פאָטער, מיין שוועסטער אדעל און מיין עלטסטער שוועסטערס מאַן מאָטל האָבן זיך איינגעטיילט און 24 שעה אין מעת לעת געוואַכט ביי איר בעט. זי געוויקלט אין נאַסע ליילעכער. אונדז די יונגסטע, מיך מיט מיין ברודערל האָטלען האָט מען צו איר ניט אַריינגעלאָזט, ווייל מיר פלעגן וויינען, וואָס זי האָט אונדז ניט דערקענט. אונדז איז זייער שווער געווען צו צאָלן דאָקטוירים און פאַר די מעדיצין. מיר האָבן אָבער ניט געוואָלט שרייבן צו אונדזער ברודער און שוועסטער קיין קאַנאַדע, ווייל זיי וואָלטן זיך דאָרט דערשראָקן און צווייטנס זענען זיי נאָך ניט געווען איינ־געאָרדנט אין דעם נייעם לאַנד, בין איך דעם זומער אַוועק אַרבעטן, ווי אַ סך אַנדערע קינדער, צום סאָרטירן און פאַקן געטריקנטע פלוימען. די אַרבעט איז געווען אַ זייער שמוציקע. בין איך מיט מיינע צוויי חברטעס פון „השומר הצעיר" רבקה גלאָזמאַן און באַבצי סאַטאַנאָוו אַוועק אַרבעטן ביי אַרויסנעמען די יאָדרעס פון וועלטשענע ניס, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אויף עקספּאָרט. אָבער מיינע פאַרדינסטן האָבן גאָר ווייניק גע־

האַלפֿן אין אונדזער לאַגע, האָב איך באַשלאָסן צו גיין צום דירעקטאָר פֿון אונדזער בית־הספר פּאַר פּליטים, דעם שרייבער גילעלעס, וואָס איז אויך געווען דער דירעקטאָר פֿון „איקאַ״, נאָך אַן עצה.

אין דעם הויף פֿון דער „איקאַ״־ביוראָ איז געשטאַנען אַן איינשטאָ־קיקער בנין, ווי די פֿענצטער זענען שטענדיק געווען פֿאַרקלאַפּט, מיט לאַנגע צימערן. ווען כ׳בין אַריין נאָר אין הויף האָב איך באַמערקט אַז די טיר און פֿענצטער זענען דאָסמאָל אָפֿן און עס האָט זיך דאָרט עפּעס גערודערט, בין איך אַריין און מיר איז אַנטקעגנגעקומען אַן אויסגעפּוצטער מאַן און געפֿרעגט, אין אַ דייטשמעריש יידיש, וואָס איך וויל? האָב איך אים געזאָגט, אַז איך קום אַהער אָפֿט און שטענדיק זענען דאָ די פֿענצטער און טירן פֿאַרקלאַפּט און היינט זענען זיי אָפֿן, וויל איך וויסן וואָס עס טוט זיך דאָ. ענטפֿערט ער מיר אַז דאָ איז געקומען אַ רייכער ייד פֿון ענגלאַנד און וויל דאָ עפֿענען אַ פֿאַבריקל פֿון ניס אויסאַרבייטונגען. און באַלד ווענדעט זיך צו מיר דער ענגלישער ייד, אין אַ גוטן יידיש, און דערוויסנדיק זיך אַז איך אַרבעט ביי ניס, פֿרעגט ער מיך צו איך קאָן אים זאָגן ווי אַזוי איינצושטעלן אַזאַ פֿאַבריקל. ווייז איך אים ווי מען דאַרף שטעלן אַ לאַנגן הילצערנעם טיש אין מיטן פֿון לאַנגן צימער מיט בענק פֿוןביידע זייטן טיש, מיט פּאַליצעס פֿון ביידע זייטן טיש עס זאָל קענען שטיין אויף קעסטלעך, אינעווייניק צעטיילט אויף דריי טיילן, אַ פּאָר הילצערנע קלעצער זאָלן שטיין אין אַ ווינקל פֿון צימער. אין וועלכע עס זאָלן, אין אויסגעאַרבעטע לעכער, אין דער גרייס פֿון אַ ניס, ווי מען זאָל מיט הילצערנע העמערלעך, ניט צעקלאַפּן נאָר בלויז צעשפּאַלטן די ניס, עס דאַרפֿן אויך שטיין קוישן אַריינצווואַרפֿן דאָרט די געשפּאָלטענע ניס. ווען די קוישן ווערן פֿול וואַרפֿט מען זיי אַרויף אויפֿן טיש צו עפֿענען די צעשפּאָלטענע ניס, אַרויסנעמען די יאָדרעס און צעטיילן זיי אין קעסטלעך אויף האַלבע, פֿערטל און שטיקלעך. דאָס פּאַקעווען איז שוין ניט קיין שווערע זאַך. דער וואָס האָט גערעדט מיט אַ דייטשן־יידיש איז, אויסהערנדיק מיך, געוואָרן פֿול מיט פֿרייד און מיך אויפֿגעהויבן ביז דער סטעליע, אַרויסגענומען 500 ליי (רומעניש געלט) און מיר געגעבן, איך האָב ניט געוואָלט דאָס נעמען, נאָר זיי

געבעטן זיי זאָלן מיט מיר אַרויפגיין צום דירעקטאָר פון מיין שולע, וועלכער איז אויך דער פאַרוואַלטער פון „איקא" און אים דערציילן די גאַנצע געשיכטע. דער דירעקטאָר הער גילעלעס האָט אויסגעהערט דעם גאַנצן פּלאַן, און עס איז אויפן אָרט באַשטימט געוואָרן מען זאָל ברענגען אַרבעטער און איך זאָל איבער זיי ווערן דער אויפזעער, און מיין געהאַלט וועט זיין אַ גרעסערער, ווייל דער דירעקטאָר גילעלעס האָט גוט געוווסט אונדזער לאַגע און וועגן מיין מוטערס קראַנקייט, האָט ער מיך געראַטן אָנעמען די 500 ליי. ער האָט געוואָלט וועגן דעם מיר מיטגעבן אַ בריוול צו מיין פאָטער. איך האָב אים געדאַנקט און געזאָגט, אַז מיין פאָטער וועט מיר גלויבן ווען כ'וועל אים דערציילן דעם גאַנצן ענין.

די אַרבעטער אין דער נייער ניס-אונטערנעמונג זענען אַלע געווען „ביעזשענצעס" פון רוסלאַנד. אַ סך מיין שוועסטער האָדלס חברטעס, פון אַכצן ביז צוואַנציקיעריקע, אויך פון „השומר הצעיר" דרייצן און פופצן־יעריקע און אַ פּאָר בחורים וואָס האָבן געשפּאָלטן די ניס מיט העמערלעך. די אייגנטימער זענען געווען צופרידן פון אונדזער אַרבעט, אויך מיר האָבן ביי דער אַרבעט זיך גוט געפילט, געזונגען העברעישע, יידישע און רוסישע לידער און אַרבטנדיק, דיסקוטירט אויף פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס. די וויכטיקסטע טעמע איז שטענדיק געווען: „וווהין מיר זאָלן פאָרן: קיין אַמעריקע, קאַנאַדע אָדער ישראל?

מיינע פאַרגרעסערטע פאַרדינסטן האָבן אַ סך געהאָלפן, מיין מאַמע זאָל געזונט ווערן. ס'האָבן אָבער אונדז ניט געפעלט קיין אַנדערע שוועריקייטן. אין דעם יאָר 1921 זענען קיין קישעניעוו אַריינגעקומען צען טויזנט אַנטלאָפענע יידן פון רוסלאַנד און עס איז געוואָרן אַ גרויסער מאַנגל אין דירות. די רומענישע רעגירונג האָט געהאַט רענט-קאָנטראָל און די אייגנטימער פון די הייזער האָבן ניט געקענט העכערן דאָס דירה־געלט און אויך ניט געקענט זייערע לאָקאַטאָרן אַרויסזעצן פון זייערע דירות. האָט די באַלעבאָסטע פון אונדזער הויז, אַן אלמנה פון אַ רב, דאָס ניט פאַרגינען אירע אָרעמע שכנים האָט זי אויסגעלאָזט דעם כעס אויף אונדז. דאָס וואַשן וועש איז אין קעשעניעוו ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. דאָס וואַסער האָט מען באַדאַרפט ברענגען פון ווייט, די

וועש האָט מען געקאָכט אין דרויסן אויף אַ טרעניצע און געשווענקט אין אַ באַליע. די אַרבעט האָב איך מיט האַדלן געטאָן. ווען מיר האָבן אויפגעהאָנגען די וועש אויף דער שטריק צום טריקענען איז אַרויס אונדזער באַלעבאָסטע פון הויף, די רבצין מיט פּאַמיעניצע שמוציק וואַסער און פאַרשפּריצט און פאַרשמירט אונדזער וועש. האָב איך מיט האַדלן פאַר כעס זיך געלאָזט לויפן נאָך איר, אויף איר באַלקאָן האָט זי גראָד גע־קאָכט אַ זופּ האָט האַדל אַריינגעוואָרפן אַ שטיין אין איר זופּ און אויסגעשריגן: — עסט שטיינער!

איך געהערנדיק צום „השומר הצעיר" האָב געהאַט רעכט מיט אַ פייף צו רופן אַ פּאָליציסט. מיר האָבן געהאַט אַן אָפּגערעדטן צייכן, דריי פייף איינער נאָכן צווייטן און עס האָט זיך באַוויזן אַ פּאָליציסט. דאָס איז געווען איינע פון אונדזערע פּריווילעגיעס זייענדיק פאַרבונדן מיט די טשערטערטאַשן, סקויטן. האָב איך טאַקע ביי דעם אינצידענט מיט אונ־דזער באַלבאָסטע געגעבן אַזאַ דרייפאַכיקן פייף און עס איז באַלד אָנגעקו־מען אַ פּאָליציאַנט און געפרעגט וואָס ס'איז געשען. האָבן מיר אים דערציילט. אָבער ער האָט ניט געוווסט וואָס מיט אונדז צו טאָן, האָב איך אים געבעטן ער זאָל אונדז מיט דער באַלבאָסטע אָפּפירן אין דער סטרעגאַנציאַ (פּאָליציי־סטאַציע). זענען מיר געגאַנגען איבער דער הויפּט־גאַס, דער פּאָליציאַנט אין מיטן, איך מיט האַדלן אין איין זייט די באַלבאָסטע אין דער צווייטער. אין די רומענישע אינסטיטוציעס, פון יעדן מין, האָט מען די מענטשן פון פאָלק געלאָזט לאַנג וואַרטן ביז מען האָט זיך פאַרנומען מיט זייער ענין, סיידן אַז מען האָט דאָרטן געהאַט אַ באַקאַנטן, אָדער נאָך בעסער איז ווען מען האָט אַריינגערוקט וויעמען אין האַנט אַריין, האָט מען אויך אונדז געהייסן וואַרטן. אין דער קאַנצעלאַריע האָבן געאַרבעט פרויען, האָט גראָד איינע פון זיי געוואָלט אָנבייען אַ באַפּוצונג אויף איר הוט און דאָס איז איר שווער אָנגעקומען האָט מיין שוועסטער האַדל, וועלכע האָט זיך אַמאָל געלערנט נייען פרויען־הוטן, איר געזאָגט זי זאָל געבן דעם הוט וועט זי דאָס אָנבייען. געזאָגט און געטאָן, און דערפאַר האָט האַדל ביי איר געבעטן זי זאָל זיך באַמיען ביי די ריכטער מען זאָל אונדז ניט לאָזן לאַנג וואַרטן.

האָט מען אונדז טאָקע גלייך אַריינגערופֿן און דער פּאָליציסט האָט דערציילט דעם ריכטער וואָס עס איז געשען צווישן אונדז און דער באַלבאָסטע, האָט דער ריכטער מיך געפֿרעגט מיט וואָס זאָל ער זי באַשטראָפֿן. האָב איך אים געזאָגט אַז עס איז גענוג ער זאָל איר מאַכן אַ פֿאָרוואָרף און זי באַפֿרייען. האָט זיך דער ריכטער געוווּנדערט און מיך געפֿרעגט: „פֿאַרוואָס האָסטו געהייסן איר אַרעסטירן און ברענגען אין דער סוגעראַנציע און איצט הייסטו איר באַפֿרייען, אָן שטראָף?" האָב איך אים געענטפֿערט: — „איר שטראָף האָט זי שוין באַקומען, ווייל זי אַ בכבודיקע בירגערין פֿון דער שטאָט און איז געפֿירט געוואָרן, אַן אַרעסטירטע, אין מיטן דער הויפּט-גאַס, מיט אונדז דורך אַ פּאָליציסט איז דאָס שוין פֿאַר איר גענוג", האָט דער ריכטער זיך צעשמייכלט און אונדז אַלעמען געהייסן גיין. פֿון דעמאָלט איז זי געוואָרן אין גאַנצן אַנדערש צו אונדז און געוואָרן אַפֿילו אונדזער בעסטע פֿריינדין.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז געקומען צו מיין פֿאָטער דער זון פֿון דער רביצין און געפֿרעגט צי ער וויל, אַז איך זאָל אָנעמען אַ שטעלע ביי זיינס אַ באַקאַנטן סוחר, וועלכער האָט אַ גרויס געשעפֿט פֿון גאָלד, זילבער און בריליאַנטן, וואָס זוכט אַ יונג מיידל ער זאָל קענען איר אָנגעטרויען צו שיקן אַ גאַנג צו אַ דיאַמאַנטן-שלייפֿער אָדער זייגער-מאַכער און אויב כ'וועל וועלן אויך אַלע פֿרימאָרגן אָפּווישן דעם שטויב פֿון די שאַפֿעס אויף וועלכע עס ליגן די ווערטפֿולע סחורות. האָט מיין פֿאָטער מיך געפֿרעגט צי כ'בין גרייט אָנצונעמען אַזאַ שטעלע. איך בין מסכים געווען און דער באַלעבאָס איז פֿון מיר געווען צופֿרידן. אַביסל שפּעטער קומט ווידער דער רביצינס זון צו מיין פֿאָטער און דערציילט אים אַז אַזוי ווי די רייכע פֿאַמיליע, ווי איך אַרבעט, זענען קינדערלאָז ווילן זיי מיך אַדאָפּטירן און זיי וועלן מיר געבן אַ גוט לעבן. אַ גוטע דערציִאונג און וועלן זיין גוטע פֿאַר מיר עלטערן. ווען מיין פֿאָטער האָט מיר דאָס דערציילט און מיך געפֿרעגט צי איך וויל דאָס אָנעמען, האָב איך זיך שטאַרק צעווייינט געקושט און געזאָגט צו מיינע עלטערן: „מיר איז גוט מיט אייך, איך האָב אייך ליב און וועל קיינמאָל פֿון אייך ניט אַוועק."

פון דעמאָלט האָט מען, ביי דער אַרבעט, זיך צו מיר אַנדערש באַצויגן געשאַפן מיט מיר און געפאָדערט איך זאָל טאָן אַרבעטן, וואָס געהערן ניט צו מיר. זייער וווינונג האָט זיך געפונען אין דער אונטערשטער טייל פון דעם גאָלד־געשעפט, האָט דעם סוחר ווייב מיך אַלע מאָל גערופן איך זאָל עפּעס טאָן פאַר איר. אין יענער צייט איז אין קעשעניעוו ניט געווען קיין איינגעאָרדנטע קאַנאַליזאַציע, פאַרן מענטשלעכן געברויך האָבן דערצו געדינט הילצערנע בודקעס אין דער אונטערטייל פון די הייף. מיין באַלבאָסטע איז געווען אַ פעטע קאַראַדופּל און אַ פוילע האָט זי מיך אין אַ פרימאָרגן גערופן איך זאָל גיין אויסליידיקן איר נאַכט־טאָפּ. האָט פאַר כעס געברויזט אין מיר דאָס האַרץ און כ׳האָב פּאַוואָליע אויפגעהויבן דעם נאַכט־טאָפּ און אים אויסגעליידיקט אויף איר קאָפּ. האָט זי געמאַכט אַ געשריי און איך בין אַנטלאָפן דורך דער אונטערשטער טיר. אַהיים בין איך געקומען, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען, גאָר ניט דערציילט. מיינע עלטערן האָבן דערפון זיך דערוווּסט, אָבער מיר קיין וואָרט נישט געזאָגט. עס האָט לאַנג געדויערט ביז איך האָב זיך באַרויאיקט פון דעם, אַז די וואָס האָבן געוואָלט ווערן מיינע עלטערן האָבן מיך, אַן עלף יעריק מיידל, אַזוי פּרעך באַליידיקט. פון דאַן לעבט אין מיר אַ שטאַרקער געפיל פון פּראָטעסט קעגן עוולות און איך פאַרשווייג קיינמאָל ניט קיין באַליידיקונג.

דערווייל איז אָנגעקומען צו מיינע עלטערן אַ בריוו ווי אונדזער ברודער הערשל וואָס שרייבט אַז איך מיט האָדלן דאַרפן זיך לערנען אַ פאַך, ווייל אין קאַנאַדע איז לייכטער צו באַקומען אַרבעט ווען מען האָט אַ פאַך. האָבן מיינע עלטערן געפונען אַ קליין פאַבריקל פון פרויען־הוטן, דאָרט האָט מען האָדלען, וועלכע איז געווען מיט פינף יאָר עלטער פון מיר, אָוועקגעזעצט נייען און מיך האָט מען מכבד געווען מיט אַ בעזעם אויסצוקערן די פאַבריק, ברענגען די אַרבעטער מיטאָג און גיין אַנדערע גענג. האָב איך ניט געהאַט קיין חשק צו אַרבעטן. איך האָב געוווּסט, אַז אונדזער דירעקטאָר פון דעם פּליטים בית־הספר, הער גילעלעס האָט באַקומען אַ פּלאַשטשאַטקע (אַ שטח), אויסער דער שטאָט, ווי די קינדער פון דער העברעישער שולע זאָלן פאַרברענגען אין די זומער־טעג און

ווי דער „השומר הצעיר״ וועט פירן איר טעטיקייט צווישן די קינדער. האָב איך ניט אויסגעפילט מיינע פליכטן ביי דער אַרבעט און בין גיך באַזייטיקט געוואָרן פון דעם פאַבריקל, דערפאַר אַ צופרידענע גאַנצע טעג פאַרברענגט מיט די קינדער פון מיין קלאַס, מיטן „השומר הצעיר״ אויף דער פרישער לופט. אויך מיינע עלטערן זענען געווען צופרידן וואָס כ׳באַקום דאָרט דריי מאָל אין טאָג פרישע מילך, צובייסן און אויך פרוכט און וואָס מיר הימלאַזע קינדער האָבן זיך שטאַרק געניטיקט.

אין אונדזער קלאַס „ג״ פון דער שולע ווי אויך אין „השומר הצעיר״ האָט זיך געפונען אַ בחורל פון 13 יאָר. ער איז געווען העכער פון אונדז שטאַרקער און אויך ווילדער. געווען אַ פעיקער, אָבער ניט געוואָלט זיך לערנען. ער איז געקומען אַהער פון אַ קליין שטעטל נעבן מאָנאַס־טריטש און געהייסן האָט ער הערשל מאָלדאַווסקי. ווען אין זיין געבורט־שטעטל, ווי אין אַלע אוקראַינישע שטעטלעך איז אָנגעגאַנגען די מלחמה צווישן דער רויטער־אַרמיי מיט די ווייסע באַנדעס, איז געשען, אַז אַ ווייסע באַנדע האָט פאַרטריבן די רויטע אַרמיי און פאַרכאַפּט דאָס שטעטל, האָבן די יידן זיך געשראָקן, אַז עס וועט זיין אַ פּאָגראָם. דאַן האָט הערשעלע צעטיילט די פּויערישע קינדער צוקערקעס און זיי געהייסן צוזאַמען מיט אים שרייען: — הוראַ, די באָלשעוויקעס קומען! די ווייסגוואַרדעצעס דערהערנדיק, אַז די באָלשעוויקעס קומען האָבן אין בהלה פאַרלאָזט דאָס שטעטל און די באָלשעוויקעס האָבן דאָרט אַריינ־מאַרשירט. האָבן זיי הערשעלען אַרויפגעזעצט אויף אַ פערד און אים געפירט איבערן שטעטל. אַזוי ווי הערשל איז געוואָרן דער העלד פון שטעטל, האָבן זיינע עלטערן אָבער מורא באַקומען אַז ווען די רויטע אַרמיי וועט אַוועק פונעם שטעטל וועט הערשלס לעבן ניט זיין זיכער. איז ווען די רויטע־אַרמיי האָט גענומען טרייבן די ווייס־גוואַרדעצעס, איז הערשל אַוועק מיט זיי און אַנגעקומען מיט זיי קיין אַדעס. אין אַדעס האָט הערשל געפונען וועמען פון זיין פאַמיליע און איז מיט זיי אַריבער די גרענעץ און זיך דערשלאָגן ביז קעשעניעוו. זיין פאַמיליע האָט געהאַט אַלע פּאַפּירן צו פאָרן קיין אַמעריקע, אָבער ניט פאַר הערשלען, האָבן זיי אים דאָ איבערגעלאָזט אין אַ יתומים־הויז. ביי אונדז אין קלאַס האָבן

מיר געקרוינט אַלס לעבעדיקן יתום און מיר האָבן אים אַלע ליב באַקומען.

ליטן רומענישן געזעץ האָט מען אויך אין די ניט־מלוכהשע שולן געמוזט לערנען די לאַנד־שפּראַך. האָט אויך אונדזער קלאַס באַקומען אַ לערער פון רומעניש. ער איז געווען אַן אַסימילירטער ייד און תמיד גערעדט מיט אונדז רוסיש. ער האָט אונדז קינדער פיינט געהאַט, ניט געקאָנט פאַרטראָגן וואָס מיר רעדן יידיש און אָפט אויף רוסיש אונדז געזידלט: — „פּאַרכאַטע זשידעס״, און דאָס מיט אַ גמרא־ניגון. איז אָבער אונדזער הערשל געווען אַ שטיפער און מיט זיין איניציאַטיוו האָבן מיר באַשלאָסן זיך אָפּרעכענען מיט אָט דעם לערער. דאָס איז געווען אין אַ פראָסטיקן ווינטער ווען אַ סך טויבן ווערן פאַרפרוירן, האָבן מיר צונויפגעקליבן די טויטע טויבן און אַ טייל אויפגעהאָנגען איבער דער טיר, אַנדערע אויפן לאָמפּ איבער דעם לערערס שרייב־טיש און ווען דער לערער איז אַריין אין קלאַס און פאַרמאַכט די טיר זענען טויטע טויבן געפאַלן אויף זיין קאָפּ און דאָס זעלבעביים שרייב־טיש. איז ער אַ בייזער אַוועק צום דירעקטאָר און זיך אָפּגעזאָגט צו לערנען מיט אונדזער קלאַס. איז געקומען צו אונדז דער דירעקטאָר הער גילעלעס, געמאַכט אונדז אַ מילדן פאַרוואורף, ער איז אָבער געווען פול מיט ליבשאַפט צו אונדז און מיט פאַרשטענדעניש, האָט ער באַשטימט פאַר אונדז אַן אַנדערן לערער. מיר האָבן אויך ליב געהאַט די אַנדערע אונדזערע לערערס, באַזונדער יוחנן טווערסקי, דעם שפּעטער באַרימטן העברעיש־ישראלדיקן פּובליציסט און שרייבער. ער פלעגט אַן אומרואיקער אַרומשפּאַנען אין קלאַס, און מיר האָבן מיט אינטערעס געשלונגען זיינע ווערטער. אָפט ספּאָנטאַניש האָבן מיר צוגערוקט אונדזערע בענקלעך צו זיין שרייב־טיש און ער זיצנדיק אויפן שרייב־טיש, פאַרגעזעצט דאָס לערנען אונדז.

די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבן געוווינט אין קישעניעוו (כמעט דריי יאָר) האָבן מיר אַלץ געטראַכט און געחלומט צו פאָרן קיין קאַנאַדע. געבענקט נאָך מיין ברודער און שוועסטער, וואָס האָבן זיך שוין איינגעאָרדנט. געהאַט שוין פּרנסה. מיין שוועסטער רחל און איר מאַן אַרקע האָבן פאַרגרעסערט זייער משפּחה, געבוירנדיק אַ מיידעלע און איר

אַ נאָמען געגעבן נאָך אונדזער דערמאָרדערטער באָבעןביילע. דאָס איז שוין געווען די צווייטע ביילע אין אונדזער משפחה. זיי האָבן שוין געהאַט אין מאָנטרעאָל זייער דירה און אונדזער הערשל האָט געוווינט ביי זיי. הערשל מיט אַרקען זענען געוואָרן שותפים צו אַ הורט־געשעפט פון פרוכטן, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט צו גראָסערעס, רעסטאָראַנען און שפּי־טעלער און זיי האָבן באַשלאָסן צו ברענגען מיך מיט האָדל קיין מאָנ־טרעאָל. עס זענען אָבער, דורך די קאַנאַדישע מאַכט פאַרווערט געוואָרן דאָס אַריינקומען אין לאַנד אַריין. זיי האָבן אָבער געגרן אַריינגעלאָזט ד׳ינסטן, האָבן די מאָנאַסטריטשער לאַנדסלייט אין קאַנאַדע געהאָלפן צו מאַכן פאַר מיר און האָדלן פּאַפּירן און אַריינפאַר־דערלויבענישן אָלס ד׳ינסטן. אויך מיין דירעקטאָר פון דעם בית־ספר הפליטים, הער געלעלעס האָט געהאָלפן מאַכן פאַר אונדז רומענישע פּאַספּאָרטן, אָן וועלכע מיר האָבן ניט געקאָנט פאָרן. ער האָט פאַרהאַנדלט מיטן קאַנאַדישן קאָנסולאַט, פאַרשטעלנדיק אונדז פאַר יתומים וועמענס עלטערן זענען אומגעקומען אין די פּאָגראָמען. דער קאָנסול האָט געוווּסט דעם אמת. ער האָט אָבער פון הער געלעלעסן באַקומען אין האַנט אַריין... דאָך האָט ער אויך אַ סאַ־ד׳יסטישן אופן געשפּילט אויף אונדזערע נערוון, פאַרוואָרפן אונדז מיט פראַגן, געזוכט אונדז צו פאַרפּלאָנטערן און די שפּיל האָט, זעט אויס, פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן. ערשט ווען ער האָט געלייגט דעם שטעמפּל אויף אונדזערע וויזעס האָב איך מיט זיכערקייט אַ שלעפּ געטאָן מיין שוועסטער האָדלן און איר געזאָגט: „מיר האָבן אים שוין אין דער אדמה. ער האָט שוין געלייגט דעם פּיעטשאַט!...״

ווען מיר זענען שוין געווען כמעט ביי דער טיר צום אַרויסגיין, האָט ער אַזאָג געטאָן, אין אַ גוטן יידיש: — „קום מיידעלע צוריק מען קאָן דעם פּיעטשאַט צוריק אַרונטערנעמען״.

ווער קאָן פאַרשטיין וואָס מיר קינדער האָבן אין דער מינוט דורכ־געלעבט? צום סוף האָט ער זיך מיט אונדז געזעגנט און געוווּנטשן גליק אין דעם נייעם לאַנד.

צומאָרגנס האָט מיין פאָטער אונדז באַגלייט צו דער באַן־סטאַציע. דאָ איז צוגעקומען צו מיין פאָטער אַ מיטליעריקער מאַן און אים געזאָגט

אַז זיין מוטער פֿאַרט אַליין וויל ער זי באַקענען מיט אונדז, זי זאָל האָבן אויפֿן וועג מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. האָט זי, טאַקע אַן אַלטיטשקע אין וואַגאָן זיך געזעצט נעבן אונדז און איר באַגאַזש נעבן אונדזערן. אונדזער עמיגראַנטן־גרופּע איז באַשטאַנען פֿון אַ צוואַנציק מענטשן, געפֿירט האָט אונדז אַ פֿאַרשטייער פֿון דער עמיגראַציע־געזעל־שאַפֿט, אַ בחור פֿון אַ יאָר דרייסיק. די באַן האָט אונדז געפֿירט איבער פּוילן, דייטשלאַנד, קיין האַמבורג, ווי עס איז געווען אַ קאַראַנטין, פֿאַר די עמיגראַנטן דורכצוגיין פּיזישע און היגענישע אונטערזוכונגען.

דאָס איז געווען אין יאָר 1923, ווען אייראָפּע איז נאָך ניט געווען פֿאַרהיילט פֿון די ווונדן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. עס איז נאָך ניט געווען אין די לענדער איינגעשטעלט קיין אָרדענונג. האָבן מיר זיך געשלעפּט אין איבערגעפּאַקטע וואַגאָנעס, געווען אומעגלעך צו געפֿונען אַ פּלאַץ צו זיצן. זענען מיר, די אַלטיטשקע, איך און האָדל געזעסן אויף אונדזערע פּעקלעך. אויפֿן וועג, אויף די וואָקזאַלן איז שווער געווען עפּעס צו קויפֿן, עס האָט געבושעוועט די אינפֿלאַציע און יעדער זאַך האָט מען באַצאָלן באַדאַרפֿן מיט גרויסע געלטער. אָבער דער אַגענט האָט צוזאַמען מיט נאָך דריי מענער פֿון אונדזער גרופּע זיך פֿאַרמאַכט אין גאָר אַ גאָר באַקוועם, באַזונדערע קופּע, דאָרט געכאַפּט אַ שנעפּסל און געשפּילט אין קאָרטן. אָבער אונדז איז גאָרניט געווען באַקוועם אין דער ענגשאַפֿט, האָבן מיר דריי גענומען אונדזערע פּעק צו זייער קופּע און אַנגעקלאַפּט אין דער טיר. ווען די די טיר האָט זיך אַ ביסל געעפֿנט האָב איך גלייך אַריינגעשטעלט אַ פֿוס צווישן דער טיר, אַזוי אַז זיי האָבן גע־מוזט ברייטער עפֿענען און איך האָב געזאָגט די מענער, אַז מיין שוועסטער איז נאָר וואָס אַרויס פֿון שפּיטאָל נאָך אַ שווערער קראַנקייט און געבעטן זיי זאָלן לאָזן מיין שוועסטער זיך לייגן אויף איינע פֿון די אויבערשטער פּאָלי־צעס. כ'האָב זיי צוגעזאָגט אַז איך וועל ניט שלאָפֿן, נאָר כ'קען דערציילן וויצן. האָבן זיי געהאָלפֿן אַריינעמען אונדזער באַגאַזש און מיט דער אַלטיטשקע פֿאַרויס זענען מיר אַריין אין זייער קופּע. דערזעענדיק די אַלטיטשקע, האָבן זיי אויך פֿאַר איר געמאַכט אַ געלעגער און ווען איך האָב אַ מידע געכאַפּט אַ דרעמל האָבן זיי אויך פֿאַר מיר געמאַכט אַ געלעגער.

דער ערשטער לענגערער אָפּשטעל פון אונדזער באַן איז געווען אין קראָקע, פּוילן. די מענער פון אונדזער קופּע זענען אַרויס פון וואַגאָן צום וואָקזאַל עסן אַ פרישטיק און איך בין געגאַנגען מיט זיי. האָדל און די אַלטיטשקע האָבן מיך געבעטן כ׳זאָל ניט גיין אָבער איך האָב געוואָלט קויפן הייסע מילך פאַר האָדל וועלכע איז געווען זייער אָפּ־געשוואַכט און כ׳האָב צוגעזאָגט מיינע עלטערן אויף איר אויפצופּאַסן. ווען כ׳האָב זיך צוריקגעקערט מיט דער הייסע מילך האָב איך ניט דער־קענט אונדזער באַן און געבלאָנדזשעט צווישן די וואַגאָנעס. איך בין שוין געווען שטאַרק דערשראָקן, האָב איך פּלוצעם דערהערט אַ געשריי: „זי גייט! זי גייט!״ און מען שלעפּט מיך גיך אַרויף אויף דער באַן, וועלכע הויבט שוין אָן רירן. אויך האָדל און די אַלטיטשקע זענען געווען ווען מיר שטאַרק באַזאָרגט און געזאָגט צום אַגענט, אַז אויב דער צוג וועט רירן אָן מיר וועלן זיי אים אַראָפּשטופּן פון דער באַן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין האַמבורג אין דעם קאַראַנטין האָט מען אונדז געבאָדן און געצוואָגן די האָר. ביי די מענער האָט מען אָפּגע־גאָלט די האָר, דערנאָך האָבן די מענער און פרויען געמוזט דורכגיין אַ דאָקטוירים־אינספּעקציע. די פרויען אַרומגערינגלט מיט לאַנגע האַנטו־כער האָבן באַדאַרפן דורכדעפילירן פאַר די דאָקטוירים, וועלכע זענען געזעסן אַרום אַ טיש. דערוויל האָבן די פרויען באַמערקט, אַז אונדזער אַגענט זיצט ביים טיש צווישן די דאָקטוירים, האָבן די פרויען זיך אָפּ־געזאָגט דורכצומאַכן די אונטערזוכונג, אויב מען וועט ניט באַזייטיקן דעם אַגענט.

באַפרייטע פון קאַראַנטין האָבן מיר אַ גרופּע עמיגראַנטן באַשלאָסן צו גיין אין שטאָט אַריין, כאָטש מען האָט דאָס אונדז ניט געראָטן, ווייל די שטאָט איז דאַן אָפּט באַשאָסן געוואָרן. בין איך געגאַנגען קעגן ווילן פון האָדלען. און איר געזאָגט: „אויב מיר וועלן דאָ ניט אויסגעבן אונ־דזערע דייטשע מאַרקן וועט מען זיי דאַרפן וואַרפן אין ים אַריין״. ס׳איז געווען אַ כמורנער טאָג, די גרויסע אינדוסטרי־שטאָט מיט אירע הויכע, גרויע קוימענס האָט געמאַכט די שטאָט נאָך טונקעלער און טריבער. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין צענטער פון האַמבורג זענען אַלע גע־

שעפּטן געווען געשלאָסן, פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי. די טיר פון אַ גרויס געשעפט האָט זיך געעפנט און מען האָט אונדז אַריינ־געשלעפּט אינעווייניק. דאָ האָב איך פאַר אַביסל שאָקאָלאַד און פאַרפום אָוועקגעגעבן אַלע אונדזערע דייטשע מאַרקן.

דעם צווייטן טאָג האָט מען אונדז געגומען צו אַ קליינער שיף, וועלכע האָט אונדז באַדאַרפט, דורכן באַלטישן ים, אָוועקפירן קיין ליווער־פּול. ווען אַלע עמיגראַנטן פאַרן אָפּפאָרן, האָבן באַקומען זייערע וויזעס און פּאַספּאָרטן האָט דער אַגענט אונדזערער זיך געכאַפּט אַז מיינע און האָדלס פּאַפּירן האָט ער ניט מיט זיך און געזאָגט צו האָדלען, אַז זי זאָל מיך שיקן מיט אים צוריק אין האָטעל וועט ער מיר געבן אונדזערע פּאַפּירן. אָבער אַלע עמיגראַנטן פון אונדזער גרופּע האָבן ספּאָנטאַן אַרומגערינגלט דעם אַגענט און אים שאַרף געזאָגט, ער זאָל גלייך אַליין פאָרן אין האָטעל און ברענגען אונדזערע פּאַפּירן, אויב ניט וועלן זיי אים וואַרפן אין ים אַריין. ער האָט אָבער די פּאַפּירן ניט געבראַכט. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ליווערפּול האָט מען אונדז דאָ אַריינגעפירט אין אַ האָטעל צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע עמי־גראַנטן. מיר האָבן אָבער אָן אונדזערע פּאַפּירן ניט געקענט פאָרן מיט דער שיף וואָס איז געווען פאַר אונדז באַשטימט.

דער האָטעל אין וועלכן מיר האָבן זיך געפינען איז געווען זייער אָפּגעלאָזן. אַרום דעם האָטעל האָבן געוווינט יידן, זיי האָבן ניט געקענט רעדן יידיש. נאָר איין מאַן וואָס האָט געאַרבעט אין האָטעל האָט געקענט רוסיש, איז ער אַראָפּ אין גאַס און געפונען אַ פרוי וואָס האָט גערעדט יידיש און זי האָט אונדז געזאָגט אַז אין ליווערפּול געפינט זיך אַ „האַיאַס" און אונדז געגעבן דעם אַדרעס און אינפאָרמירט ווי אַזוי אַהין צו גיין. דער וועג איז אָבער געווען אַ ווייטער, אָבער מיר האָבן דאָך דאָס אָרט געפונען. דאָ האָט אונדז אויפגענומען דער דירעקטאָר, וואָס האָט ניט געקענט קיין יידיש, איז מיר איינגעפאַלן און אים געפרעגט: „אתה מדבר עברית? — כן! — האָט ער געענטפערט מיט פרייד און מיר האָבן אים דערציילט וואָס עס איז געשען מיט אונדזערע פּאַפּירן און אַז אונדז דראָט ניט צו קענען פאָרן. אַפילו מיט דער צווייטער שיף, ווייל יעדע

ענדע וואָך גייט אָפּ אַ שיף פון ליווערפּול קיין קאַנאַדע. מיר האָבן אויך ניט קיין געלט און ניט קיין וואַרעמע קליידער און באַלד וועט ווערן קאַלט, אָבער דער דירעקטאָר האָט אונדז געזאָגט מיר זאָלן ניט זאָרגן. מען וועט אונדז דאָ מיט אַלעמען באַזאָרגן, אַפּילו אונדז אַריבערנעמען אין אַ בעסערן האָטעל. האָבן מיר אים באַדאַנקט און געבעטן ער זאָל שיקן אַ טעלעגראַמע צום הער גילעלעסן ער זאָל דערליידיקן, אַז מען זאָל וואָס גיכער אונדז אַרויסשיקן די פּאַפּירן און אויך אַ טעלעגראַמע צו אונדזער ברודער און שוועסטער אין מאָנטרעאָל, זיי זאָלן זיך ניט זאָרגן. ער האָט טאַקע אַלץ באַזאָרגט און מיט דער צווייטער שיף זענען מיר אָפּגעשווימען קיין קאַנאַדע.

די גרופּע עמיגראַנטן אויף דער צווייטער שיף זענען כמעט אַלע געווען פון פּוילן. אויף דער שיף האָבן מיר באַקענט אַ מיידל רחל, וואָס איז געפאָרן מיט איר יונגערן ברודער און מוטער צו איר פאָטער וואָס האָבן זיך געפינען אין מאָנטרעאָל. די רייזע איז געווען אַ שווערע, דער ים שטורמיש. רחלס מוטער איז געווען זייער קראַנק און איך מיט האָדלען האָבן זי אָפּגעהיט. מיר האָבן געהערט צו די געזונטע, כמעט שטענדיק זענען מיר געווען די איינציקע ביים טיש און מיר האָבן געהאָלפן די אַנדערע קראַנקע. אויף דער שיף האָב איך זיך שטאַרק דערנענטערט צו רחל אייזנבערג, וועלכע איז געווען אַ וואַרעמע נאַטור, זי האָט געקענט אַ סך שפּראַכן און אַ גוטן יידיש, זי איז טאַקע שפּעטער אין מאָנטרעאָל געוואָרן די ביבליאָטעקאַרן פון דער יידישער ביבליאָטעק און יאָרן שפּעטער געוואָרן די פרוי פון באַרימטן יידישן שרייבער מלך ראַוויטש. איר ברידער איז געווען אַ „שומר הצעירניק" און מיר ביידע האָבן געחלומט צו גרינדן אין מאָנטרעאָל אַן אָרגאַניזאַציע פון „השומר הצעיר". ער איז שפּעטער געוואָרן אַ וויכטיקער מיליטער־מאַן אין ישראל. אָבער דערווייל האָט דער ים געשטורעמט. עס האָט אונדז געטרייסלט און געפיבערט. ערשט ווען דער ים האָט זיך באַרואיקט זענען מיר געמיטלעך אַריינגעשווימען אין קוויבעקער פּאָרט.

.3

געקומען בין איך מיט האָדלען קיין מאָנטרעאָל אין 1923 און כ׳האָב געטראָפן מיין משפחה דאָרט וווינען אין אַן אָרעמער געגנט, ווי עס האָבן זיך באַזעצט אַ סך יידישע אימיגראַנטן־משפחות. מיין שוועסטער רחל האָט געהאַט אַ קליינע דירה און הערשל האָט ביי איר געוווינט. רחל האָט פריער געוווינט ביי אַ פרוי מיט אירע צוויי יונגע זין אַרקע און נחום, ביז איר משפחה האָט זיך פאַרגרעסערט.

ווען מיר זענען אָנגעקומען בין איך מיט האָדלען אויך געשלאָפן ביי דער פרוי, ביז אונדזערע עלטערן זענען אָנגעקומען קיין קאַנאַדע. אַ יאָר שפּעטער האָט אונדזער האָדל טאַקע חתונה געהאַט מיט איינעם פון די זין פון דער פרוי, מיט אַרקען. אויך איר צווייטער זון נחום איז געוואָרן אונדזערס אַ נאָענטער משפחה־פריינד.

אין מאָנטרעאָל האָבן מיר דאָס ערשטע אָנגעהויבן זוכן אַ תכלית. האָדל איז אַוועק אַרבעטן ביי פרויען־הוטן און מיך האָט מיין ברודער הערשל געבעטן איך זאָל גיין זיך לערנען. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו באַזאָרגן מיט קליידער און מיט טאַשן־געלט. מיינע פּלענער זענען אָבער

געוועזן אַנדערע, ווייל כ׳האָב אין קישעניעוו צוגעזאָגט מיין אָרגאַניזאַציע צו אָרגאַניזירן אין מאָנטרעאָל אַ „השומר הצעיר"־אָרגאַניזאַציע. דער־ווייל האָב איך אָנגעהויבן לערנען אין העכסטן קלאַס פון אַ מאָנטרעאָלער כּאָלקס־שול. אין יידיש בין איך געווען גאַנץ שוואַך, אָבער דער דירעקטאָר פון דער שולע, שלמה ווייסמאַן, אַ פּעדאַגאָג און שרייבער, האָט צוגעזאָגט מיר אין יידיש אַרויסצוהעלפן. עברית האָב איך געקענט בעסער. די שילער פון מיין קלאַס, געבוירענע אין קאַנאַדע האָבן כּמעט אַלע סימ־פּאַטיזירט מיטן ציוניזם און געלערנט ביידע שפּראַכן: יידיש און עברית. עטלעכע פון אָט די שילער זענען היינט אין ישראלדיקן קיבוץ עין־השופט ווי אויך איך האָב געטרוימט צו לעבן.

אין מיין קלאַס איז אויך אָנגעקומען אַ יונג מיידל פון ליטע און מיר האָבן זיך גיך באַפריינדעט, ווייל אויך זי איז געקומען מיט פּלענער צו גרינדן אַ „השומר הצעיר"־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן פון אַ פּאָר שילער פון אונדזער קלאַס צוזאַמענגעשטעלט אַ קליינע גרופּע. אין יענער צייט האָט די רומענישע רעגירונג באַשלאָסן, אַז זי וויל גאָר ניט האָבן ביי זיך די אַנטלאָפענע יידן פון רוסלאַנד און געוואָלט פון זיי פּטור ווערן. האָט דער „האַיאַס" און באַראָן הירש געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דער רומע־נישער רעגירונג און געהאָלפן די דאָזיקע יידן צו פאָרן קיין קאַנאַדע. זענען טאַקע אָנגעקומען גאַנצע טראַנספּאָרטן מיט יידן, קיין מאָנטרעאָל און אַנדערע שטעט, צווישן זיי מיינע עלטערן און מיין שוועסטער שרהקע מיט איר משפחה. עס זענען אָנגעקומען אַ סך יידישע קינדער, וועלכע האָבן דאָ געפונען דעם וועג צום „השומר הצעיר", וואָס איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. מיט די דאָזיקע טראַנספּאָרטן איז אויך אָנגעקומען אַ חבר פון „השומר" פון בעלדז, יעקב גלייזער. ער האָט אונדז גלייך אָפּגעזוכט און מיר האָבן אים באַשטימט פאַרן ראש פון אונדזער גדוד און עס איז געבוירן געוואָרן אין מאָנטרעאָל אַ שיינע אָרגאַניזאַציע.

די שטאָט מאָנטרעאָל איז געבויט אַרום בערג און מיר, ווי די מערסטע ניי־געקומענע, האָבן געוווינט נעבן אַ גרויס פעלד וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט די בערג. אויף אָט דעם פעלד האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער טעטיקייט. דאָרט געלערנט און געשפּילט סאָקער־באָל, דורכ־

געפירט ספאָרט־פאַרמעסטונגען און אַ גאַנצן זומער דאָרט געפירט אונ־דזערע אַקטיוויטעטן. אָבער ווען עס האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער האָבן מיר זיך געזעגנט (?) אין אַ היים.

געווען איז אין מאָנטרעאָל אַ ייד בעלקין, דער פאַרוואַלטער פון באַראָן הירשס אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאָלפן יידן זיך באַזעצן אויף לאַנד, האָבן מיר זיך צו אים געוואָנדן ער זאָל געפונען אַ היים פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן באַקומען די דערלויבעניש זיך צו־נויפצוקומען אַלע פרייטיק־צונאַכט אין דעם נייעם הויז פון די „אַלגעמיינע ציוניסטן". ווי אַלע צימערן פון דעם שיינעם הויז זענען געווען פאַר אונדז פריי, האָבן מיר טאַקע דאָרט געהאַט אונדזערע זיצונגען, געטאַנצט דאָרט אַ הורה ביז האַלבער נאַכט און ס'איז געווען חי געלעבט.

אַמאָל איז אונדזער ראש הגדוד קראַנק געוואָרן, בין איך אים גע־גאַנגען מבקר חולה זיין. האָב איך ביי אים געטראָפן זיינס אַ שטיף־ברודער, סיאָמע וואָס נאָכן פאַרלאָזן דעם קראַנקען זענען מיר ביידע צוזאַמען געגאַנגען אַהיים, האָט סיאָמע מיר געזאָגט, אַז ער וויל מיט זיינע חברים אָרגאַניזירן אין מאָנטרעאָל אַ קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע (יאַנג קאָמעניסט ליג) און אַז אין קומענדיקן שבת וועט ער האַלטן אַ רעפעראַט אין דעם פרינץ־אַרטור זאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין דרום פון מעין סטריט, אין אַ געגנט וווּ עס האָבן געוווינט רוסישע, אוקראַינישע, פוילישע און אַנדערע אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן, אָרעמע אימיגראַנטן. אין דעם זאַל האָבן פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפטן אָפּגעהאַלטן זייערע פאַר־זאַמלונגען. אויך יידישע סאָסייטעס. האָט סיאָמע מיך פאַרבעטן איך זאָל קומען צוזאַמען מיט מיינע חברים אים הערן. מיר זענען צו זיין רעפעראַט אָנגעקומען אַ גאַנצע חברה מיט אַ פאַרשפּעטיקונג און דער רעדנער סיאָמע דערזעענדיק אונדז האָט זיך צו אונדז געוואָנדן מיט די דאָזיקע ווערטער:

— „איר זענט פאַרפירטע, אייער סאָציאַליזם וועט צו גאָר ניט דער־פירן, די ציוניסטישע באַוועגונג נוצט אייך אויס צו זאַמלען געלט פאַר פּאַלעסטינע, אָבער איר וועט אין פּאַלעסטינע קיינמאָל ניט קאָנען לעבן אויף אַ קאָמוניסטישן שטייגער.

פאַרשטענדלעך אַז מיר זענען אים ניט געבליבן שולדיק קיין ענטפער, איז געוואָרן אַ טומל און זיין רעפעראַט איז איבערגעריסן געוואָרן. זענען מיר אַלע אַרויס אין דרויסן.

ס'איז געווען אַ מילדער און שיינער אָוונט, מיט אַ קלאָרן אויסגעשטערנטן הימל, די גאַס איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן פוכיקן שניי. האָבן חברה זיך צעטיילט אויף צוויי גרופן און ספּאָנטאַן גענומען מאַכן שניי־באַלן, און פון אָנהויב פּאַמעלעך דערנאָך גיכער און גיכער זיך באַוואָרפן מיט שניי־באַלן, ביז אַלע האָבן זיך געקייקלט אין שניי ווי אַ קנויל. לויט אַ פייף פונעם ראש הגדוד האָט די שפּיל זיך אָפּגעשטעלט. אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם שניי און מיט אַ „חזק ואמץ" זיך געזעגנט און אַוועק אין זייערע היימען.

אין דער צייט האָב איך זיך דורכגעשריבן מיט מיינע קישעניעווער חברים פון „השומר" וועלכע האָבן זיך געפונען אויף הכשרה אין ניו־יאָרק און איך האָב געוואָלט קומען צו זיי, כדי צו קענען מיט זיי צוזאַמען פאָרן קיין ארץ ישראל אין קיבוץ. זיי האָבן מיך געראַטן איך זאָל בלייבן אין מאָנטרעאָל, כאָטש אַ יאָר און העלפן מיינע עלטערן זיך איינאָרדענען אין דעם נייעם לאַנד. האָב איך זיך געלאָזט זוכן אַרבעט. אָבער זייענדיק יונג און אָן אַ פאַך איז דאָס גאָר ניט לייכט געווען צו געפינען, דערצו האָט געהערשט אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט.

מיין שוועסטער האָדל האָט געאַרבעט ביי נייען פריוען־הוטן. זי האָט געפועלט ביי צוויי מענער אָפּערייטערס, זיי זאָלן בעטן ביים באַלעבאָס ער זאָל מיך צונעמען צו דער אַרבעט און מיר געבן אַ מאַשין זיי זאָלן קאָנען לערנען דאָס פאַך אויף זייער צייט, ווייל זיי האָבן געאַרבעט אויפן שטיק. פון אָנהויב האָבן זיי מיר פאַר דער אַרבעט ניט געצאָלט, ערשט ווען כ'האָב אַביסל זיך אויסגעלערנט די אַרבעט האָבן זיי מיר געצאָלט אַ טייל פון זייער פאַרדינסט. געגעסן האָב איך צוזאַמען מיט מיין שוועסטער ביים טיש פון די פינישערס (אויסענדעקערינס), האָט אַ מיידל, וואָס איז געווען פון דער זעלבער שטאָט וואָס דער באַלעבאָס, פון לאַקשיפּקע אַ 15 וויאָרסט פון מאָנאַסטריטש, מיר דערציילט, אַז דער באַלעבאָס האָט אַלס בחור געגנבעט באַרעלעך פון זיין מוטערס שטעל אין מאַרק. זיין

פאָטער איז אַוועק קיין קאַנאַדע און צוליב דער מלחמה ניט געקענט שיקן זיין משפחה קיין געלט. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט איז דער באַלעבאָס מיט זיין מוטער געקומען קיין מאָנטרעאַל און געטראָפן זיין פאָטער שוין טויט, ער האָט אָבער איבערגעלאָזט פאַר זיי אַ סך געלט און אונדזער באַלעבאָס האָט צוזאַמען מיט אַ קאַנאַדער יונגנמאַן געעפנט שותפות די פאַבריק פון פרויען־הוטן. זי האָט אויך דערציילט אַז אין דער היים איז ער געווען זייער ווילד און ניט געוואָלט לערנען און אַ חוץ זיין נאָמען אונטערשרייבן קען ער ניט לייענען, ניט שרייבן.

אין אַ פרימאָרגן ביי דער אַרבעט האָב איך דערהערט אַ רוף: — העי דו! האָב איך אינסטינקטיוו געפילט אַז דאָס מיינט מען מיך, לאָז איך גיכער לויפן צו די מאַשין און שווייג. די אַרבעטער ווינקען צו מיר מיט די אויגן אַז דער באַלעבאָס רופט מיך אָבער איך מאַך מיך ניט וויסן, כ׳טו מיינס און שווייג. גיט דער באַלעבאָס מיך אַ טאַרקע ביי די אַקסלען און זאָגט מיט אַ בייזער שטימע: — היי דו, איך רוף דיך!

שטעל איך אָפּ דאָס נייען, שטעל זיך אויף און מיט דער ליניעקע וואָס איך נוץ ביי דער אַרבעט גיב איך אים אַ שמיר איבערביידע באַקן און זאָג הויך אויף אַ קול אַלע אַרום זאָלן הערן:

— וואָס מיינט איר, אַז דאָ איז לאָקשיפּקע ווי איר האָט געגנבעט באַרן ביי אייער מוטערס שטעל. איר זענט דאָך אַן עם־הארץ וואָס קען זיך קוים חתמענען, גייט בעסער לערנען ווי זיך צו באַגיין מיט מענטשן.

זיין קאַנאַדער שותף איז געשטאַנען און געלאַכט. דער ענין האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן, אָבער איך האָב פאַרלוירן מיין דזשאָב. אין דערהיים ביי דער וועטשערע האָט האָדל מיך קריטיקירט, דערציילט מיינע עלטערן וואָס עס האָט פּאַסירט אין שאַפּ, מיר פאַרגעוואָרפן אַז איך קען נאָך ניט די אַרבעט און דאַרף ניט זיין צו חוצפהדיק. אָבער מיין ברודער הערשל און מיין פאָטער האָבן מיך ווייטער צוגערעדט כ׳זאָל גיין לערנען און איך האָב זיי ניט געקאָנט דערציילן וועגן מיינע פּלענער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אין אַ קיבוץ. זיי וואָלטן מיך ניט פאַרשטאַנען.

אין דער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ גרופּע יונגע מענטשן,

געקומענע פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, אין מיינע יאָרן. ווער פון זיי האָט אין זייערע היימען געענדיקט עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע, טייל זענען געקומען קיין קאַנאַדע זיך איינצואָרדענען און אַראָפּברענגען זייערע משפּחות, אַנדערע זענען געקומען אַהער ווייל עס האָט זיי אין פּוילן געדראָט טורמע, פאַר אומלעגאַלע טעטיקייט, אָדער פאַרזוכט שוין דעם טעם פון די פּילסודסקי־טורמעס. כמעט אַלע זענען זיי געווען באַוווּסטזיני־קע און אינטעליגענטע, ליב געהאַט לייענען גוטע ביכער, געלייענט זשור־נאַלן, געהאַט אַ גוטן געשמאַק פאַר קונסט, מוזיק. זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען אויף קאָנצערטן, טעאַטער און אָפּערע. פאַר די לעצטע גראָשנס געקויפט בילעטן, ניט זעלטן אויך פאַר אַ חבר וואָס האָט זיך דאָס ניט געקאָנט דערלויבן. איך וויל בלויז דערמאָנען איינציקע פון זיי: קיסעלעווסקי, טענענבוים, טייטלמאַן, קלמן קאַפּליינסקי, דיקליס, יענקל און מענדל פּאָול. אונדזער שטענדיקער טרעף־פּונקט, נאָך דער אַרבעט, זענען געווען די שטאָטישע בערג. דאָרטן האָט יעדע פּאַרטייאישע גרופּע געהאַט איר באַזונדערן אָרט געווען ציוניסטן, פּועלי־ציוניסטן, בונדיסטן און קאָמוניסטן, וואָס זענען אין זייערע היימען געווען שוין געזעלשאַפט־לעכע טוערס. די יונגערע פון זיי זענען געווען דאָרשטיק נאָך וויסן, מיט ווילן צו לערנען. האָט די יידישע ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל, אָן מע־צענאַטן, באַזאָרגט זיי מיט ביכער, מיט לעקציעס, איינגעאָרדנט דיסקוסיע־אָוונטן און פאַרוויילונגען צו וועלכע עס זענען געקומען שרייבער און דיכטער. פאַרגעלייענט זייערע שאַפונגען און אויך פאַרקויפט זייערע ביכער.

ניט אָפּגעשטאַנען זענען די ציוניסטישע אַקטיוויסטן און זיי האָבן אויף גרעסערע אונטערנעמונגען געזאַמלט געלט פאַר ארץ ישראל און געפּראַוועט נאַציאָנאַלע יום־טובים. זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט אַזעלכע גאַסט־רעדנער ווי שמריהו לעווין, שלום אַש און אַנדערע. זיי האָבן פאַר־מאָגט אויך אייגענע גדולים ווי: דער פּאָעט ו. י. סיגעל. יעקב זיפּער, דער דירעקטאָר פון דער „פּרץ" שולע און שלמה ווייסמאַן, דירעקטאָר פון דער פאָלקס־שול. עס זענען געווען חברים וועלכע האָבן צוגעגרייט און געגעבן גוטע לעקציעס. געווען אַ לעבעדיקע גרופּע פון ניי געקומענע חברה ביים לינקן קולטור־צענטער. אויך זיי האָבן איינגעאָרדנט לעקציעס און

רעפעראַטן. זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט קלמן מאַרמער, משה קאַץ, זשיט־לאָווסקי, אָלגין און אַנדערע. אויך זיי האָבן געהאַט לאָקאַלע לערערס ווי: שלום שטערן, זאַרקין, וואָס לעבט איצט אין וואַנקוווער, קאַנאַדע און האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן צוויי בענדער געשיכטע פון דער קאַנאַ־דישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאַן איז ער געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם שניידער־יוניאָן. געווען אויך אַ באַשיידענער געלערנטער שניידער־אַרבעטער הייבי ראָזנבערג. אויך זיין ברודער וועלכער האָט געענדערט זיין נאָמען אויף פרעד ראָז. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין קאַנאַדישן פּאַרלאַמענט פון דער קאָמוניסטישער ליסטע. די מאַכט האָט אָבער אויס־געזוכט אויף אים חטאים און מען האָט אים פאַרמשפּט צו טורמע אָדער צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ווי אַ פּוילישער געבוירענער איז ער געשיקט געוואָרן קיין פּוילן, וווּ ער און זיין פרוי לעבן נאָך היינט.

מסתמא איז אין מאָנטרעאָל געווען אויך אַ גרופּע אַנאַרכיסטן, ווייל עס איז צו אונדז געקומען עמאַ גאָלדמאַן. איך געדענק איר רעדע ווי זי האָט געלערנט די פרויען זיי זאָלן זיין זעלבסטשטענדיק און פאָדערן פון זייערע מענער זיי זאָלן זיך צו זיי באַציען ווי גלייכע צו גלייכע אויף יעדן געביט. זיי זאָלן זיך אויך לערנען פאַכן און אַרויס פון קיך און געלערנט וועגן געבורט־קאָנטראָל. פאַר יענער צייט זענען דאָס געווען געוואַגטע געדאַנקען. זי האָט גערעדט פאַר אַ גרויסן עולם, געווען אַ סך פרויען אין דעם גרויסן „פּרינץ אַרטור־זאַל”, וווּ עס וווינט די אָרעמקייט. מיר אַ גרופּע יונגנט זענען ניט געווען אָנגעשלאָסן צו קיין שום אָרגאַניזאַציע און דערפאַר זענען מיר געגאַנגען הערן רעדנער פון רעכטס ביז לינקס און טאַקע אַ סך געלערנט. מיר אַלע יונגע שאַפּ־אַרבעטער זענען אָבער שטענדיק געשטאַנען אויף דער קעמפערישער זייט פאַר יושר און גלייכהייט.

אַ חבר פון דער גרופּע וועלכער האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ אַלס צושניידער פון קענווּעס און פעדס, וואָס מען נוצט צו מענער־רעק און מאַנטלען האָט מיך גענומען אין זיין שאַפּ צו דער אַרבעט אַלס שטעפּערין אויף אַ זיג־זאַג מאַשין. עס האָט דערצו ניט געפאָדערט קיין סך צייט דאָס אויסלערנער. עס איז אָבער געווען אַ סכנה, וואָס ביים שטעפּן די פעדס האָט מען לייכט געקאָנט פאַרוווּנדן די האַנט. ווייל איך בין אַ גיכע

אַרבעטערין און געאַרבעט אויף שטיק האָב איך דאָ פאַרדינט מער ווי אַ פאַמיליע־מאַן. דאָ זענען אויף גרויסע טישן צעשניטן געוואָרן די קענ־ווער, צעטיילט לויט דער מאָס אויף פּעקלעך און פאַרטיילט צו די קענווע־שטעפּערס, וועמענס מאַשינען זענען אויך געווען זיג־זאַג. אָבער דער עקסטענש׳ן (הייבער), איז געווען ווי ביי אַ נאָרמאַלע מאַשין. די פּעדס זענען צעשניטן געוואָרן אויף די טישן און איבערגעגעבן צו די אַרבע־טערינס וואָס האָבן די פּעדס אָנגעפּילט מיט וואַטע. די שטעפּערס פון די פּעדס זענען צוגעקומען צו די טישן און פאַרשריבן די פּאַרטיקע אויס־אַרבעטונגען, ווייל אַלע דאָ, חוץ די צושניידערס, האָבן געאַרבעט אויף שטיק.

דער באַלעבאָס, מיסטער כהן איז שוין געווען לאַנגע יאָרן אין קאַנאַדע און גערעדט אַ גוטן ענגליש, געווען אַ גוטער מענטש און געטרייער ייד. געווען אַקטיוו אין „האַיאַס", געהאָלפן די פּליטים פון רומעניע, געלאָזט זיך קאָסטן און געשאַפן פאַר זיי אַרבעט, סיי ביי זיך אין שאָפּ און סיי ביי אַנדערע. איז געשען אַז מיין מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ניט געוואָלט נייען. אין אַזאַ פאַל רופט מען געוויינלעך דעם באַלעבאָס און אויב ער קען זיך ניט ספּראַווען, רופט מען אַ מאַשיניסט. האָב איך גערופן דעם באַלעבאָס וועמען כ׳האָב ביז אַהער נאָך ניט געקאַנט. און ווען ער האָט געעפנט די מאַשין און געזען, אַז זי איז פאַרשטאָפּט פון שטויב און וואַטע, האָט ער אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און געזאָגט: „ווי אַזוי זאָל די מאַשין נייען ווען זי איז פאַרקאַקט"?!".

די ווערטער האָבן מיך דערשיטערט, ווייל איך האָב אים געהאַלטן פאַר אַ חשובן מענטש און אַ געזעלשאַפטלעכן טוער אין דער יידישער געזעלשאַפט אין מאָנטרעאַל. האָב איך אים געזאָגט: — „ווי שעמט איר זיך ניט אַזוי צו רעדן צו אַ מיידל, וואָלט איר דאָס געוואָלט איך זאָל דאָס דערציילן פאַר די יידן מיט וועלכע איר אַרבעט צוזאַמען?"

מיסטער כהן איז געווען אַ הויכער, פליישיקער און שיינער מאַנס־פּערשוין, דערהערנדיק וואָס כ׳האָב אים געזאָגט, איז אויפגעשטאַנען פון בענקל, מיך אַרומגענומען, ווי אַ קינד און געזאָגט: — „איך שעם זיך, ספּעציעל פאַר דיר, איך קום פון אַ היים ווי מען האָט אַזוי גערעדט. אפשר דיין מוסר־זאָגן וועט מיר העלפן איך זאָל אַזעלכע ווערטער מער ניט

אַרויפּברענגען אויף מיינע ליפּן". דערביי האָט ער מיר געגעבן אַ לעקציע ווי מען דאַרף האַלטן אַ מאַשין. מען דאַרף זי אַלע סוף וואָך אויסרייניקן פון שטויב און זי באַשפּריצן מיט אייל, דאָס וועט מיר אויך לוינען, ווייל די מאַשין וועט בעסער אַרבעטן און כ'וועל ניט פאַרלירן קיין צייט. איך האָב אים פאַרשטאַנען, ווייל אַלס אַ „השומרת" איז פּינקטלעכקייט געווען אַ וויכטיקע אייגנשאַפט, וואָס האָט מיר געדינט אין מיין אַרבעט אין דער באַוועגונג און אין דער היים. דער מיסטער כהן האָט מיר שפּעטער גע־האָלפן אַראָפּברענגען מיינע חברים קיין מאָנטרעאָל, וועלכע זענען געקומען מיט די טראַנספּאָרטן פון קישעניעוו. ווייל די וואָס האָבן ניט געהאַט אין מאָנטרעאָל קיין משפחה, האָט מען אין דער שטאָט ניט אַריינגעלאָזט, נאָר זיי געשיקט קיין וועסט־קאַנאַדע.

אין מיסטער כהנס שאַפּ זענען די אַרבעטער געווען פון דריי נאַציעס: ענגלענדער, פראַנצויזן און יידן. חוץ די פראַנצויזישע זענען אַלע געווען נייע אימיגראַנטן. די אויפפּאַסערין איז געווען אַן ענגלענדערין, אַ זייער פּעיקע אָבער שלעכטע. באַזונדער שלעכט האָט זי זיך באַצויגן צו די פראַנצייזישע אַרבעטער פרויען, וועלכע זענען געווען צוריקגעשטאַנענע אָרעמע קאַטאָליטשקעס, מיט גרויסע משפחות און אַ סך קינדער. מיט די יידישע אַרבעטער האָט זי מורא געהאַט אָנצוהייבן, ווייל דער באַלעבאָס איז געווען אַ ייד. האָט זי אויסגעלאָזט איר שלעכטקייט צו די פראַנצייזישע, זי האָט בכלל געקענט די קונסט פון צעטיילן צווישן די נאַציעס און צו העצן. די שטיק־אַרבעט גיט אַ סך געלעגנהייט צו ציינדן קריגערייען, באַזונדער ווען אין שאַפּ גייט אַן אַ געיעג וואָס מער צו פאַרדינען. ווען די וואָס אַרבעטן לאַנגזאַם האָבן צו ווייניק פאַרדינט.

איז ביי אַ טייל אַרבעטער אויפגעקומען דער געדאַנק אַז מען דאַרף עפּעס טאָן צו פאַרבעסערן די באַדינגונגען אין שאַפּ, אַריינברענגען מער פאַרשטענדעניש צווישן די אַרבעטער, און פאַרבעסערן די לאַגע פון די וואָס אַרבעטן לאַנגזאַם. אונדזערע זיצונגען האָבן מיר געהאַט אין דריי פּריוואַטע היימען אין קליינע גרופּן. דאָס ערשטע האָבן מיר באַ־שטימט צוויי אַרבעטער זיי זאָלן זיך דורכשמועסן מיט מיסטער כהן. דאָס איז געווען יענקל, אַ צושניידער און איך אַלס שטעפּערין. און מיר האָבן פאַר

מיסטער כהן דערקלערט אַז עס איז ניט יושרדיק וואָס די אויפפּאַסערין מאַכט אונטערשידן צווישן נאַציעס און דיסקרימינירט די פּראַנצייזישע אַרבעטע־רינס און אים געבעטן אַז די אויפפּאַסערין זאָל זיך באַציען יושרדיק צו אַלעמען גלייך. מיר האָבן אים אויך פאַרגעלייעגט אַז די אַרבעט זאָל יעדן צעטיילט ווערן גלייך און די וואָס ענדיקן פריער זאָלן פריער גיין אַהיים און די וואָס אַרבעטן לאַנגזאַמער זאָל פאַרזעצן זייער אַרבעט, כדי זיי זאָלן פאַרזאָרגט ווערן מיט אַ פולן וואָכן־געהאַלט. מיר האָבן אים דערפאַר צוגעזאָגט אַז אויב דער שאָפּ וועט זיך נויטיקן אַ געוויסע אַרבעט גיכער אויסצוענדיקן וועלן דאָס טאָן די וואָס אַרבעטן גיכער, כדי די באַשטעלונגען זאָלן קאָנען צו דער צייט געליפערט ווערן צו די קונים. אַ סך פון די וואָס אַרבעטן גיך זענען ניט געווען צופרידן פון דעם וואָס מיר האָבן איינגעפירט, זיי האָבן אָבער געמוזט זיך צופּאַסן, ווייל דער פאַרשטענדיקער און וואַרעמער מענטש מיסטער כהן האָט קאָאָפּע־רירט מיט אונדז און די וואָס האָבן לאַנגזאַמער געאַרבעט האָבן געקענט ברענגען יעדע וואָך אַהיים אַ פּאָר דאָלער מער. עס האָט זיך אויך געשאַפן אַ סאָלידאַריטעט און פריינדשאַפט צווישן די אַרבעטער פון די דריי נאַציאָנאַליטעטן און פאַר מיר איז דאָס געווען אַ וויכטיקע לעקציע, אויפן וועג צו ווערן אַ באַוווסטזיניקע אַרבעטערין.

אין דאָזיקן שאָפּ האָב איך געאַרבעט ביז 1929 און בין דאַן געווען אַ גוטע פאַרדינערין. מענער מיט פאַמיליעס האָבן געקאָנט לעבן פון אַזאַ פאַרדינסט, אָבער איך האָב מיינע פאַרדינסטן אָפּגעגעבן מיינע עלטערן, ווייל זיי האָבן געקויפט אַ הויז וואָס מיין ברודער הערשל האָט פאַר זיי איינגעצאָלט. אין קאַנאַדע האָט דאַן, ווי אין אַמעריקע געהערשט אַ קריזיס און די ראַטעס פאַרן הויז זענען כסדר געוואַקסן און ס'איז געווען שווער צו צאָלן, דאָך האָבן מיינע עלטערן ניט געוואָלט צונעמען ביי מיר מיין גאַנצן פאַרדינסט, האָבן זיי באַשלאָסן אַריינצולייגן אַ טייל אין באַנק און ווען עס האָט זיך אָנגעזאַמלט 200 דאָלער האָבן זיי מיר דער־לאַנגט דאָס באַנק־ביכל.

אין דער היים זענען מיר געווען דריי קינדער מיט די עלטערן. מיין עלטסטער ברודער הערשל, איך און מיין יונגסטער ברודער מאָטל, וועלכער

איז אין גיכן אָפּגעפּאָרן קיין ישראל אין אַ קיבוץ. הערשל האָט, נאָך זיין אָפּפאָרן, גלייך חתונה געהאַט. איך, ווייסנדיק, אַז כ׳פאַרמאָג גאַנצע 200 דאָלער האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין ניו יאָרק.

אין ניו־יאָרק האָב איך באַקומען אַ דזשאָב ביי קענווינס און בין געוואָרן אַ מיטגליד אין דער אַלגעמייטע יוניאָן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן בין איך געוואָרן אַ יוניאָן־מיטגליד. איז געקומען צו מיר אין שאָפּ אַ חבר מיך צו נעמען אויף אַ קאָלאַציע און אין טעאַטער. ער האָט געזען ווי איך אַרבעט אין שטויב האָט ער געמאַכט אַ טומל צווישן די חברים און זיי האָבן מיך אַריינגעפירט צו אַרבעטן ביי פרויען־קליידער און איך האָב גענומען לערנען דאָס פאַך. מיר איז גוט געווען אין ניו־יאָרק אָבער מיין מוטער האָט שטאַרק געזאָרגט און געבענקט נאָך מיר און ניט געוואָלט איך זאָל זיין אַליין אין ניו־יאָרק, האָט זי דערקוטשעט מיין פאָטער, ברידער און שוועסטער זיי זאָלן מיר שרייבן איך זאָל קומען אַהיים, ווייל מיין מאַמע קאָן חלילה קראַנק ווערן. בין איך, נאָך זייענדיק אַ יאָר אין ניו־יאָרק, געקומען צוריק קיין מאָנטרעאָל אָבער מיט אַ ניי פאַך — אַן אָפּערייטער פון פרויען־קליידער.

אין קאַנאַדע האָט נאָך אַלץ געהערשט דער קריזיס אין די פרויען־קליידער־אינדוסטרי איז ניט געווען אָרגאַניזירט. די מערהייט שעפּער זענען געווען אין יידישע הענט. ניט ווייניק פון באַלעבאַטים זענען געווען געקומענע פון רוסלאַנד, פוילן און אַנדערע אייראָפּעישע לענדער. געווען צווישן זיי סאָציאַליסטן, ציוניסטן און קאָמוניסטן; אינטעליגענטן, קענער פון העברעיש און לייענער פון יידיש. מיין ערשטער דזשאָב ביי פרויען־קליידער אין מאָנטרעאָל איז געווען אויף בלורי און אַנטעריע. דער באַלעבאָס איז געווען דער איידעלער העברעישער לערער סירקין, וואָס איז געוואָרן אַ פאַבריק־אייגנטימער, געווען אַ ציוניסט און געגעבן רעפעראַטן דווקא אויף יידיש. זיין פרוי איז געווען אַן אַקטיווע טוערין ביי די „פרויען פּיאָנערן". מיין שוועסטער רחל וואָס איז געווען אַן אַקטיווע פּיאָנערקע, האָט זיך געחברט מיט זיי. ווען כ׳בין געקומען צו אים נאָך אַ דזשאָב האָט ער מיך באַלד אָנגענומען.

דער שאָפּ איז ניט געווען פון די בעסטע. ניט סאַניטאַריש און די

אַרבעט איז ניט פֿאַרטיילט געוואָרן יושרדיק. דער באַלעבאָס האָט האָט זיינע פֿריינד געגעבן די לייכטערע אַרבעטן און גרעסערע באַנדלעס. זיין גוטסקייט האָט ער אַרויסגעוויזן אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע אַרבעטער און גע־שאַפֿן צווישן די אַרבעטער אַ בייז לעבן. איך האָב אין שאַפּ זיך באַקענט מיט די אַרבעטער, געקומענע פֿון לענדער, אָנגעגעסענע מיט שנאה צו ברויטגעבער, וואָס האָבן שוין דאָרט דורכגעמאַכט סטרייקן און אַפֿילו פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון טורמעס, אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע. מיט אָט די אַרבעטער האָבן מיר געזוכט מיטלען צו פֿאַרבעסערן די לאַגע אין שאַפּ. דער באַלעבאָס האָט זיך דערוווּסט וועגן אָט דער טעטי־קייט און איינציקווייז אָפּגעזאָגט די אַקטיווע אַרבעטער. צוליב מיין שוועס־טער רחל, וועלכע האָט זיך געחברט מיט אים, האָט ער מיר ניט אָפּגע־זאָגט. אָבער מען האָט אין דעם שאַפּ גאָר ניט געקאָנט אויפֿטוען, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער טובה און אַליין אַוועק פֿון דעם שאַפּ.

אין דער צייט האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין דעם אינדוסטריעל יוניאָן וועלכער האָט דאַן קאָנטראָלירט אַ קליינע טייל פֿון די שעפּער פֿון פֿרויען־קליידער. דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דעם יוניאָן איז געווען אַ לינקער מיליטאַנטישער און איבערגעגעבענער אַרבעטער און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל אין מאָנטרעאָל אַ סטרייק פֿון די אַרבעטער פֿון פֿרויען־קליידער. אַ סך שאַפּן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם סטרייק. די באַלעבאַטים האָבן געדונגען אונטערוועלט מענטשן, זיי זאָלן אָנפֿאַלן אויף די פּיקעט־רייען און געהאָלפֿן אַדורכפֿירן די סקעבס (סטרייק ברעכערײ) דער באַלעבאָס פֿון שאַפּ האָט אַליין אויסגעפֿירט סקעבס אין זיין שאַפּ. האָבן מיר גערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אונדזערע שאַפּ־אַרבעטער און באַשלאָסן דעם יונגן באַלעבאָס אַביסל אָנלערנען. ס׳איז באַשטימט געוואָרן אָנצושרייבן אַ בריוול צום באַלעבאָס מיט אַ וואָרענונג, אַז אויב ער וועט פֿאָרזעצן דאָס פֿירן אַליין דעם סקעבס, וועט דאָס אים טייער קאָסטן. דאָס בריוול האָבן מיר באַדאַרף צובונדן צו אַ שטיין און דאָס אַריינוואַרפֿן אין אַ פֿענצטער פֿון זיין הויז. דאָס צו טאָן האָבן מיר זיך באַשטעלט צו טרעפֿן נעבן מיין הויז גאָר פֿרי פֿאַרטאָג. ווען כ׳בין אויפֿגעשטאַנען האָבן שוין מיינע צוויי חברים

געוואָרט ביי אונדזער הויז. אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט, האָט מיין פאָטער געזען די צווי, וואָס וואַרטן אויף מיר, איינער פון זיי אַ פראַנצויז, האָט ער זיי אַריינגעבעטן אין שטוב און ווען איך האָב זיך געוואַשן האָב איך געשפּירט דעם געשמאַקן ריח פון דער קאַווע וואָס מיין פאָטער האָט שוין פאַר מיר און פאַר זיי צוגעגרייט. איז אין צימער געווען פריילעך און מיר זענען געזעסן ביים טיש, געגעסן דעם געשמאַקן פרישטיק און מיין פאָטער האָט געשמועסט מיט מיינע סטרייק־חברים און ביים געזעגענען אונדז געווונטשן דערפאָלג די באַלעבאַטים האָבן זיך פאַרמאָסטן צו ברעכן דעם סטרייק מיט דער הילף פון קאַטוילישע גלחים, וואָס האָבן זונטיק געפּרעדיקט אין קלויסטער פאַר די אָפּגעשטאַנענע פראַנצייזישע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען אַ סך אין דעם פאַך, זיי זענען צוריקגעגאַנגען אַרבעטן אין די שעפער און דער סטרייק איז פאַרשפּילט געוואָרן. די מערסטע אַקטיוויסטן פון דעם סטרייק זענען געווען יידישע אַרבעטער. האָבן די באַלעבאַטים אָפּגעמאַכט, אַז אויב אַ יידישער אַרבעטער וועט קומען אין אַ שאָפּ זוכן אַרבעט זאָל מען אים פרעגן אין וועלכן שאָפּ ער האָט געאַרבעט און אין זיין אָנוועזנהייט, גלייך אָנפרעגן אין יענעם שאָפּ ווי אַזוי דער אַרבעטער האָט זיך דאָרט אויפגעפירט אין דער צייט פונעם סטרייק. צוליב דעם האָב איך מער ניט געקאָנט געפינען אַ לייטישן פּלאַץ וווּ צו אַרבעטן אין מאָנטרעאָל.

ניט ווייט פון מיינע עלטערנס דירה, וווּ עס איז אויך געווען זייער גראָסעריי איז געווען אויפגעבויט אַן עטלעך־שטאָקיק בילדינג (הויז) וווּ עס האָט זיך געפונען אַ קאָטען פרויען־קליידער פאַבריק. דאָרט האָבן געאַרבעט אַ סך אַרבעטער, מערסטנס פראַנצייזישע פרויען. דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־יוניאָן האָט אַראָפּגענומען די שאָפּ אַרבעטער און זיי גערופן צום סטרייק. דער סטרייק האָט זיך פאַרשלעפּט, האָט דער יוניאָן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, זיי זאָלן שאַפן הילף פאַר די סטרייקנדיקע און געזאַמלט געלט ביי זייערע סימפּאַטיקערס. איך האָב דאַן ניט געאַרבעט האָב איך זיך פאַרנומען מיט שאַפן געלט ביי מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט. נאָך איידער איך בין דעם טאָג געקומען אַהיים בין איך צו צו דעם פּיקאַט ליין און געטראָפן

דאָרט מײַן מוטער מיט אַ גרויסן טשײַניק געקאָכט װאַסער און אויף אַ קעסטל פּאַפּירנע טעפּעלעך, מיט צוקער און טיי און מיט אַ גרויסע שיסל קיכלעך װאָס מײַן מאַמע האָט געבאַקן. מײַן מאַמע אַ צעפּלאַמטע, אַ רויטע פון פראָסט, אָבער אַ צופרידענע און גליקלעכע, האָט געזאָגט צו מיר: — „עס איז דאָך זייער קאַלט זאָלן זיי כאָטש האָבן אַ גלעזל װאַרעמס אַנצוװאַרעמען זייערע ביטערע געמיטער".

אין דער פאַבריק איז געװען אַ פּרוי פון לאַנטשענעט (קיאָסק), און זי פלעגט אַ סך קויפן פּראָדוקטן ביי מײַנע עלטערן אין דער גראָסערי. אין דער צײַט פון סטרייק איז די לאַנטשעט געװען געשלאָסן. די פּרוי איז געװען אַ קעגנערין פון סטרייק און פלעגט זיך אַמפּערן מיט מײַן מוטער, װעלכע האָט סימפּאַטיזירט מיט די סטרייקנדיקע און װען איך האָב געהאָלפן מײַן מוטער אַהיימטראָגן דעם ליידיקן טשײַניק, האָב איך געזאָגט דער מוטער: „מאַמע װעסט פאַרלירן אַ װיכטיקן קונה אין דער פרוי פון לאַנטשענעט (קיאָסק). האָט מײַן מאַמע מיר געענטפערט: — „מיר האָבן געמאַכט אַ לעבן איידער די פרוי איז געקומען אַהער און מיר װעלן מיט גאָטס הילף װייטער מאַכן אַ לעבן אָן איר". אין גיכן איז דער סטרייק אין דעם שאַפּ פאַרענדיקט געװאָרן מיט אַ זיג. מיט אַ גרויסן געװינס פאַר די אַרבעטער און פאַרן יוניאָן. עס זענען געהעכערט געװאָרן די לוינען, באַצאָלט געװאָרן פאַר די פעדעראַלע יום טובים, אַן אַרבעטער איז מער ניט אויסגעשטעלט געװען אויף די קאַפּריזן פון באַלע־באָס, װאָס זאָל קענען אים צו יעדער צײַט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. עס איז אײַנגעשטעלט געװאָרן אַ 40 שעהדיקע אַרבעטװאָך, אַנשטאָט 48 און אַ 5 טאָגיקע אַרבעטס־װאָך, װי אויך אַ העכערער לוין פאַר איבער־שטונדן. נאָך אָט דעם זיג איז אויסגעװאַקסן דער אויטאָריטעט פון די „אינטערנאַשענעל" אין מאָנטרעאָל און אין אַנדערע שטעט אין קאַנאַדע און דער יוניאָן האָט אָרגאַניזירט די מערסטע שעפּער פון די פרויען־קליידער.

די יוגנט פון די ניי געקומענע יידן אין קאַנאַדע האָבן געחלומט, זיך צו באַזעצן אין ניו יאָרק, בין איך אויך ניט געװען קיין אויסנאַם און געבעטן מײַן מוטער זי זאָל זיך צו געװוינען צום געדאַנק, אַז ניו־יאָרק

וועט זיין מיין היים. אין ניו יאָרק איז דאָס נאָדל־פאַך געווען צעטיילט אויף צוויי יוניאָנס: די אינטערנייישאָנאַל און אידוסטריעל יוניאָנס. צווישןביידע איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער ברודער־קאַמף. כדי צו באַקומען אַרבעט האָב איך זיך געמוזט אָנשליסן אין אַן אוניאָן, ווייל גראָד דאַן האָב איך חתונה געהאַט און זיך שטאַרק גענויטיקט אין אַן אַרבעטס־פּלאַץ. מיין שוועסטער רחלס אַ חברטע, וועלכע האָט געוווינט אין ניו יאָרק האָט געהאַט אַ מאַן וואָס איז געווען אַ פּרעסער ביי פרויען־קליידער און אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער 60־טער סעקציע. ער האָט מיר געהאָלפן ווערן אַ מיטגליד אין יוניאָן און מיך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט אין זיין שאַפּ, כאָטש מיינע קענטענישן ביי אַזעלכע טייערע קליידער זענען געווען גאַנץ שוואַכע. דאַך אונטערן איינפלוס פון יאַני גיצעס און אַנדערע אַרבעטער בין איך אין זעקסטן טאָג פון מיין אַרבעט פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס בירגערין פון דעם שאַפּ, דאָס איז געווען אַן אָפּטיילונג פון אַ גרעסערן שאַפּ, אָנגעפירט פון פּאַרמאַן, אַ גוטער פאַכמאַן, אָבער אַ נערוועזער און קרענקלעכער, וועמענס בעסטער פאַרגעניגן איז געווען צו דערגייין די אַרבעטער די יאָרן. ווען ער האָט איבערגעקוקט מיין אַרבעט האָב איך לויט זיין מינע געזען אַז ער איז גאָר ניט צופרידן און וויל מיך אַוועקשיקן, ווען ער האָט אָבער באַמערקט, אַז די אַרבעטער קוקן אויף אים בייז, איז ער אָנשטאָט מיך אַוועקשיקן, געוואָרן מיין בעסטער פריינד, אָנשטאָט זוכן פעלערן האָט ער גענומען מיך לערנען ווי אַזוי צו נייען. און געזאָגט צו די אַרבעטער אַז ווען מען ווייזט חייקען ווי אַזוי צו נייען נעמט זי דאָס באַלד איבער און נייט אויף דאָס קלייד בעסער פון אַנדערע.

אין דעם שאַפּ האָבן געאַרבעט יונגע אַקטיווע יוניאָן־אַרבעטער, אַנטוויקלטע און קולטורעלע געזעלשאַפטלעכע מענטשן מיט וועלכע איך האָב גיך זיך באַפריינדעט. אין שאַפּ האָבן זיך געפונען 16 מאַשינען און צוזאַמען מיט די פינישערס, פּרעסערס, קאַטערס און קלינערס זענען געווען באַשעפטיקט 40 מאַן. אין דעם שאַפּ האָט אַן אָפּערייטער באַדאַרפט קענען זעלבסטשטענדיק אויפנייען אַ קלייד אָבער איידער מען ענדיקט אַ קלייד דאַרף מען די טיילן אונטערפּרעסן. דער פּאַרמאַן נעמט די טיילן

צום פרעסן און נאָכן פרעסן ברענגט ער זיי צום אָפּערייטער. איך בין אַליין געגאַנגען צום פרעסער ער זאָל אונטערפרעסן די טיילן פון דעם גאַרמענט (קלייד) און דערביי אויסגלייכנדיק די ביינער געכאַפּט אַ שמועס מיט איינעם פון די פיר פרעסערס וועלכער איז מיר געפעלן געוואָרן. ביי אַזאַ שמועס האָב איך געזאָגט צום פרעסער גינזבורג: — „איר ווייסט אַז כ׳האָב מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק חתונה געהאַט? — „ווער איז דער מזלדיקער בחור?" — האָט ער מיך געפרעגט. „איר קענט אים ניט, אַ בחור פון דעטראָיט, זיין נאָמען איז משה קוירש". ביי די ווערטער איז דער פרעסער גינזבורג בלאַס געוואָרן אַז איך האָב זיך אַזש דערשראָקן, ווער ווייסט מיט וואָס פאַראַ חטא מיין מאַן איז באַגאַנגען? אָבער גינזבורג האָט מיך באַרואיקט און געזאָגט: — „זאָרג ניט דיין מאַן איז זייער אַ ווילער מענטש, ווען וועסט קומען אַ היים זאָג אים, אַז מיט דיר אין שאַפּ אַרבעט אַ פרעסער גינזבורג, ער וועט דיר שוין אַלץ דערציילן". האָב איך אים געבעטן ער זאָל קיינעם ניט דערציילן אַז איך האָב חתונה געהאַט, ווייל איך וועל זיי שוין אַליין דערציילן.

אין דער היים האָט מיין מאַן משה מיר דערציילט די געשיכטע פון גינזבורגן, וואָס איז זיינס אַ גוטער פרייד. גינזבורג האָט געוווינט מיט זיין פרוי און קינד אין דעטרויט. אין אַ שיינעם טאָג האָט זיין פרוי גענומען זייער קינד און אַוועק קיין ניו יאָרק. איז גינזבורג געקומען צו משה אַן אָפּגעלאָזענער, אַביסל באַטרונקען און געזאָגט משהן אַז ער וועט ענדיקן זיין לעבן, האָט אים משה געהייסן מאַכן אַ שפּריץ, אים געגעבן עסן און אים געלאָזט שלאָפן, ערשט צומאָרגנס, האָט ער מיט אים געהאַט אַ שמועס, און ווייל משה האָט געקענט זיין ווייב, האָט ער אים פאַרזיכערט אַז זיין ווייב וועט זיין אַ פּאָר וואָכן אין ניו יאָרק און קומען צוריק אַהיים און אים געהייסן דערוויל זיך נעמען אין די הענט אַריין און געהייסן אים גיין צו דער אַרבעט. און אַזוי איז טאַקע געוועזן. זיין ווייב איז געקומען צוריק אַהיים. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן זיי פאַרלאָזט דעטרויט און באַזעצט זיך אין ניו-יאָרק. זיין ווייב אַרבעט אין אַ קליידער-שאַפּ און זיי לעבן גליקלעך. פון יענער צייט האָט משה אים מער ניט באַגעגנט. אָבער נאָך דעם ווי כ׳האָב אים דערציילט אַז

כ׳האָב געטראָפן גינזבורגן האָט ער באַשלאָסן צו גיין אין מיין שאַפּ אים טרעפן. דעם טאָג האָב איך אַלעמען דערציילט אַז כ׳האָב חתונה געהאַט און געזאָגט גינזבורגן אַז משה וועט קומען זיך מיט אים צו טרעפן.

אין אָט איז געשען, איך ווייס ניט ווער האָט דאָס פאַרטראַכט, וואָס די טישן אויף וועלכע די פּרעסער אַרבעטן, זענען מיטאָג־צייט צעשפּרייט געוואָרן ווייסע פּאַפּירענע טישטעכער און ס׳איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן געטראַנק, עסן, זיסוואַרג, קאַווע און פון כל טוב. אַלע זענען געווען יום טובדיק און אונדז ביידן האַרציק געווונטשן און געפּראַוועט אַן אמתדיקע חתונה.

אָבער אין קורצן האָט די דרעס־פירמע באַשלאָסן אירענעקס־אָפּטיי־לונג צו ליקווידירן און אַרום 40 אַרבעטער האָט געדראָט צו פאַרלירן זייערע דזשאָבס. דאַן האָט די יוניאָן באַשלאָסן אויך אָפּצושטעלן דעם גרויסן שאַפּ פון דער פירמע לאַרו, וואָס האָט פּראָדוצירט טייערע קליידער כדי צו ווירקן אויף די אייגנטימער מען זאָל די אַרבעטער ניט באַזייטיקן און נאָך דריי וואָכן איז געווונען געוואָרן דער סטרייק. ביידע שאַפּן האָבן זיך פאַראייניקט און די אַרבעטער האָבן זייער דזשאָב ניט פאַרלוירן.

איבערגייענדיק אין דעם נייעם גרויסן שאַפּ האָב איך געטראָפן עלטערע יידישע אַרבעטער, שוין גוטע שניידערס געקומענע פון זייערע שטעטלעך פון פּוילן, אַ טייל לאַנדסלייט פונעם באַלעבאָס, וואָס האָבן אין זייערע היימען געאַרבעט אין קליינע שניידער וואַרשטאַטן. אַמאָל האָט מיר דערציילט דער שניידער פּישל, אַז איינמאָל איז אין זייער שטעטל אָריינגעקומען, אין דעם שניידער־וואַרשטאַט, ווו ער האָט געאַרבעט, אַ מאַן מיט אַ פּרוי און געבראַנגט זייער זון אַלס אַ לערנייִנגל. דאָס ייִנגל האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ קאַריקאַטור. צוליב זיין אויסזען, האָבן מיר יונגע קאָטאָוועסניקעס, דעם ייִנגל אָנגעטאָן פאַרשידענע שפּיצלעך און אים דערגאַנגען די יאָרן. דאָס דאָזיקע קאָמישע ייִנגל איז אונדזער היינטיקער באַלעבאָס, וואָס צאָלט אונדז היינט אָפּ כפל כפליים און דערגייט אונדז היינט די יאָרן, איינפירנדיק „אַנקעל מאָזעסעס״ סיסטעם. באַליידיקט מיט דער נידריקסטער שפּראַך. צווינגט אַרבעטן לאַנגע שעהן און צאָלט וויפל

אים ווילט זיך און גיט די אַרבעטער צו פילן אַז אָן אים וואָלטן זיי געשטאָרבן פאַר הונגער. און אַפילו איצט ווען דער שאַפּ איז אָרגאַניזירט ביים יוניאָן, האָבן די אַרבעטער אַלץ מורא און זענען אונטערטעניק זייער ברויטגעבער, וואָס רעכנט זיך גאָר ניט מיט די נייע צייטן. האָבן טאָקע די ניי געקומענע אַרבעטער געמוזט קנעלן מיט די אַלטע איינגע־זעסענע און זיי איבערצייגן אַז די לאַגע איז אין די שעפּער אַ גאַנץ אַנדערע. אין אַ טאָג איז געשען אַז ווען כ'האָב אויפגעהאָנגען מיינע געענדיקטע קליידער אויף אַ הענגער איז צוגעקומען דער באַלעבאָס איבערקוקן מיין אַרבעט. גענומען די קליידער און זיי אַ שליידער געטאָן און געזאָגט:

— „דו ביסט אַ קאַליקע, קענסט ניט אַרבעטן אין אַזאַ שאַפּ"! האָב איך זיך אויפגעשטעלט אין מיט זיכערקייט אין מיין שטים, און ניט שטאַרק־איידל אים געהייסן פאַרמאַכן דאָס מויל, אים געהייסן צורופן דעם שאַפּ־טשערמאַן, ער זאָל רופן אַ פאָרשטייער פון יוניאָן פאַר וועמען דעם באַלעבאָס זאָל זיך פאַרקלאָגן אויף מיין אַרבעט און דער יוניאָן־קאָמיטעט זאָל פאַרהאַנדלען וועגן דעם און געזאָגט האָב איך אים: — „אויב איר קענט ניט ריידן שיין צו יונגע פרוי, טאָ רעדט ניט צו מיר. ס'איז דאָ אַ שענערער וועג ווי צו באַקלאָגן זיך אויף שלעכטער אַרבעט". אַ צעטומלטער און אויפגערעגטער איז ער אַוועק אין זיין אָפיס. אָבער די אַרבעטער האָבן נאָך דעם אינצידענט געשמייכלט איינער צום צווייטן. די אַלטע „אָנקל מאָזעס" אַרבעטער זענען געווען צופרידן וואָס כ'האָב דעם באַלעבאָס געגעבן אַ לעקציע ווי צו רעדן צו אַן אַרבעטער און זיי זענען מיר געוואָרן גוטע פריינד. זיי פלעגן מיר דערציילן וועגן זייער שווער לעבן אין בראַנזוויל איידער זיי האָבן געברענגט זייערע פאַמיליעס קיין אַמעריקע. עס האָט מיר דערציילט פישל אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ באָרדער האָט ער מיט נאָך דריי אַרבעטער געוווינט ביי אַ משפּחה אויף דעם 5טן שטאָק, ווי עס איז ניט געווען קיין עלעווייטער, פלעגט ער געבן דער באַלעבאָסטעס יינגל אַ פּעני ער זאָל ברענגען אַ סיפאָן סעלצער־וואַסער און דערמיט פלעגט ער טראַקטירן זיינע באָרדערס. אַן אַנדערער אַרבעטער שוין אין די אַכציקער האָט מיר דערציילט אַז ער פלעגט ברענגען זיין ניי־מאַשין פון בראַנזוויל קיין מאַנהעטן מיטן סאַבוויי,

ווי אויפֿן איסט סייד איז געווען אַ מאַרק, ווי די אַרבעטער זענען געשטאַנען מיט זייערע מאַשינען און די באַלעבאַטים האָבן צווישן זיי זיך אויסגעקליבן אַרבעטער מיט זייערע מאַשינען צו זיך אין שאַפּ. ניט זעלטן פֿלעגט אַן אַרבעטער אַרויפֿשלעפּן זיין מאַשין אויפֿן פֿערטן פֿלאָר (שטאָק) אויף די פּלייצעס און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זיין מאַשין פּאַסט גאָר ניט צו דעם טיש פֿון דעם שאַפּ און מען האָט אים אָװעקגעשיקט ניט באַצאָלנדיק אים פֿאַר זיין געפּטרטער צייט.

געקומען איז אין שאַפּ אַ יונג מיידל. זי האָט ניט געקענט נייען אויף אַ מאַשין, אויך ניט קיין האַנט אַרבעט מיט דער נאָדל, האָט מען זי געשטעלט רייניקן די פֿעדים פֿון די קליידער. אַ פּאָר וואָכן אַרבעטנדיק אין שאַפּ איז אַמאָל צו איר צוגעגאַנגען דער באַלעבאָס, איבערגעקוקט די שוין גערייניקטע קליידער און מיט דער זעלבער שפּראַך, ווי ער האָט אַמאָל גערעדט צו מיר, און מיט אַ צולאָג געוואָרפֿן אויף איר קאָפּ עטלעכע קליידער. האָט זי אים אָפּגעשטופּט און גאָר ניט געזאָגט און איז גלייך אַוועק אין יוניאָן. אין אַ שעה אַרום איז זי געקומען מיט אַ פֿאַרשטייער פֿון יוניאָן וואָס האָט גענומען דעם אַלטן און יונגן באַלעבאָס אין אָפּיס אַריין און מיט זיי גוט איינגעקנעלט. ביסלעכווייז האָט דער יונגער באַלעבאָס איבערגענומען דאָס פֿאַרוואַלטן מיטן שאַפּ און עס איז געוואָרן אויס „אָנקעל מאָזעס" שאַפּ. דאָס דאָזיקע מיידל וואָס האָט געהייסן כּרים האָט ווייטער געאַרבעט אין דעם שאַפּ און אין אַ פּאָר יאָר אַרום חתונה געהאַט מיטן צושניידער, אַ קאַטער ביי פֿרויען קליידער, ליאָן סטיין וואָס איז געווען אַ סקול לערער אָבער אין די דרייסיקער יאָרן, האָבן די סקול לערערס פֿאַרדינט ווייניקער ווי אַ קאַטער ביי קליידער, האָט ער געאַרבעט אין אונדזער שאַפּ. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ רעדאַקטאָר אין דער אינטערנעשענאַל יוניאָן דזשאָסטעס צייטונג.

די נאָדל (טרייד) פֿאַך-אינדוסטרי האָט קיינמאָל ניט געוווסט פֿון אַ גאַנץ יאָר אַרבעט. ס'איז געווען אַ סעזאָן אַרבעט. אויב אַן אַרבעטער איז געלונגען ביי דער אַרבעט עפּעס אָפּצושפּאָרן פֿון זיינע פֿאַרדינסטן האָט ער אויסגעגעבן דאָס אָפּגעשפּאָרטע, אין דער צייט פֿון טויטן-סעזאָן, און אָפֿט פֿאַרשולדיקט זיך. ווען עס הייבט זיך אָן דער סעזאָן דאַרף מען

אויסצאָלן די חובות. דערפאַר ווען אין 1936 איז אַריין אין קראַפט דער אַרבעטלאָזע אנארפלומענט (אַרבעטלאָזע שטיצע), איז דאָס געוואָרן אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר די סעזאָן־אַרבעטער. עס איז דורך דער אינ־טערנעשאנאל יוניאָן אויסגעקעמפט געוואָרן אַ 35 שעהדיקער אַרבעט־טאָג און דער געהאַלט פאַר די פעדעראַלע יום טובים און אַ באַצאָלטע וואַקאַציע. און די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן דערפון צו געניסן.

פאַר אַזעלכע ווי איך איז ניט נאָר וויכטיק געווען די דערגרייכונגען, נאָר מיר האָבן פרייוויליק גענומען אויף זיך אָנצוהאַלטן אָט די דער־גרייכונגען פון דעם אינטערנעשינאַל אַרבעטער יוניאָן. ווערנדיק אין שאָפּ אַ טשערמאַן, האָב איך זיך באַמיט צו זאָרגן, אַז די אַרבעט זאָל יושרדיק צעטיילט ווערן. איך האָב זיך באַמיט אַז די וואָס אַרבעטן לאַנגזאַמער זאָלן באַקומען אַ גלייכע טייל לייכטערע קליידער צו קענען אויך ווי געהעריק פאַרדינען. די אייגנטימער פון די שעפּער איז וויניק אָנגעגאַנגען די זאָרג פאַר די אַרבעטער און עס האָט זיי גאָר ניט געאַרט די אַרבעטער זאָלן זיך אַרומרייסן, אָבער פאַר מיר האָט יעדער סאָציאַלער געווינס פאַרשאַפט פאַרגעניגן און דער קאַמף פאַר סאָציאַלע דערגרייכונגען איז געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פון מיין לעבן, כאָטש איך האָב גלייכצייטיק געהאַט מיין פריוואַט לעבן מיט מיין מאַן און כ׳האָב געהאַט מיין אייגן פאַמיליע־לעבן, וואָס איז אויך ניט געווען פריי פון פּראָבלעמען.

.4

באַקאַנט האָב איך זיך מיט משה קוירש אַ פּאָר מאָנאַטן נאָך מיין קומען קיין ניו יאָרק און נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרייניקן אונדזער לעבן. משה האָט מיר ניט צוגעזאָגט קיין „גאָלדענע גליקן". ער איז אויך ניט געווען קיין גרויסער פאַרדינער און אויך איך האָב אים ניט געגעבן קיין נדן. משה האָט געהאַט אַ זון פון 10 יאָר שלמהלע, וואָס האָט געלעבט מיט זיין מוטער און געקומען צו אים, דעם טאַטן, אַלע פרייטיק־צונאַכט און געווען מיט אים ביז זונטיק אין אָוונט. איך האָב דערצו מסכים געווען און אָנשטאָט זיי זאָלן פאַרברענגען אין צווייען פלעגן מיר פאַרברענגען אין דרייען.

מיין לעבן האָט זיך פאַרברייטערט און כ׳האָב אָנגעהויבן זאָרגן פאַר אַ פאַמיליע. מיר האָבן געדונגען צוויי צימערן מיט אַ קוך. אַזוי אַז מיר האָבן געהאַט אויך אָרט פאַר שלומהקען צום שלאָפן. אַנדערש איז ווען אַ מוטער געבויערט אַ קינד און אַנדערש ווען אַ פרוי נעמט צו זיך אַריין אַ 10 יעריק בחורל, דערצו ווען דאָס בחורל האָט אַ מוטער,

איז דאָס גאַנץ קאָמפּליצירט. איך האָב אָבער שלמהקען גלייך ליב באַ־קומען און ער האָט זיך מיט מיר גיך באַפריינדעט, ווייל ער האָט זיך געפונען אין אַ לאַגע פון אַ קינד מיט צוויי עלטערן און צוויי היימען האָבן מיר געמוזט זיך צו אים באַציען און אַזוי לגבי אים האַנדלען אים זאָל דאָס ניט ווי טאָן. און איך מיט משהן האָבן אַלץ געטאָן אין אונדזערע מעגלעכקייטן שלמהקען צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן. צי אונדז איז דאָס שטענדיק געלונגען בין איך קיינמאָל ניט געווען זיכער.

מיין מאַן משה איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1913 יאָר און זיך באַזעצט אין דעטרויט. אין 1914 איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און אַלע פאַרבינדונגען מיט זיין משפחה איז איבערגעריסן גע־וואָרן. זיין פאָטער איז אין פּוילן געווען אַ וואַלד־שרייבער און אַלע זיינע יאָרן געלעבט אין די וועלדער. ווען זיין עלטסטער זון משה איז עלטער געוואָרן האָט זיין פאָטער באַשלאָסן אַז ער וועט זיין אַ רב און אים געשיקט צו זיין זיידן קיין זשיראַרדאָוו. צו פיר יאָר האָט ער דאָרט אָנגעהויבן לערנען אין חדר. ווען משהס באָבע איז אַוועק אין דער אייביקייט האָט דער זיידע דערפון שטאַרק געליטן, פאַרנאַכלעסיקט זיינע געשעפטן און פאַראָרעמט געוואָרן. משה האָט דאַן שוין געלערנט אין דער ישיבה און „געגעסן טעג" ביי באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרדינען אַ מצוה און געבן אַ ישיבה־בחור עסן אַ טאָג אָדער צוויי אין דער וואָך. אָבער משהן האָט יעדער ביסן, ביי פרעמדע מענטשן, געשטיקט און ער פאַרלאָזט די ישיבה און געלאָזט זיך קיין וואַרשע, ווי ער גייט אַריין אין אַ וואַרשטאַט צו ווערן אַ קאָמאַשנשטעפּער. דאָ עפנט זיך פאַר אים אַ נייע וועלט. ער לערנט זיך דאָ אויס לייענען ייִדיש און באַקומט ליב די ייִדישע ליטעראַטור. די אַרבעטער באַקענען אים מיט די פּראָבלעמען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און נעמען אים מיט אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. ווען עס דערנענטערט זיך אָבער די צייט פון שטעלן זיך צום פּריזיוו, צו דינען אין דער צאַרישער אַרמיי, האָבן זיינע עלטערן, מיט דער הילף פון זייער משפחה אים אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע. אין דעטרויט מיטשיגען האָט ער געאַרבעט ביי סוועטערס און אין דראַגאַסטערס און ביי נאַכט געלערנט אין אַ סקול אינזשינערינג.

נאָך אַ יאָר לערנען איז ער אַריין אין פאָרדס אויטאָמאָביל־פאַבריק אַלס אינספּעקטאָר.

צו זיין אַן אינספּעקטאָר איבער איירישע, פּוילישע, איטאַליענישע און אַמעריקאַנער אַרבעטער איז גאָר ניט געווען קיין אַנגענעמע זאַך. אין זיין צעך איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַרשידענע שרויפן, וועלכע האָבן אַלע באַדאַרפט האָבן די זעלבע גרייס און וואָג און עס איז געצאָלט געוואָרן לויטן שטיק. דאָס איז אַן אָנגעשטרענגטע און דעליקאַטע אַרבעט כאָטש די שרויפן ווערן אויסגעאַרבעט אויף אַ פּרעציזע מאַשין. די אויפגאַבע פון אינספּעקטאָר איז איבערצוקוקן די פּאַרטיקע שרויפן און בראַקירן די, וועלכע טויגן ניט. פאַר בראַקירטע אַרבעט איז ניט באַצאָלט געוואָרן, דאָס הייסט אַז די אַרבעטער האָבן דערביי פאַרלוירן געלט און צייט. דערפאַר איז נאַטירלעך וואָס די אַרבעטער האָבן געהאַט אַ שלעכטע באַציאונג צו משהן, וואָס איז דאָך אויך געווען אַ נייער אין לאַנד און דערצו אַ ייד. האָבן זיי ניט געשפּאָרט אים קיין אַנטיסעמיטישע באַמערקונגען און גאַנץ אָפט האָט ער מורא געהאַט אַז זיי וועלן אים אָנברעכן די ביינער. איז פון דער ניט־אַנגענעמער אַרבעט, פון לערנען אין די נעכט און פון זאָרג צו ברענגען, נאָך די מלחמה, זיינע קרובים קיין אַמעריקע, איז ער שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ממש קראַנק געוואָרן. אויף דעם ראָט פון די דאָקטוירים האָט ער געמוזט אויפהערן זיך צו לערנען אין די נעכט און זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט אין פאָרדס פאַבריק.

גראָד איז דאַן געקומען קיין דעטרויט אַ יידישע טרופּע אויף גאַסטראָלן און משה, אַ ליבהאָבער פון יידיש, האָט זייער ליב געהאַט יידיש טעאַטער, האָט ער זיך געדרייט אַרום די אַקטיאָרן און אַז דער סופליאָר פון דער טרופּע איז פּלוצים קראַנק געוואָרן האָט זייער רעזשיסער געבעטן משהן ער זאָל ווערן דער סאָפליאָר. משה האָט זיין אַרבעט גוט אויסגעפירט איז ער געבליבן אַ שטענדיקער סופליאָר אין דעטרויט. אַ סך פעיקע יידישע שוישפּילער האָבן אין יענע יאָרן ניט געקענט לייענען קיין יידיש, טייל אויך ניט קיין אַנדערע שפּראַכן האָבן זיי געמוזט האָבן אַ סופליאָר. אין דער צייט ווען משה איז געווען אַ סופליאָר איז קיין דעטרויט געקומען דער טעאַטער־אַנסאַמבל מיט מאָריס שוואַרץ. אויפגעפירט האָבן זיי שלום

עליכמס „סטודענטן". פאָול מוני, אָדער ווי מען האָט אים נאָך דעמאָלט גערופן ווייזנפעלד, האָט באַדאַרפן שפּילן די ראָלע פון סיאָמקען. ער איז אָבער פּלוצעם קראַנק געוואָרן, איז פאַרן אָנפאַנג פון דער ערשטער פאָרשטעלונג צוגעקומען צו משהן מאָריץ שוואַרץ און געזאָגט צו אים: — „משה קורש אַרויס פון דיין באַהעלטעניש! וועסט היינט שפּילן סיאָמקע". דאָס איז געווען צוויי שעה פאַרן אויפהייבן די קורטינע, האָט משה געמוזט זיך אויסלערנען די ראָלע. משה האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז ווען ער איז אַרויף אויף דער בינע האָבן אים געציטערט די פיס; ער האָט אָבער זיין ראָלע גוט אויסגעפירט און משה איז געוואָרן אַן אַרטיסט, געפאָרן איבער דער פּראָווינץ און נאָך אַ פּאָר חדשים, באַקומענדיק פון מאָריס שוואַרצן 75 דאָלער אַ וואָך, חוץ אַלע אויסגאַבן, האָט משה געקענט פון זיינע פאַרדינסטן ברענגען אַ טייל פון זיין משפּחה קיין אַמעריקע.

ביסלעכווייז האָט משה אויך אָנגעהויבן צו טוען רעזשי־אַרבעט ביי דער דעטרויטער תלמוד תורה און אויסגעפירט מיט די תלמידים ספּעק־טאַקלען. ער האָט צוגעצויגן שפּילער פון דעם דעטרויטער אָרקעסטער און זיי האָבן זיך באַטייליקט מיט מוזיק אין די דאָזיקע ספּעקטאַקלען. אויך האָט זיך אין זיי באַטייליקט די דעטרויטער פאָלקס־זינגערין עמאַ שייוער וועלכע האָט, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַגלייט דעם גרויסן שרייבער, פּאָעט און דענקער, לייוויקן אין זיין באַזוך איבער די דייטשע ד. פּי־לאַגערן אין געזונגען פאַר די געראַטעווע יידן, זיי גע־מוטיקט און דערוואַרעמט מיט איר געזאַנג.

אין דער דעטרויטער ליבקער יידישער געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן אַ דראַמאַטישע סטודיע און אַ פאָלקס־כאָר, לאַנגע יאָרן איז דער כאָר געווען באַרימט ביי דער יידישער באַפעלקערונג, ווייל עס זענען דאָרט געווען גוטע זינגער. משה האָט זיך פאַרנומען מיט רעזשי ביי דער דראַמאַטישע סטודיע און אויך אַקטיוו זיך באַטייליקט ביי פאַרשידענע דעבאַטן אויף קולטורעלע און פּאָליטישע טעמעס. אין 1920 האָט ער שוין געהאַט געברענגט זיין גאַנצע פאַמיליע פון פּוילן קיין אַמעריקע. אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט ער מיט זיין פרוי און ייִנגעלע פאַרלאָזט



משה קוירש — אין דער ראָלע אַלס גרעגאָרי אין לייוויקס „קייטן"
געשפּילט פון „אַרטעף"

דעטרויט און באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק. משהס ערשטע הייראַט האָט זיך ניט איינגעגעבן, נאָך זעקס יאָר האָט ער זיך צעשיידט מיט זיין פרוי.

ווען משה איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין „ארטעף״־טעאַטער וואָס האָט עקזיסטירט אויף קאָלעקטיווע יסודות און איך האָב געאַרבעט ביי מיין פאָך. דעם ערשטן זומער זענען מיר געפאָרן קיין מאָנטרעאָל, ווי ס'האָבן געוווינט מיינע עלטערן, מיינע שוועסטערס רחל מיט האָדל און מיינע ברידער הערשל און מאָטל, וועלכע האָבן שוין אויך חתונה געהאַט און געלעבט מיט זייערע פאַמיליעס.

ווי די מאָדע איז דאַן געווען אין מאָנטרעאָל, ספּעציעל ביי די יידן, האָט מען אויף דעם גאַנצן זומער געדינגען אַ הויז אין די לאַרענשען בערג. אָפּט צוויי אָדער דריי פאַמיליעס צוזאַמען. די פרויען מיט די קינדער זענען דאָרט געזעסן אַ גאַנצן זומער, זייערע מענער פלעגן קומען פרייטיק פאַרנאַכט און אַוועק מאָנטיק גאַנץ פרי. די מענער האָבן אויך פאַרבראַכט אין די בערג מיט זייערע פאַמיליעס. די צוויי וואָכן וואַקאַציעס וואָס זיי האָבן באַקומען פון זייער אַרבעטס־פּלאַץ.

מיר האָבן געדונגען אַ צימער ביי אַ פאַרמערקע אין דעם שטעטל וואַל־מאַריען צווישן בערג, וועלכע האָבן זיך געשלענגלט אַרום אונדזער הויז, אויבן האָבן זיך געפאַשעט שעפּעלעך און קי. אַנטקעגן האָט גע־שפּראָדלט אַ לויטערער קוואַל, אַז מען האָט געקענט דאָרט זען יעדעס שטיינדל און יעדעס פישל, דאָרט פלעגן מיר זיך אָפּט באָדן. משה האָט דאָרט יעדן טאָג געכאַפּט פיש, פון וועלכע מיר האָבן געמאַכט געשמאַקע מאַלצייטן. גענוצט האָבן מיר דער באַלעבאָסטעס קיך. געוואַשן זיך ביים פּלומפּ, באַלויכטן אונדזער צימער מיט אַ קאַראָסין־לאָמפּ. שפּייז, אייער, מילך און גרינס האָבן מיר געקויפט ביי דער פערמערקע. זי איז געווען אַן אלמנה, געהאַט אַ סך טעכטער און אַ זון. זיי האָבן ניט געקענט רעדן ענגליש נאָר בלויז פראַנצייזיש, דאָך האָבן מיר זיך פאַרשטאַנען. משה פלעגט אַלע דינסטיק אין דער פרי פאָרן קיין מאָנטרעאָל, ווו ער האָט רעזשיסירט ביי דער דראַמאַטישער סטודיע „ארטעג״ פון דער לינקער יידישער גרופּירונג, און ער פלעגט קומען צוריק דאָנערשטיק ביי טאָג,

זיינע פֿאַרדינסטן האָבן כמעט געדעקט אונדזערע אויסגאַבן, דערצו פֿלעגט מיין ברודער הערשל און מיין שוואָגער, קומענדיק אַלע פֿרייטיק צו זייער משפּחה, נעבן אונדזער שטעטל אין וואַלדמאַרן, מיר געברענגט פּרוכט אויף אַ גאַנצער וואָך. מיין מאַמע האָט מיר געשיקט געפֿילטע פֿיש. צוויי געבראָטענע הינער, אַ קוגל, חלה און קיכלעך, אַזוי אַז מיר האָבן געלעבט ווי גאָט אין אַדעס.

דער מענטש איז דאָך אַ געזעלשאַפֿטלעכע חיה, זוכט מען שטענדיק פֿריינד. אין די יונגע יאָרן האָב איך אין מאָנטרעאָל זיך געשאַפֿן פֿריינד און באַקאַנטע. אַ טייל פֿון זיי האָב איך דעם זומער געטראָפֿן אין די בערג אַרום וואַלדמאַרן. געווען דאָרט די זיפֿערס, שרהקע און יעקב, נעבן זיי די הייבעלס און נאָך אַנדערע און מיר פֿלעגן גיין צו זיי אַ פּאָר מאָל אין וואָך, מיט זיי גוט פֿאַרבראַכט און תמיד מיטגענומען פֿון זיי ביכער, זשורנאַלן, אַזוי אַז מיט קולטור זענען מיר געווען אויך פֿאַרזאָרגט.

אין יענע יאָרן זענען מיר געשטאַנען נאָענט צו די לינקע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און מיר האָבן אַ סך פֿון זיי אויך געטראָפֿן אין די בערג אויף וואַקאַציעס. דעם זומער איז דאָרט אויך געווען מענדל פּאָול מיט זיין פֿאַמיליע אין דעם קליינעם שטעטל סענטעגייט אין די בערג, מיט שיינע האָטעלן און אַ גרויסער טייך. מיט מענדלען פּאָול האָט מיך באַקענט זיינ׳ס אַ שוועסטערקינד, יענקל פּאָול, וועלכער האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צום קאַנאַדער לעבן און איז שפּעטער צוריקגעפֿאָרן אַהיים אין דער ליטע, ווו ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין משפּחה אין דער צייט פֿון דער היטלער־הערשאַפֿט. מענדל פּאָול איז אויך געקומען פֿון ליטע, ווו ער איז געווען אַ דעלעגאַט פֿון דער קאָמוניסטישער ליסטע צום פּאַרלאַמענט, און ווען דאָרט האָט זיך צעבושעוועט די רעאַקציע איז ער אַרעסטירט געוואָרן און זיין משפּחה האָט פֿאַר גרויס געלט אים אַרויסבאַקומען פֿון דער טורמע און אים איבערגעפֿעקלט קיין קאַנאַדע. דאָ האָבן זיך געענדערט זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען און ער איז געוואָרן אַ טעריטאָריאַליסט און געאַרבעט אַקטיוו פֿאַר אוגאַנדע. ווען איך בין מיט משה געפֿאָרן קיין מאָנטרעאָל איז ער דאָן מיט מענדלען

געוואָרן גוטע פריינד און מיר זענען אָפט געפאָרן באַזוכן די פּאַוליס־פאַמיליע אין די בערג.

נאָך זעקס וואָכן זייענדיק אין די קאַנאַדער בערג האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז איך זאָל גלייך קומען קיין ניו יאָרק, ווייל מיין באַלעבאָס דראָט אַז אויב איך וועל ניט קומען וועט ער נעמען אַ צווייטן אויף מיין אַרבעט־פּלאַץ. געווען בין איך נאָך דאָן אַ קאַנאַדישע בירגערין און ביים קומען קיין ניו יאָרק האָב איך געהאַט שוועריקייטן, ווייל אַ קאַנאַדער בירגער האָט געהאַט דאָס רעכט אַריינצוקומען אין די פאַרייניקטע שטאַטן נאָר אויף אַ מין וואַקאַציע, אויף אַ פּאָר וואָכן, אָבער אַ־ רעכט צו אַרבעטן, און ניט צו ווערן אַ סטאַבילער איינוווינער. אָבער איך האָב שוין די אַלע געזעצן דאָרט געבראָכן. אין דער זעלבער לאַגע איז אויך געווען מיין פריינד נחום באַראַן, האָבן מיר זיך געוואָנדן צו אַן אַדוואָקאַט, אַ ספּעציאַליסט פון עמיגראַציע־געזעצן וואָס האָט אונדז געראָטן אַרויסצופאָרן פון לאַנד און פאָרן קיין קובאַ. דער אַדוואָקאַט האָט אַליין דערל־ידיקט און אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר אין קובאַ באַקומען אונדזערע וויזיעס צו פאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיר האָבן אָבער באַשלאָסן צו בלייבן נאָך דריי טעג אויף דעם קליינעם שיינעם אינדזל. פאַר אונדזער פאָרן קיין קובאַ האָט מיר אַ קובאַנער פריינד געגעבן אַן אַדרעס פון אַ יידישן רעסטאָראַן אין האַוואַנאַ צו אַ משה פּופּיק. געטראָפן האָבן אָבער מיר זיין אַלמנה מיט איר טאָכטער. זיי האָבן אונדז באַזאָרגט מיט אַ יידישן טעקסי־שאָפער און ער האָט אונדז געפירט איבער אַלע טיילן פון דער שטאָט האַוואַנאַ און איבער אַרומיקע ישובים. די שטאָט האָט געהאַט אַן אָרעמע געגנט און אויך גאַסן מיט גרויסע שיינע ווילעס, מיט אַ סך גרינס. איבער דער שטאָט האָט געהאַנגען אַ בלויער הימל כאָטש אַ רעגן קומט דאָרט גאָר אומגעריכט. אָפט רעגנט און די זון באַהאַלט זיך גאָר ניט, אַזוי אומגעריכט הערט אויף רעגענען און די שטאָט זעט אויס ווי אויסגעצוואָגן, מיט אַ שיטערער לופט, און זויבער ריין. אין דער געגנט פון משה פּופּיקס רעסטאָראַן האָט געוווינט די אָרעמקייט, אויך אָרעמע יידן. דאָרט איז אויך געווען אַ יידישער קולטור־הויז פאַר פּאָליטישע אין

קולטורעלע טעטיקייט. די גאַסן אין דער געגנט זענען זייער שמאָלע און איבער די טראָטואַרן האָבן קיין צוויי מענטשן ניט געקאָנט צוזאַמען שפּאַצירן, באַזונדער ווען די פרוי טראָגט אַ ברייטן הוט.

אַ גאַנצן טאָג זענען די מענטשן אויף די גאַסן און דער געפּילדער איז גרויס, מען רעקלאַמירט פאַרשידענע סחורות, אויף די העכסטע טענער. באַזונדער די לאָטעריע־בילעטן. די אָרעמע חלומען פון גרויסע געווינסן און ניט וויייניק זאָגן זיך אָפּ פון אַ מאָלצייט צו קענען קויפן אַ לאָטעריע־צעטל. צוועלף בייטאָג ווערט איבער דער שטאָט אַ גרויס געיעג. די געשעפטן ווערן געשלאָסן און די מענטשן איילן צו די אויטאָבוסן, וועלכע ווערן גיך אָנגעפילט. דאָס איז די צייט פון „סיעסטא“, פון צוועלף ביז צוויי, ווען אַלע עסן מיטאָג און כאַפּן אַ נאָכמיטאָג־דרעמל. נאָך דריי אינטערעסאַנטע טעג אין קובאַ זענען מיר לעגאַל אַריין אין די פאַריי־ניקטע־שטאַטן.

איך מיט משהן האָבן געהאַט אַ צימער ביי אונדזערע באַקאַנטע, די הירשביינס. עס איז אָבער ניט געווען באַקוועם האָבן מיר געדונגען אַ צימער מיט אַ קוך, געבאָרגט אַביסל געלט ביי אונדזער פריינד נחום און מיר האָבן אויסגעפּוצט אונדזער נייער וווינונג לויט אונדזער געשמאַק.

אין די דרייסיקער יאָרן איז אין אַמעריקע געווען אַ גרויסער קריזיס און אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט, אָבער לויט די איניציאַטיוו פון פּרעזידענט רוזוועלט איז אַריין אין קראַפט דער פּראָיעקט וו.פּ.א. לויט וועלכן מען האָט אָנגעהויבן בויען ברייטע וועגן פאַר אויטאָ־פאַרקער און בויען הייזער פאַר אָרעמע, אויך עפנטלעכע זאָלן פאַר מוזיק, מאָלעריי און טעאַטער. אויך אַ טייל יידישע אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דעם פּראָיעקט, צווישן אַנדערע אויך דער „אַרטעף“־קאָלעקטיוו און משה איז געוואָרן אַקטיוו אַרום דעם ענין. אין דער צייט האָט דער באַגאַבטער רעזשיסער לעמוואָרד פון דער יידישער טעאַטער־גרופּע אויפגעפירט „שולמית“ אין ראַדיאָ און משהן געגעבן צו זינגען סאָלאָ. האָט משה די גאַנצע צייט פון די רעפּעטיציעס און אַפילו נאָכדעם אַרויסטריט געזונגען דאָס ליד אין שלאָף. אָבער ווי דער שטייגער קומען אין יעדער קאָלעקטיווער גרופּע

פאַר רייבונגען און „פּיוּוּערטיזם", באַרעכטיקטע און ניט באַרעכטיקטע. משה אַלס באַשיידענער אַקטיאָר האָט אָנגענומען יעדע ראָלע וואָס מען האָט אים צוגעטיילט, כאָטש אָפט איז ער געווען באַוואָלט און דאָך אַריינגעלייגט דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקאָנט אין יעדער זיין ראָלע. איך געדענק אַז אַמאָל ביים אויפפירן שלום עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט" האָט ער געהאַט אַ קליינע ראָלע אַלס משרת אין אַ רייכן הויז. אָבער ווען ער איז אַרויס אויף דער בינע האָט זיין גיין, זיין גרים, מימיק אַרויסגערופן אַ גרויס אָנערקענונג און די פאָרשטעלונג איז געלויבט געוואָרן סיי פון דער יידישער, סיי פון דער ענגלישער פּרעסע און אַז משה קורשס אויפטריט איז געווען דער חן־פּינטל אין דער פּיעסע.

דער „אַרטעף" קאָלעקטיוו האָט זיך אָבער, אין 1940, אויפגעלעזט און משה, נאָכדעם ווי ער האָט דערגרייכט זיין חלום צו שפּילן יידיש טעאַטער איז איצט געוואַקסן ביי אים דער פאַרלאַנג צו פאַרגרעסערן אונדזער פאַמיליע. איך בין דערמיט ניט געווען מסכים, ווייל ביי אונדזער מאַטע־ריעלער לאַגע האָב איך געמוזט גיין אַרבעטן און ניט געוואָלט אונדזער קינד איבערלאָזן אין פרעמדע הענט. משה איז אָבער געווען דעצידירט אין זיין שטרעבונג. איך האָב געהאַט באַקאַנטע און חברים נאָך פון קישעניעוו וואָס האָבן געצויגן זייער פּרנסה פון לאַנדרעס. איז משה אַוועק צו זיי. באַקענט זיך מיט דעם געשעפט און באַשלאָסן צו קויפן אַ לאַנדרי. מען האָט דערצו באַדאַרפן האָבן צוועלף הונדערט דאָלער. מיר האָבן אָבער ניט געהאַט קיין אָפּגעשפּאָרטע פּרוטה, האָט אונדזער פריינד נחום באַראַן אונדז געליען פערצן הונדערט דאָלער און משה איז געוואָרן אַ לאַנדרי־מאַן. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט, לאַנגע שעהן און טעג האָט ער אַריינגעבראַכט אין דעם געשעפט. אין 1943 איז געבוירן געוואָרן אונדזער זונדל איציק. זיין טאַטע איז דאַן שוין אַלט געווען 51 יאָר. ביז היינט רוף איך אונדזער זון מיין מאַנס ירושה. ווען איך בין געוואָרן אַ מאַמע בין איך געווען 35 יאָר.

ווען כ'האָב געשוואַנגערט איז מיין מאַנס זון שלמהלט גרעסטער ווונטש געווען כ'זאָל געבוירן אַ יינגעלע. ער האָט שטאַרק געוואָלט האָבן

אַ ברודערל. ער האָט פּאַר פרייד מיר געבּרענגט אין שפּיטאָל אַריין אַ בּוקעט בּלומען און פון גרויס צעטראָגנקייט פאַרבּלאָנדזשעט אין אַ מיידל־סקול, וועלכער האָט זיך געפונען נעבּן שפּיטאָל. אָבּער שטאַרק האָט געציטערט מיין נשמה ווען מען האָט מיר צום ערשטן מאָל צוגעטראָגן מיין ייִנגעלע. גאָר גרויס איז געווען די פרייד פון דעם טאַטן און אַפילו פון אונדזער פריינד נחום און מיר האָבּן אונדזער קינד אַ נאָמען געגעבּן נאָך זיין פאַרשטאָרבּענעם טאַטן און בּיז היינט רופט מיין זון אים — אָנקל נחום.

אַ פּאָר מאָנאַטן פּאַר איציקלס געבּוירן ווערן האָבּן מיר געדונגען אַן אַפּאַרטאַמענט אויף מאַנהעטן עווענין צווישן דער 704 און 103טער גאַס. אונדזער לאַנדרי איז געווען צווישן 102 און 103טער גאַס. אַ לאַנדרי־געשעפט אין ניו־יאָרק האָט אין יענע יאָרן געמיינט אַן אַרבּעט פון זיבּן פרי בּיז אַכט אָדער ניין אָוונט. האָבּ איך אַזוי איינגעפירט, אַז מיטאָג־צייט פלעג איך איציקלען געבּן זיין עסן און אים לייגן שלאָפן און אָנ־גרייטן אַ לאַנטש פּאַר משהן און כ׳האָבּ זיך מיט אים געבּיטן. איך בּין געווען אין לאַנדרי און ער האָט אין שטוב געגעסן און געכאַפּט אַ דרימל. אין דער צייט האָבּ איך פאַריכט מענער זאָקן אויף אַ בּאַזונ־דערער מאַשין. אָנגעגנייט קנעפּלעך אויף העמדער. איז אונדזער לעבּן געפלאָסן רואיק, מיר זענען ניט געווען רייך אָבּער געלעבּט בּאַקוועם און בּאַמיט זיך ניט אָפּצושטיין פון געזעלשאַפטלעכן לעבּן. ס׳ פלעגן אָפט צו אונדז קומען אין די אָוונטן פריינד און חברים.

ווען איציקלען איז געווען נאָר אַ פּאָר מאָנאַטן — האָט שוין אונדזער שלמה געענדיקט די הייסקול און איז מאָבּיליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי, ווייל אַמעריקע איז אַריין אין דער צווייטער וועלט־מלחמה און אַלע 18־יעריקע זענען מאָבּיליזירט געוואָרן. עס זענען אויך מאָבּיליזירט געוואָרן משהס בּרודער־זון פּאָול און זיין שוועסטערס זון פרעד. עס איז אויך מאָבּיליזירט געוואָרן מיין שוועסטער שרהקס זון עלעק, אַן 18־יעריקע און איר ערשט געוואָרענער איידעם ד״ר על סימען. אַזוי אַז אונדזער משפּחה, מיינע און משהס, האָבּן געהאַט 5 זעלנער אין דער צווייטער

וועלט־מלחמה. משהס ברודערס זון פּאָול און מיין שוועסטערס זון עלעק זענען געווען אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן. מיין שוועסטערס איידעם אַ נאָר וואָס געענדיקטער דאָקטאָר, נאָר וואָס נאָך זיין חתונה, האָט גאָר ניט געהאַט קיין חשק איבערצולאָזן זיין יונג, שיין ווייבל און גיין אין דער מלחמה. אויך אונדזער שלמה האָט ניט ליב געהאַט די אַרמיי. געווען אַ קעגנער פון מלחמות און נאָך היינט אַ קעגנער פון בלוט־פאַר־גיסונגען. ער האָט אָבער געוואָלט גיין אין דער אַרמיי כדי צו פאַרטיליקן די היטלער־אַרמיי. אָבער משהס שוועסטערס זון פרעדי, אַ שיינער בחור, אַ ליבהאָבער פון קלאַסישער מוזיק און באַגאַבטער פידל־שפּילער, האָט פיינט געהאַט געשלעגן און מלחמות און שטאַרק ניט געוואָלט גיין אין דער אַרמיי. די עלטערן האָבן מיט אַלע מיטלען געוואָלט אים באַפרייען פון דער אַרמיי. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. איידער ער איז אַוועק אין דער אַרמיי האָבן זיינע עלטערן אים געשיקט קיין ניו יאָרק אויף אַ וואָך וואַקאַציע און פרעדי האָט שטאַרק ליב באַקומען מיין איציקלען און פלעגט אים איינשלעפן מיט מוזיקאַלישע טענער. אַ פּאָר טעג פאַר זיין אָפּפאָרן קיין דעטרויט איז פרעדי אַרויס פון איציקלס צימער מיט טרערן אין די אויגן. און מיר געזאָגט: — „חייקע איך וויל ניט גיין אין דער מלחמה, כ׳וויל ניט מען זאָל מיך שיקן אויפן פראָנט. איך קען ניט פאַר־טראָגן קיין געשלעגן און קיין בלוט״! עס האָט אָבער ניט געדויערט לאַנג און אַלע פינף אונדזערע זעלנער האָבן זיך געפונען אויף די פאַר־שידנסטע פראָנטן.

נאָענט צו קריסמוס און ניי־יאָר האָבן מיר געלייענט אין אַ צייטונג, אַז אַ בעקער שיקט אָפּ לעקעך צו די סאָלדאַטן אויף די פאַרשידנסטע פראָנטן און גאַראַנטירט אַז זיי וועלן אָנקומען פריש און צו דער צייט. בין איך גלייך אַוועק אין דער בעקעריי און אַוועקגעשיקט פינף פּעקלעך פאַר אונדזערע זעלנער. צוויי אָדער דריי וואָכן נאָך קריסמוס באַקום איך אַ בריוו פון דער בעקעריי איך זאָל דאָרט קומען. כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען צו וואָס מען רופט מיך. האָבן איך אויסגעפּוצט מיין איציקלען און, זיך. אים אַריינגעזעצט אין זיין קינדער־וועגעלע און געלאָזט זיך אין וועג. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער און איציקל האָט מיט זיין שטיפן אויך

מיך געמאַכט פריילעך און יומטובדיק. אין דער בעקעריי האָט מען מיר געוויזן אַ בריוו פון דער אַרמיי, אַז זיי שיקן צוריק דאָס פּעקל לעקעך, וואָס מ'האָט פאַר פרעד קאָס, ווייל ער איז אומגעקומען אויפן איטאַליע־נישן פראָנט. האָב איך זיי געהייסן טאָן מיטן לעקעך וואָס זיי געפעלט און מיטן קינד, מיט גרויסן צאָרן אַרויס פון דער בעקעריי. מיינע טרערן האָבן זיך געגאָסן אויף מיין איציקלס קאָפּ און ער האָט געקוקט אויף מיר מיט טרויער, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען די גרויסע עוולה וואָס איז אונדז געשען. מיר האָבן אָבער אויך געוווסט פון דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונדזער יידישן פאָלק אין אייראָפּע, איז אונדזער טרויער געווען נאָך גרעסער און מיר האָבן געלעכצט עס זאָל וואָס גיכער געענדיקט ווערן דער צווייטער פראָנט, וואָס זאָל פאַרטיליקן די רוצחישע היטלער־אַרמיי.

ערשט ווען עס האָט זיך געענדיקט די מלחמה זענען אונדזערע זעלנער, חוץ פרעדין געקומען אַהיים. די רעגירונג האָט באַשטימט אַ ספּעציעלן פאָנד פאַר די אָנטיילנעמער אין דער מלחמה, וואָס האָט דער־מעגלעכט שלמה זאָל גיין לערנען. ער איז אָנגענומען געוואָרן אין דער ברוקלין סיטי־קאָלעדזש. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ קאָמפּאָסיאַישער לויער און מיט נאָך צוויי שותפים געעפנט אַ גוט געשעפט אין ניו־יאָרק בראָדוויי־קאַנאַל און ער איז איצט אַן אויסגעוויילטער ריכטער אין גרייט־נעק, וווּ ער וווינט היינט מיט זיין פרוי און צוויי טעכטער. די עלטערע איז שוין איצט אַ טענצערין פון אָריענטאַליש קלאַסישע טענץ. אַ שיינע, שאַרפע און קלוג. זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ ליבן בחור טזשים, וועלכער וועט אין גיכן ווערן אַ מעדיצין־דאָקטאָר. די צווייטע טאָכטער אַ שלאַנקע, אַ שיינע און שטילע האָט די אַמביציע צו ווערן אַ מעדיצין־דאָקטאָרין, און זי וועט איר ציל זיכער דערגרייכן.

שלמה האָט איציקלען זייער ליב געהאַט און דער קליינער איציק האָט שלמה ממש פאַרגעטערט. האָט אין אונדזער פאַמיליע געהערשט אַן אמתע אידיליע. אָבער משה האָט באַקומען געשווירן אויף די פיאַטעס, פון די לאַנגע שעהן שטיין, אין דער לאַנדרי, אויף די פיס אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע. מען האָט אים געראָטן אָפּצולאָזן די לאַנדרי.

זיין קריינקייט האָט געדויערט צוויי מאָנאַטן און ווען ניט די הילף פון שלמהן, וואָס פלעגט קומען יעדן טאָג גלייך פון סקול אין דער לאָנדרי און מיר העלפן אין דער אַרבעט, וואָלטן מיר באַדאַרפן פאַרמאַכן דאָס געשעפט. ווען משה איז געזונט געוואָרן האָבן מיר פאַרקויפט די לאָנדרי, פאַר אַ גאַנץ גוטן פרייז, און משה האָט גענומען זוכן אַן אַנדערע אַרבעט. איך האָב דאַן באַנייט מיין יוניאָן־ביכל און האָב באַקומען אַ פארט־טיים דזשאָב, געוואָרן אַן אַרבעטנדיקע מוטער. האָב איך געהאַט דאָס רעכט אַריינצוגעבן איציקלען אין אַ קינדער־גאָרטן וואָס מען האָט געעפנט, אין דער צייט פון דער מלחמה, פאַר אַרבעטנדיקע מוטערס. דאָס זענען געווען די בעסטע קינדער־גערטנער, אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג און איציקל איז דאָרט געווען צופרידן און מיט פרייד דאָרט געגאַנגען. איך פלעג אים אָפּפירן 8 אַזייגער אין דער פרי און אים גענומען אַהיים 4 אַזייגער נאָכמיטאָג.

אין דער צייט איז געקומען צוגאַסט מיין שוועסטער האָדל פון מאָנטרעאָל און זעענדיק אונדזער שווערע לאַגע האָט זי אונדז פאַר־געשלאָגן, אַז משה זאָל קומען קיין מאָנטרעאָל און דאָרט ווערן איר מאַנס שותּף, ביים פאַרקויפן „קאַסטעס־דזשולערי". (אימיטאַציע צירונג). מיר האָבן דאָס אָנגענומען, געקויפט אַ נייע קאַר און איך האָב באַדאַרפט בלייבן ביז פּסח און דערנאָך אויך קומען קיין מאָנטרעאָל מיט איציקן און דערווייל פאַר־געזעצט מיין אַרבעט. שלמה פלעגט ווייטער קומען צו מיר איין מאָל אין דער וואָך, פון סקול. ער איז תּמיד אַוועק צו איציקלען אין קינדער־גאָרטן. 4 אַזייגער נאָכמיטאָג, האָט ער שוין דאָרט געוואַרט אויף מיר. אין אָוונט האָבן מיר צוזאַמען געגעסן אָוונט־ברויט און ער איז דעם אָוונט געבליבן מיט איציקלען, איך זאָל האָבן פאַר זיך אַ פרייען אָוונט, פאַר מיין פאַרגעניגן. פאַר דער גאַנצער צייט האָט שלמה ניט פאַרפעלט צו ברענגען פאַר איציקלען קינדער־פילמען, זיך שפּילן מיט אים, אים אויסבאָדן און לייגן שלאָפן. נאָכדעם ווען כ׳בין געקומען אַהיים האָבן מיר נאָך געשמועסט ביז ער איז געגאַנגען שלאָפן.

דערווייל איז דאָרט אין קאַנאַדע געוואָרן אויס שותּפות צווישן משהן און אונדזער שוואָגער אַרקע, האָדלס מאַן און איך האָב שוין

געהאַט פאַרדינגען מיין וווינונג, בין איך אַוועק קיין קאַנאַדע, נאָך פאַר פסח, דאָרט אויסצוגלייכן דעם סיכסוך צווישןביידע שותפים. די קאַר האָבן מיר דאָרט ניט געקאָנט פאַרקויפן, ווייל לויטן געזעץ טאָר מען פאַר די זעקס מאָנאַטן ניט פאַרקויפן קיין קאַר וואָס מען ברענגט אַריין קיין קאַנאַדע. האָב איך געוואָלט מיר זאָלן דערווייל דינגען אַ זומער־וווינונג אין די לאַרענשען־בערג. ביז מיר וועלן קענען פאַרקויפן דעם קאַר און צוריקפאָרן קיין ניו יאָרק.

משהן האָט די גאַנצע געשיכטע זייער פאַרדראָסן, אויך איך האָב פאַרשטאַנען אַז שולדיק איז מיין משפחה, דערפאַר האָב איך אָנגענומען משהס פלאַן ער זאָל ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער סוחר, אַליין קויפן ביליקע אימיטאַציע־ביזשוטעריע ביי גרויסע סוחרים און דאָס פאַרקויפן אין די שטעטלעך, ווייט פון מאָנטרעאָל, אַזוי אַז ער זאָל ניט קאָנקורירן מיט אונדזער שוואָגער, וועמענס קונים זענען געווען פון מאָנטרעאָל און אַרום. אַזוי האָט ער געטאָן. מיר האָבן ניט געקענט באַקומען אַ וווינונג אין מאָנטרעאָל, האָט אונדזער פריינד מענדל פּאָול אונדז פאַר־בונדן מיט אַ מאַן פון ליטע, וועמען די ליטווישע רעגירונג האָט געשיקט, אַלס אַגראָנאָם קיין אַמעריקע זיך צו באַקענען מיט נייע מעטאָדן פון אַגראָנאָמיע. ער האָט אָבער ניט געקענט פאָרן צוריק, ווייל היטלער האָט אין דער צייט פאַרנומען ליטע. געהייסן האָט ער פיליפּס און געהאַט אין קאַנאַדע זיינע קוזינען, דאָס זענען געווען די בראָנפעלדס, די אייגנ־טימערס פון קאַניאַק און בראָנפן אונטערנעמונגען, האָבן זיי אים אַראָפּ־געבראַכט קיין קאַנאַדע און געדינגען פאַר אים אַ פאַרם. האָבן מיר טאַקע, מיט דער פאַרמיטלונג פון אונדזער פריינד מענדל פּאָול, ביי אים געדונגען אַ שלאָף־צימער און דעם צווייטן צימער האָט ער געהאַט פאַר זיך. ער האָט אונדז אויך איבערגעגעבן זיין קיך מיט דעם באַדינג, אַז ער וועט ביי אונדז עסן זיינע אָוונט־ברויטס און דערפאַר אונדז צאָלן אַ דריטל פון די אויסגאַבן פאַר די מאָלצייטן. עס זענען דאַן געווען שיינע טעג און איך פלעג מיט מיין איציקן שפּאַצירן איבער פיליפּס פעלדער, וווּ ער האָט געמאַכט זיינע עקספּערימענטן, צונויפגעקרייצט אויף ביימער עפּל מיט באַרן. אויך ווײמפּערלעך פון פאַרשידענע מינים און קאַלירן.

געקרייצט קאַרשן מיט פלוימען און פאַרשידענע גרינצייגן, רויטער רובאַרב, פראָדוצירט נייע מינים פון טאָמאַטעס, אוגערקעס און רעטעך און עס געשיקט קיין ענגלאַנד. נעבן אים בין איך דעם זומער שיר ניט געוואָרן אַן אַגראָנאָם, ווייל הער פיליפּ האָט ליב געהאַט אַלץ מיר צו דערקלערן. געווען איז ער אַ גרויסער געלערנטער. געקענט גוט העב־רעיש און געלייענט יידיש. געווען אַ תלמודיסט און פלעגט זומער פאָרן צו דער הכשרה פון „השומר הצעיר", נעבן טאָראָנטאָ, לערנען די חברים די פּרינציפּן פון האָדעווען פרוכטן און גרינצייג.

מיר האָבן געהאַט אין קאַנאַדע אַ גוטן זומער און משה האָט געהאַט דערפאָלג אין זיין געשעפטן. אַז ער האָט באַדאַרפט פאָרן אין אַ גרעסערע שטאָט און דאָרט לענגער פאַרברענגען פלעגט ער מיך און איציקלען מיטנעמען. איך פלעג איינפּאַקן נויטיקע זאַכן אויף עטלעכע טעג און אויך מיטנעמען איציקלס טרייסיקל (קינדער וועליסאָפּעד). ווען משה איז געווען פאַרנומען אַ לענגערע צייט מיט אַ קונה פלעג איך מיט איציקלען זיך אַריינכאַפּן אין דעם שטאָטישן פּאַרק און באַלד געוואָרן אַרומגערינגלט מיט פראַנצייזישע קינדער וואָס האָבן ניט געקענט קיין ענגליש, דאָך האָבן מיר מיט זיי זיך פאַרשטאַנען און איך האָב זיי מכבד געווען מיט אייז־קרעם.

משה האָט דאַן זייער שיין פאַרדינט און מיר האָבן גוט פאַרברענגט, זיך באַקענט מיט דער שטאָט קוויבעק. דעם זומער איז אויך געקומען צו אונדז שלמה אויף וואַקאַציע און מיטגעבראַכט אַ חברטע, זיין איצטיק ווייב. מיר האָבן פאַר זיי געדונגען צוויי צימערן ביי אַ שכנישן פּערמער. געגעסן און פאַרבראַכט האָבן זיי מיט אונדז. ווען משה איז אויף צוויי וואָכן געפאָרן אין אַ ווייטערן געגנט זענען מיר אַלע מיט אים מיטגעפאָרן און צוזאַמען זייער גוט פאַרברענגט.

דעם זומער פלעגט משה יעדן זונטיק פאָרן מיט איציקלען צו זיין זיידן און באָבען און זיי ברענגען צו אונדז אין דער פּערמע. מיין מוטער האָט צוגעגרייט אַ פּאָר שמאַלץ־הערינג, אָפּגעקאָכט אַ גאַנצן טאָפּ קעז־קרעפּלעך, געבאַקן לעקעך און דאָס געברענגט צו אונדז. אויפן וועג האָבן זיי מיטגענומען מענדל פּאָלן. מיין ברודער הערשל איז אויך

געקומען, צו פיליפסן דעם אַגראָנאָם. ס'איז געקומען זיין קוזין איינער פון די בראַנפילדס, פון די סי־גרעם בראָנפן, וואָס האָט געוווינט אין אַ פראַכטפולן פּאַרק ניט ווייט פון פיליפּס פאַרם, און מיטגעבראַכט פאַר אונדז אַ פלאַש סי־גרעם אין אַ תפילין־זעקעלע. מיר האָבן אַרויסגעשטעלט אַ טיש מיט בענקלעך אין דרויסן אונטער אַ בוים און צו אַלע גוטע זאַכן האָט פיליפּס געברענגט פון זיין גאָרטן סטראַבירעס, אַגרעסן און בלוי־בעריס, ווי אויך גרינס פון וועלכע כ'האָב געמאַכט אַ גוטן סאַלאַט. נאָך דעם געשמאַקן מיטאָג האָבן מיר לאַנגע שעהן געשמועסט און דיסקוטירט אויף פאַרשידענע טעמעס.

די פאַרגעניגנס פון אַזעלכע טעג איז שווער צו פאַרגעסן. באַזונדער האָבן געלויכטן די פּנימער פון מיינע עלטערן, פון צופרידנקייט פון דעם פאַרברענגטן טאָג אין אַ גוטער געזעלשאַפט. מיין מאַמע האָט געשמייכלט אַ צופרידענע וואָס אירע קינדער קאָנען איינאָרדענען אַזעלכע יומטובדיקע צוזאַמענטרעפן. זי איז געווען שטאָלץ מיט איר מאַנס קענטענישן אין תורה און פּאָליטיק. שטאָלץ מיט איר איידעם, דעם מאַן פון איר יונגסטער טאָכטער, שטאָלץ מיט אַלע געסט וואָס האָבן אַרויסגעוויזן זייערע קענטע־נישן אין די שמועסן און זיך מיט אַלעמען האַרציק געזעגנט. מיין ברודער הערשל האָט אַהיימפאַרנדיק מיטגענומען אונדזער פריינד מענדל פאָולן.

דער זומער האָט זיך געריקט צו ענדע און מיר האָבן גענומען זוכן אַ וווינונג אין דער שטאָט. מיין ברודער מאָטל האָט געקענט אַ קבלן וואָס האָט געבויט אַ גרויסן בילדינג (הויז) אין אַ נייער געגנט צווישן די שטאָטישע בערג. ביי אים האָבן מיר געדונגען אַ דירה פאַר ניט טייער. פאַר די יום־טובים האָבן מיר שוין געוווינט אין דער נייער דירה. מיר האָבן איינגעקויפט נאָר דאָס נייטיקסטע, דאָך איז די וווינונג געווען באַקוועם און שיין. די בילדינג האָט זיך געפונען אין מיטן די בערג. צווישן די בערג איז געווען אַ וועג פאַר פערד און פאַר אויטאָס. ווען עס פאַלן גרויסע שנייען ווערן די טאָלן צווישן בערג פאַרשיט מיט שניי און זעען אויס ווי אַ ווייסער טעפּיך וואָלט פאַרדעקט די בערג ביז אירע שפּיצן. איינמאָל האָבן מיר געהערט אין ראַדיאָ, אַז אַ יינגעלע איז אַריינגעפאַלן אין אַן אָפּגרונט און מען האָט אים געפינען נאָך חדשים,

ווען דער שניי איז צוגאַנגען, איז ניט קיין וווּנדער ווי גרויס ס׳איז געווען מײַן שרעק ווען כ׳בין אַמאָל געווען מיט איציקלען אין דרויסן און ער האָט זיך געשפּילט מיט אַ ייִנגעלע פון דער אַנדערע זייט גאַס. איך האָב באַדאַרפט אויף אַ מינוט אַרויפגיין אין שטוב אַרײַן און איבערגעלאָזט איציקלען מיטן ייִנגעלע, אויף וועלכן עס האָט אויפגעפּאַסט אַ פרוי, ווײַל זײַנע עלטערן האָבן געאַרבעט. ווען כ׳בין אַראָפּגעקומען פון שטוב האָב איך ניט געטראָפן איציקלען און ניט דאָס ייִנגעלע. האָבן מיר זיי געזוכט און גערופן. ס׳איז געקומען פּאָליציי און דערווייל האָט אַ געדיכטער שניי פאַרדעקט אַלע אָפּגרונטן. מיר האָבן געזוכט פון צוויי בייטאָג ביז זיבן אָוונט, ווען די לאַנטערן באַלויכטן שוין די גאַסן. די מענטשן קומענדיק פון דער אַרבעט האָבן געהאָלפן אונדז זוכן, ביז כ׳האָב דערהערט אַ פריידיק געשריי — זיי גייען, זיי גייען! זיי גייען טאַקע מיט זייער שליטעלע ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען. זיי האָבן געשפּילט זיך און אַראָפּ נעבן אַ הויז ווו עס איז געשטאַנען אַ בודקע פאַר אַ הונט, האָבן זיי דאָס געמאַכט פאַר זייערס אַ הויז. ווען זיי האָבן באַמערקט אַז עס צינדן זיך שוין די לאַמטערנעס האָבן זיי באַשלאָסן צו גיין אַהיים. זענען זיי געווען נאַס און פאַרפרוירן און איך האָב געוויינט און געפרייט זיך, געזאָרגט זיי זאָלן זיך ניט פאַרקילן און קראַנק ווערן, האָב איך געמאַכט מײַן איציקלען אַ וואַרעמען באָד, געגעבן צו טרונקען אַ הייסן שאָקאָלאַד, גוט אים אַרומגעדעקט און געלייגט אים שלאָפן.

דעם זיבעטן מאַרץ איז געווען איציקס פינפטער געבוירן-טאָג. האָבן מיר באַשלאָסן, אַזוי ווי מײַנע עלטערן זענען ניט געווען ביי אונדזער חתונה, ניט ביי איציקס ברית-מילה וועלן מיר פראַווען אַ גרויסן יום-טוב צו איציקלס פינפטן געבוירן-טאָג. האָבן מיר פאַרבעטן מײַנע עלטערן, משפּחה און נאָענטע פריינד. מײַן שוועסטער רחל איז געקומען אַ טאָג פריער, ביי אונדז גענעכטיקט און אָנגעבאַקן פון כל טוב. האָט מען געפראַוועט דעם יום-טוב אַ האַלבן טאָג מיט אַ האַלבע נאַכט.

דערווייל האָט שוין גענומען שמעקן מיט פרילינג. דער שניי האָט אָנגעהויבן צעגיין. ס׳האָבן גערונען ריטשקעס וואָס זענען ביינאַכט פאַרפרוירן און ס׳איז געוואָרן גליטשיק. ס׳האָט קיין זאַך אונדז ניט געשטערט

מיר זענען געווען יונג. מיט דער צייט האָט די זון אַלץ אויסגעטריקט און ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קנאָפּסן און גראָזן. די ביימער האָבן זיך גענומען אָנטאָן אין גרין.

אין אַזאַ שיינעם טאָג האָב איך און נאָך מאַמעס זיך געפונען אויפן שפּיל־פּלאַץ פאַר די קינדער פון גאַס. האָב איך געבעטן ביי אַ שכנטע זי זאָל האָבן אַן אויג אויף מיין איציקלען, וועלכער האָט זיך געשפּילט מיט אַ מיידעלע און כ׳בין אויף אַ ווײַלע אַרויף אין מיין וווינונג. ווען כ׳בין אין צען מינוט געקומען צוריק, האָב איך ניט געזען מיין איציקלען און ניט דאָס מיידעלע. האָב איך גענומען זוכן, שרייען. פּרויען האָבן גערופן די פּאָליציי. בין איך און די מוטער פון דעם מיידעלע אַריבער דעם ערשטן באַרג, דערנאָך דעם צווייטן. דאָ האָט געשלענגלט זיך אַ וועג פאַר אויטאָס און אונדז איז אַנטקעגן געקומען אַ שיינער אויטאָ, וואָס האָט אָפּגעשטעלט און פון אים האָבן צוויי פּרויען, זעענדיק אַז מיר זוכן וועמען האָבן געעפנט אַ טירל פון זייער אויטאָ און אונדז געבעטן זיך אַריינזעצן און דערציילט אַז ניט ווייט פון דאַנען האָבן זיי באַמערקט אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע און האָבן געוואָלט זיי נעמען אַהיים נאָר די קינדער האָבן געזאָגט, אַז זיי ווייסן אַליין דעם וועג אַהיים. ווען מיר האָבן זיי געטראָפן האָבן די קינדער דערציילט, אַז זיי האָבן זיך געשפּילט מיט אַ קעצעלע און ווען דאָס קעצעלע איז אַנטלאָפן האָבן זיי עס נאָכגעיאָגט און איציקל האָט פאַרלוירן אַ שיך, ווען ער איז אַרויף אויפן באַרג האָט זיך אַראָפּגעקייקלט. האָבן מיר זיי אַריינגענומען אין אויטאָ און געבערענגט אַהיים.

סוף זומער האָט זיך דער עקספּאָרט און אימפּאָרט פון די אימיטאַציע־צירונג אָפּגעשטעלט אין קאַנאַדע און משהן, אַלס נייעם אַגענט, האָבן די דזשאַברס זייער ווייניק פאַרקויפט. האָט משה באַשלאָסן איינמאָנען זיין געלט פון די קונים און מיר האָבן פאַרקויפט אונדזער קאַר פאַר אַ גוטן פּרייז. ווען איציקל האָט געזען אַז מיר גיבן אַוועק די שליסלען פון קאַר צום קויפער האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט און מיר האָבן אים געטרייסט, אַז אין די פאַרייניקטע שטאַטן וועלן מיר קויפן אַ שענערן קאַר. דערווייל זענען קיין מאָנטרעאָל אָנגעקומען פון דעטרויט משהס

ברודער מיט זיין ווייב. זעענדיק אַז מיר גרייטן זיך צו פאַרלאָזן מאָנ־טרעאָל האָבן זיי אונדז פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן פאָרן מיט זיי קיין דעטרויט. נאָכדעם ווי מיר האָבן זיי אַרומגעפירט איבער דער שטאָט, זענען מיר געווען גרייט צוריקצופאָרן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. נאָר אונדזער משפחה און מיינע עלטערן האָט ווי געטאָן וואָס אונדז האָט זיך ניט איינגעגעבן זיך איינצואָרדענען און בלייבן אין מאָנטרעאָל.

אָנקומענדיק קיין דעטרויט האָבן מיר פון דאָס ניי באַדאַרפט איינ־שטעלן זיך אַהיים און זוכן פּרנסה.

אין די גרויסע שטעט פון אַמעריקע איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין וווינונגען און דעטרויט איז ניט געווען קיין אויסנאַם. האָבן מיר געוווינט ביי משהס ברודער ביז מיר האָבן באַקומען צוויי צימערן ביי אַן אלמן און כ׳האָב גענוצט זיין עס־צימער און די קיך. פאַר משהן איז געווען אומעגלעך צו באַקומען אַרבעט האָט ער ווידער געמוזט קויפן אַ לאַנדרי און ווידער לאַנגע שעהן געווען דאָרט פאַרנומען און איך האָב געמוזט אים העלפן. האָב איך איציקלען געשיקט אין אַ רעליגיעזן קינדער־גאָרטן וווּ מען האָט אים געהאַלטן פון ניין ביז האַלב פינף נאָכמי־טאָג. דאָרטן האָט ער באַקומען אַ לאַנטש און ביי טאָג געשלאָפן. דאָרט זענען געווען גוטע אויפזעערס און פעיקע לערערס, זיי האָבן אים אויך אויסגעלערנט אַלע ברכות, געהייסן אים אָנטאָן ציצות און איך האָב אים געמוזט אָנטאָן. מיין איציקל האָט גיך זיך געפונען אונטער זייער איינפלוס און מיך געלערנט, אַז פרייטיק צונאַכטס דאַרף איך בענטשן ליכט און מיין מאַן דאַרף מאַכן קידוש און איך דאַרף דערלאַנגען אַ גאָלדענע יויך און ער איז געווען זייער צופרידן פון זיינע לערערס. דאָ האָט ער געמאַכט זיינע צוגרייטונגען ער זאָל אין קומענדיקן זמן קענען גיין אַ גאַנצן טאָג אין ערשטן קלאַס.

אין גיכן האָבן מיר באַקומען אַן אַפּאַרטאַמענט און געקויפט מעבל, עס האָט געדויערט אַ פּאָר וואָכן ביז מיר האָבן דאָס מעבל באַקומען. אויסגעמאַטערטע פון וווינען אין פרעמדע וווינונגען און איצט אין אַן אייגן בעט, אייגענעם מאַטראַץ און אייגן טיש מיט שטולן, האָבן מיר זיך געפילט גאָר גליקלעך. דאָס קיך־געשיר האָבן מיר געבראַנגט מיט

זיך פון מאָנטרעאָל, אָבער ביז מיר האָבן באַקומען דאָס מעבל, האָבן מיר געקאָכט אוּונטערוויט אין לײדיקע צימערן און איציק איז אַרומגעפּאָרן איבער די צימערן מיט זײַן קינדער וועליסאָפּעדל, געקלונגען מיט זײַן גלעקל און געשריגן — קומט עסן אין קורשעס רעסטאָראַן!

ווען די חברים אין דעטרויט האָבן זיך דערוווּסט אַז קוירש איז געוואָרן אַ תושב אין דער שטאָט איז מיט דער איניציאַטיוו פון דעם אַקטיוון טוער פון „איקוף" א. בערניקער, אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז. בערניקער און אַנדערע האָבן אונדז געהאָלפן אַז משה זאָל קאָנען טאָן זײַן רעזשי־אַרבעט און פון 1948 ביז 1961 האָט משה מיט די חברים פון דער דראַמ.־סטודיע באַדינט די יידישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס מיט דראַמאַטישע און קליין־קונסט פאָרשטעלונגען.

אַ חוץ מיט משהס משפּחה, וועלכע האָבן אַלע געוווינט אין דעטרויט, זענען מיר געווען זייער נאָענט מיט די פיר ברידער קעסלער. זייערע היימען זענען געווען אַ מין האָטעל פאַר יידישע שרײַבערס פון אַלע שאַטירונגען. זיי האָבן געמאַכט אין זייערע היימען ספּעציעלע אונטערנעמונגען פאַר שרײַבער, וועלכע האָבן דאָ פאָרגעלייענט זייערע שאַפונגען און פאַרקויפט זייערע ווערק. שרײַבערס וועלכע זענען געווען אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע און זייערע מלבושים זענען ניט געווען ווי געהעריק האָבן די קעסלערס באַזאָרגט מיט אַלץ, אַרײַנגענומען אין זייערע געשעפטן פון מענער־אַנצוגער, זיי באַקליידט און זיי געמוטיקט זיי זאָלן אָנגיין מיט זייער שאַפונג.

מיר האָבן דאַן זיך געגעזעגנט אין מזומן, ווײַל מיר האָבן באַדאַרפן איבערפירן אונדזער לאַנדרי אויף אַ צווייטן אָרט, האָט אייזיק קעסלער אונדז געליען אַ גרעסערע סומע געלט און ניט גענומען פון אונדז קיין שום אונטערשריפט, האָב איך אים געפרעגט פון וואַנען ער איז זיכער, אַז מיר וועלן אים דאָס געלט אָפּגעבן? האָט אייזיק מיר דערקלערט:

— „איך האָב אין באַנק אַ ספּעציעלע סומע געלט אויפן צוועק צו לײַען געלט פאַר פרײַנד, וועלכע נויטיקן זיך אין דעם. איך ווייס אַז זיי וועלן מיר דאָס אָפּגעבן, ווי נאָר זייער לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן און אויב חלילה וועט עס קען מיר ניט אָפּגעבן דינט דאָך דאָס געלט פאַרן דאַזיקן



אונדזער זון איציק קווירש

צװעק. פֿאַר אַלע יאָרן װאָס מענטשן האָבן ביי מיר געליען געלט, האָט נאָר איינער, װאָס איז פֿון דעם געלט רייך געװאָרן, מיר דאָס געלט קיינמאָל ניט אָפּגעגעבן, אָבער אַלע אַנדערע האָבן ביי דער ערשטער געלעגנהייט, װען זיי האָבן נאָר געקאָנט, דאָס געלט מיר אָפּגעגעבן. אַלע פֿיר ברידער זענען געגאַנגען אין זעלבן װעג פֿון העלפֿן אַנדערע, אויך זייערע פֿרויען. מיר האָבן ניט נאָר אַ סך געגאָסן פֿון דער פֿריינטשאַפֿט מיט די קעסלערס, נאָר די שיינקייט פֿון זייער כאַראַקטער, די ליבע צום מענטש, צו קליין, אָרעם און רייך האָט שטאַרק אויף אונדז געװירקט. אומעטום האָט מען מיט רעספּעקט דערמאָנט זייער נאָמען. אין ניו־יאָרק, לאָס אַנדזשעלעס אָדער עלסינאָר. אַפֿילו אונדזער איציק װעט זיי שטענדיק געדענקען און איך װעל זיי קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן.

צו זעקס און אַ האַלב יאָר האָט אונדזער איציק אָנגעהויבן שפּילן פֿידל. אַ יאָר האָט ער געלערנט אין דער דעטרויטער קאָנסערװאַטאָריע. צום סוף פֿונעם יאָר איז אויף זיין ראַפּאָרט־קאַרטע געװען צוגעשריבן, אַז ער האָט טאַלאַנט און מיר זאָלן זיין דערצו אויפֿמערקזאַם. איז דאָס בעסטע װאָס מיר האָבן געקענט טאָן איז קריגן פֿאַר אים אַ גוטן לערער. פֿון די לערערס האָט ער אַ סך געלערנט. ער האָט ליב געהאַט מוזיק, פֿאַרבראַכט מיט קינדער װאָס האָבן געשפּילט אויף פֿאַרשידענע אינ־סטרומענטן, אויך געשפּילט אין קינדער־אָרקעסטערס ביי דער פּאַבליק־סקול. זיין באַליבסטער אינסטרומענט איז דער פֿידל. אין יענע יאָרן פֿלעג איך אָפֿט פֿאָרן צו מיינע עלטערן קיין מאָנטרעאָל און איציק האָט שטענדיק מיטגענומען זיין פֿידל. משה האָט צוליב דער לאַנדרי ניט געקאָנט מיטפֿאָרן, איז איציק ניט געװען צופֿרידן צו פֿאָרן אָן דעם טאַטן.

פֿאַר דעם לעצטן פֿאָרן, װען מיין פֿאָטער האָט נאָך געלעבט און איציק איז אַלט געװען נאָר 11 יאָר, האָט מיין פֿאָטער מיר געשריבן אַז איך זאָל פֿאָרן פֿאָרן איציקלען ניט אָפּשערן און ניט אָפּפּוצן זיינע שיך. מיר פֿלעגן אָנקומען אַ טאָג פֿאַרן ערשטן סדר און נאָך דער ערשטער נאַכט פֿון שלאָפֿן אין מאָנטרעאָל האָט מיין מאַמע געמאַכט דעם פֿרישטיק און מיין טאַטע האָט זיך אָנגעטאָן, גענומען זיין שטעקן גענומען איציקלען, װאָס איז שוין געװען אַ גרויס בחורל, און דער זיידע מיטן אייניקל

זענען געגאַנגען צום פּריזירער צו שערן זייערע האָר און צו פּוצן זייערע שיך. אַז עס געווען אַ פאַרגעניגן מיר צו זען ווי דער קליינער בחור קוקט אויפן זיידן מיט ליבע, שטאָלץ און דרך־ארץ.

ערב פּסח האָט דער זיידע געזאָגט צו איציקלען אַז זיין בר־מצוה וועלן די זיידע־באָבע פּראַווען אין מאָנטעאָל און מיר האָט מיין פאָטער שטילערהייט געזאָגט, אַז פון איציקלען וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש. דער זיידע האָט אָבער ניט דערלעבט איציקלס בר־מצוה. ער איז אין קומענדיקן ווינטער אַוועק אין דער אייביקייט און איציקלס בר־מצוה האָבן מיר געפּייערט אין דעטרויט. שבת האָבן מיר געפּראַוועט אַ פּאַרטי פאַר זיינע חברים. דאָס איז פאַר איציקלען געווען אַ סופּריז. זיינע חברים האָבן געזוכט אַז איציקל זאָל ניט זיין אין שטוב, אַלץ אַראַנ־זשירט, דעקאָרירט דעם צימער. דעם כיבוד האָב איך צוגעגרייט און זיי האָבן גוט פאַרבראַכט. איציקל מיט זיינע חברים האָבן דאַן געהערט צום „השומר הצעיר".

זונטיק האָבן מיר פאַרבעטן אויף אַ דינער די משפּחה און פריינד. אַנשטאָט אַ דרשה האָט איציק און זיי לערער דזשוליעס יאַנעווער געשפּילט אַ וויוואַלדי קאָנטשערטאָ פאַר צוויי פידלען. איציק האָט געשפּילט ערשטער פידל און איז געווען גליקלעך. איציקל איז געווען אַנטוויקלט ניט נאָר מוזיקאַליש, נאָר אויך פּאָליטיש, אויך פיזיש אַנטוויקלט. אין דער היי־סקול האָט ער געלערנט צוויי פולע קורסן: אַ מוזיקאַלישן און אַקאַדעמישן. דאָס האָט ער געטאָן אויף דער עצה פון זיין מוזיק־לערער, ווייל אויב ער וועט נאָכן ענדיקן די היי־סקול באַשליסן אַז ער וויל ניט מאַכן קיין מוזיקאַלישע קאַריערע, קען ער מיט אַ פולן אַקאַדעמישן קורס אָנגענומען ווערן אין אוניווערסיטעט, ניט פאַרלירנדיק קיין צייט.

עס איז געווען אין דעטרויט אַ מוזיק־סטודיע־גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון מוזיק־לערער און ליבהאָבער פון מוזיק. זיי פלעגן אַלע יאָר דורכפירן אַ וועט־פאַרמעסט־קאָנצערט פון די בעסטע שפּילער אין שטאָט, אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן. איציק האָט זיך באַטייליקט אין דעם קאָנקורס און געוווּנען דעם סקאָלער שיפּ. דאָס מיינט צו געניסן אַ גאַנצן זומער אין איינעם פון די וויכטיקסטע מוזיק־קעמפּס

אַמעריקאַנער סטודענטן האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיטן לעבן פון קובאַ, נאָך דער קובאַנישער רעוואָלוציע. גראָד אין דער צייט האָט אַמעריקע איבערגעריסן איר באַציאונגען מיט קובאַ און מיר זענען געוואָרן זייער באַזאָרגט און געוואָלט איציקל זאָל וואָס גיכער קומען אַהיים. ער איז געקומען מיט אַ טאָג שפּעטער פון די 30 דעטרויטער סטודענטן, ווייל ער האָט געוואָלט זיין אַנוועזנד ציי דער פייערונג פון דער קובאַנישער רעוואָלוציע.

דעם זומער איז משה געוואָרן אַ פּענסיאָנער און אויפגעגעבן די לאַנדרי. ער האָט זיך אָבער ניט אָפּגעזאָגט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אַ גרופּע יונגע יידישע עלטערן, 20 אַמעריקאַנער געבוירענע, אַ טייל פון זיי האָבן אַמאָל געלערנט אין די לינקע יידישע שולן, אַנדערע האָבן אַפילו ניט געקאָנט קיין יידישן בוכשטאַב, האָבן געגרינדעט אַ יידישע זונטיק פרימאָרגן־שול און משה איז דאָרט געוואָרן דער לערער. די עלטערן צוזאַמען מיטן לערער האָבן אויסגעאַרבעט דעם פּראָגראַם פאַרן לערן־יאָר די באַבעס און זיידעס, די גרינדער פון די יידישע שולן, זענען געווען געוווינט די לערערס זאָלן זיך באַטייליקן אין די אַקציעס צו שאַפן געלט פאַר די שולן, זיי האָבן באַדאַרפט זיין ניט בלויז לעקטאָרן, נאָר אויך קאָלעקטאָרן. משה האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט און פאַרנומען זיך מיט בלויז לערנען. אַרום די שולן זענען אָנגעגאַנגען פּאָליטישע רייבונ־גען אַזוי אַז די שול האָט ניט געהאַט קיין לאַנגע יאָרן. צום סוף פון שול־יאָר האָט משה מיט די קינדער אויפגעפירט אַ פּיעסע, וואָס איז זייער געלונגען און ער איז געווען דערמיט שטאָלץ. אָבער אונדז האָט געגריזשעט אַ פאַרדראָס, וואָס ער האָט געפּטרט אַ סך פון זיינע יאָרן אויף אַנדערע געביטן. און וואָס דאָס יידישע קולטור־לעבן איז געווען צעשפּליטערט, דאָס האָט אַ סך געשטערט און שטערט איצט צו באַקומען פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, פינאַנסיעלע הילף פאַר יידיש וואָס וואָלט דערמעגלעכט צו האָבן יידישע קלאַסן אין די הײ־סקולן (גימנאַזיעס) און לערנען יידיש און העברעיש אין די אוניווערסיטעטן אויפן חשבון פון דער רעגירונג.

מיין לעבן איז געפלאָסן גאָר אַנדערש. ווען איך בין אָנגעקומען קיין

אין די ווייסע בערג, ווי אויך אומזיסטע לעקציעס ביי זיין לערער מישא מישעקאף, וועלכער איז אין דעם קעמפ געווען דער מוזיק־דירעקטאָר. ער האָטביים סוף פון קעמפ־סעזאָן זיך באַדאַרפן באַטייליקן אין געוועט פאַר גרעסערע געווינסן. אַ חוץ קליידער האָט דער זומער־קעמפ אונדז גאָרניט באַדאַרפט קאָסטן. דריי טעג פאַר זיין אָפּפאָרן אין קעמפ איז איציק געגאַנגען אָפּנעמען זיין היי־סקול־דיפּלאָם (ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַטייליקט אין די פייערלעכע פאַרטיילונגען פון די דיפּלאָמען). אָפּגערעדט האָבן מיר זיך צו טרעפן אין אונדזער לאַנדרי און צוזאַמען פאָרן אַהיים. אויפן וועג האָט איציק געבעטן דעם פאָטער ער זאָל אָפּשטעלן די קאַר אויף עפּעס אַ גאַס, ווייל ער דאַרף עמיצן טרעפן אויף אַ פּאָר מינוט. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער איז אַרויסגעקומען פון ערגעץ, אַ צעטראָגענער און באַלד ווי די קאַר האָט גענומען רירן האָט ער צו אונדז געזאָגט: — „טייערע עלטערן, ביז איצט האָט איר געזאָרגט פאַר מיר, פון היינט אָן נעם איך דאָס אויף זיך. איך גיב צוריק דעם סקאָלער שיפּ, ווייל מוזיק וועט ניט זיין מיין קאַריערע, ניט מיין צוקונפט. איך וועל גיין אין אוניווערסיטעט אויף אַן אַלגעמיינעם קורס און שפּעטער דעצידירן אויף וואָס זיך צו ספּעציאַליזירן.“

דעם זומער האָט איציק געהאַט אַ שווערן איבערבייט אין זיין יונג לעבן. ער איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער טראָצקיסטישער באַוועגונג און אויך געוואָרן אַקטיוו אין דער סיוויל־רייט. אין אַ געוויסן טאָג דערציילט ער אונדז אַז די קובאַנישע רעגירונג האָט איינגעלאַדן 300 אַמעריקאַנער סטודענטן צו באַזוכן קובאַ. די נאָרמע פאַר זיין אוני־ווערסיטעט איז געווען 30 סטודענטן און דאָס וועט קאָסטן 75 דאָלער. די רייזע וועט פאָרקומען אין דער קריסמוס־וואַקאַציע. איך האָב אים געזאָגט אַז אויב ער וויל פאָרן דאַרף ער באַקומען אַרבעט. איז ער אַוועק צו מיינעם אַ פּלימעניק וואָס האָט געהאַט אַ גרויס געשעפט פון קינדער־שפּילצייג, ווו ער האָט יעדן שבת פאַרדינט צו 10 דאָלער. דער טור קיין קובאַ איז געווען גוט אָרגאַניזירט. יעדער סטודענט האָט געהאַט אַ קובאַנישן סטודענט פאַר אַ באַגלייטער, וואָס האָט אים אַרומגעפירט, באַקענט מיט זיינע פריינד און אפילו פאַרבעטן צו זיך אין שטוב. די

דעטרויט איז כּמעט ניט געווען קיין נאָדל־אינדוסטרי. געווען ניט מער ווי צוויי מיט אַ האַלבן שאַפּ פון קלאָקס, פרויען מאַנטלען און קאָסטיומען די אַרבעטער האָבן געהערט צו די סעקציע פון שיקאַגער אינטערנעשענאַל יוניאָן וועמענס פאַרשטייער פלעגט קומען — בלויז פון צייט צו צייט קיין דעטרויט. ווען איך האָב באַקומען פון ניו־יאָרקער יוניאָן מיין טראַנס־פער קיין דעטרויט איז דאָ פאַר מיר ניט געווען קיין פּלאַץ אין די צוויי גרעסערע שעפּער, בין איך אַנגעקומען אין האַלבן שאַפּ, וואָס האָט ניט אָפּגעהיטן די עקזיסטירנדיקע געזעצן פון זיכערקייט און היגענע. ניט געווען קיין צוויי אַריינגענג, ווי זיך צו ראַטעווען אין פאַל פון אַ שריפה, די פענצטער זענען געווען קליינע. איז געווען טונקל און קיינמאָל ניט געוואַשן געוואָרן. געווען נאָר איין טואַלעט, ניט באַזונדער פאַר מענער און פרויען. דער באַלעבאָס פון שאַפּ איז געווען אַ „לינקער", אַ שטיצער פון דער לינקער פּרעסע. בין איך אַ נאַיווע אַוועק מיט אים רעדן, אַז מען דאַרף פאַרבעסערן די סאַנאַטאַרע באַדינגונגען אין שאַפּ, האָט ער מיך אויסגעהערט, געשוויגן און גאָר ניט געוואָלט טאָן צו פאַרבעסערן די לאַגע. האָב איך זיך געוואָנדן צום באַרד אָף העלט (שטאָטישע סאַני־טאַרע אינסטאַנץ), איז געקומען אַן אינספּעקטאָר. דער באַלעבאָס האָט אים אָבער אַריינגעשטופּט אין דער האַנט אַריין.. און אַלץ איז געבליבן ווי געווען. איך האָב אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן דעם שמוץ פון שאַפּ און ווי עס האָט זיך נאָר געמאַכט אַז מען האָט באַדאַרפט, אין איינעם פון די גרויסע שאַפּן, אַ מענטש צום אַריינניייען די אונטערשלאַקן אין די מאַנטלען, ווי אין די רעק פון קאָסטיומען, בין איך דאָרט אַוועק אַרבעטן.

איינער פון די באַלעבאַטים פון נייעם שאַפּ, אויך אַ „לינקער", געווען אַ מיטאַרבעטער און שטיצער פון „איקוף". אַ מענטש וועלכער האָט אַליין יאָרן־לאַנג שווער געאַרבעט אין פאַרשידענע שעפּער, אָבער ווי נאָר ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון דאָלער און פון פרעמדע פּראַצע, האָט ער פאַרגעסן אין די שיינע לערעס וועגן יושר. איך האָב ביי אים געאַרבעט אַ יאָר צייט פאַר אַ נידעריקן לוין. עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַז אַ סקוירט (קליידל) אָפּערייטער (צושניידער) איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו יאָרק האָב איך פאַרנומען איר פּלאַץ און באַקומען אַ בעסערן געהאַלט. איך

האָב זיך אויך גענומען צו אָרגאַניזירן דעם שאָפּ און כ׳בין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס שאָפּ-טערמאַן. צום יאָר האָבן מיר, צוזאַמען מיטן צווייטן שאָפּ פון דעם אייגנטימער, געפּראַוועט אַ יום טוב. עס איז געקומען אונדזער יוניאָן-פאָרשטייער פון שיקאַגאָ. מיין איציקל האָט פאַר די אַר־בעטער געשפּילט קלאַסישע און פאָלקס-מוזיק. טייל אַרבעטער האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן זיך באַטייליקט אין אַזאַ יום טוב.

דערווייל האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט פרילינג, וואָס האָט זיך באַ־וויזן אין זיין גאַנצער פּראַכט. איציק האָט שוין באַלד געענדיקט אין אוניווערסיטעט זיין ערשטן לערן־יאָר. פאַר משהן האָט זיך געענדיקט דאָס לערנען אין דער שולע. האָבן מיר גענומען מאַכן פּלענער צו פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק. עס האָט זיך דאַן אויך אָנגעהויבן אַ סך צו ענדערן אין אונדזערע געדאַנקען. די נייעסן פון אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין ראַטן־פאַרבאַנד וואָס אויך די לינקע פּרעסע האָט דאָס באַשטעטיקט און געטאַדלט, איז פאַר אונדז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ, אָדער אַ שפּיי אין פּנים. משה האָט זיך אָנגעהויבן ראַנגלען מיט זיינע מיינונגען און מירביידע זענען אַ נאַכט פאַר ווייטיק און אַנטוישונג, ניט געשלאָפן. אין דער נאַכט איז ביי משהן פון כעס און צאַרן, געבוירן געוואָרן דאָס דאָזיקע ליד:

כ׳האָב פיינלעך מיין קאָפּ געבויגן,
געגלויבט אַז אַזוי דאַרף עס זיין.
מיין בליק געווען מיט שטאַרן פאַרצויגן,
דאָס האַרץ פאַרמויערט מיט שטיין.

יעדער מענטש האָט אַ גלויבן,
מיין טאַטנס איז פון טויזנטער יאָרן,
איך בין צו אַ באַרג צוגעשפּרונגען,
געשעפּט און געברענט ווי אַ דאָרן.

כ׳האָב פאַרלוירן די מאָס צווישן אמת און שקר,
יעדער טראָפּן גליק האָט זיין בלוט-צייכן,
אויפן פערד מיטן שווערד יאָגט דער יעגער,
פון טראָפּנס ווערן בלוטיקע טייכן.

כ׳האָב אין מיין נביא, ווי מיין טאַטע, אין זיינעם געגלויבט,
פאַר אים דעם אָרעמען ביסן פון מיין ווייב און קינד באַרויבט,
ווי אַ פּחדן פאַרן אמת די אויגן פאַרמאַכט,
דערפאַר טראָג איך איצט, אַן אָפּגענאַרטער דעם קאָפּ געבויגן.

עס שאָלן נאָך הויך די טראָמייטן פון יענעם גלויבן,
נאָר טויב, פאַר אירע קלאַנגען, שוין מיינע אויערן,
כ׳וויל מער ניט דינען קיין פאַלשע געטער,
און דעם שקר מער ניט לויבן.

משה האָט צו ערלעך געגלויבט אין דעם קאָמוניסטישן יושר און דערפאַר אַזוי שטאַרק געליטן.

געגרייט זיך צום צו פאָרן קיין ניו יאָרק האָבן מיר אונדזער באַלעבאַטישקייט איינגעפּאַקט און אַריינגעשטעלט אין אַ סטאָרעטש, ווו מען צאָלט חודש־געלט און ווען מען באַקומט אַ דירה שיקן זיי צו די זאַכן.

איציק האָט זיך געדונגען אַ צימער נעבן אוניווערסיטעט און איז געווען צופרידן וואָס ער איז געוואָרן אין גאַנצן זעלבסטשטענדיק. ער האָט אונדז צוגעזאָגט אַז זומער וועט ער קומען צו אונדז קיין ניו־יאָרק.

מיר מיט אונדזער קאַר זענען אַוועקגעפאָרן פּרי פון דער אַרבעט, פריי פון הויז־פליכטן, האָבן מיר אונדזער רייזע פאַרוואַנדלט אין אַ וואַקאַציע. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי מיין עלטסטער שוועסטער אין באפלאָ, פאַרבראַכט מיט איר און אירע קינדער. מיר האָבן אויך באַזוכט נאָך אַנדערע פריינד און שיינע געגנטן. געקומען קיין ניו־יאָרק, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין דער אויבערשטער טייל פון בראָדוויי, די געגנט וואָס מען רופט וואַשינגטאָן הייטס. דאָ זענען מיר אַריין אין אַ רעסטאָראַן

עסן אָונטבברויט. דאָס אָרט איז געווען נאָענט צו די וווינונגען פון אונדזערע גוטע חברים, הילדע און יוריק, האָבן מיר צו זיי אָנגעקלונגען און זיי זענען באַלד צו אונדז אַראָפּ. יורעק מיט משהן זענען אַוועק זוכן אַ פּלאַץ אַוועקצושטעלן אונדזער קאַר. און מיר האָבן מיט זיי פאַרברענגט אַ גוטן אָוונט. מאָרגן פרי בין איך אַוועק אין מאנהעטן, אין גארמענט סענטער, ווו עס געפינט זיך די מערסטע פאַבריקן פון נאָדל-פאַך. כ׳האָב געקויפט פאַר מיר באַקוועמע סאַנדאַלן און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער 40-סטער ביז 32טער גאַס פון זיבעטער עוועניו ביז ניינטע און באַזוכט אַלע גרויסע בילדינגען, ווו עס האָבן זיך געפונען סיגאַר סטענד און ביים אַריינגאַנג האָבן מיר געפרעגט, ווער עס וויל פאַרקויפן זיין סטענד. אָבער בלויז דריי פון די זענען געווען פאַסיק פאַר משהן.

פאַרנאַכט האָב איך משהן באַגעגנט ביי זיין קוזין דודן, וואָס האָט אַ געשעפט פון שרייב-געצייג און ביי דער וויעטשערע האָב איך זיין דערציילט וואָס כ׳האָב דעם טאָג געטאָן. זיי געוויזן די אַדרעסן פון די דריי סטענדס וואָס כ׳האַלט פאַר פאַסיק צום קויפן. דעם צווייטן טאָג בין איך מיט משהן אַוועק צו די סטענדס און פון זיי אויסגעקליבן איינע און גלייך גערופן אונדזער שלמהן, וועלכער איז שוין דאַן געווען אַן אַדוואָקאַט און ער האָט אונדז געהאָלפן קויפן דאָס געשעפט. דאָס געשעפט איז געווען פאַסיק פאַר משהן, ווייל אָפן נאָר פינף טעג אין דער וואָך פון 8 פרי ביז 5 נ. מ. און ס׳איז אויך געווען צוגעפּאַסט צו אונדזערע פינאַנסן.

פאַרזאָרגט מיט אַ געשעפט איז געבליבן צו געפינען אַ פּאַסיקע דירה און אַ דזשאָב פאַר מיר. בין איך אַוועק צום אינטערנעשעל־יוניאָן, וואָס האָט זיך געפנען אין דער זעלבער בילדינג, אָבער פאַרבעסערט און פאַר־שענערט, כ׳האָב דאָ געטראָפן באַקאַנטע ביזנעס־אַגענטן, אויך איינעם וואָס האָט מיט יאָרן צוריק מיט מיר געאַרבעט אין ענעקס לארו שאָפּ. ער האָט זיך מיט מיר דערפרייט, געפרעגט ווו כ׳בין די גאַנצע צייט געווען און געזאָגט אַז ער האָט פאַר מיר אַ גוטן דזשאָב, ווו כ׳קען גלייך גיין אַרבעטן. האָב איך אים געענטפערט: — „גיב מיר פריער אַ גוטע דירה און נאָכדעם אַ דזשאָב״.

מיר האָבן גיך באַקומען אַ דירה און כ'האָב אין דעם דזשאָב געאַרבעט אַ לאַנגע צייט, ווי אַלע מאָל בין איך ביי דער ערשטער שאַפּ־פאַרזאַמלונג אויסגעוויילט געוואָרן אַלס שאַפּ־טשערמאַן. דער באַלעבאָס איז געווען אַ גוטער ייד און פיינער מענטש וואָס האָט קאָאָפּערירט מיטן יוניאָן.

דעם זומער איז איציקל געקומען אַהיים, זיך פאַרשריבן אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, זיין הויפּט־קורס איז געווען געשיכטע. ער איז אויך געווען אַקטיוו אין סיוויל־ריידס באַוועגונג. געהאַט אַ סך חברים און געשפּילט אין דער היים אויפן פידל און מיר אַלע זענען געווען צופרידן. אָבער ביי די קריסמעס־וואַקאַציעס זאָגט איציקל אונדז אָן, אַז ער פאָרט קיין לאָס־אַנדזשעלעס, פאַר די עקזאַמינס און פאַרלירט די קרעדיטן פונעם קורס. האָט דאָס אונדז זייער ווי געטאָן און דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געגעבן צו פילן מיין פאַרדרוס.

אָבער ווען ער איז געווען אין לאָס־אַנדזשעלעס האָבן מיר געוווּסט, אַז אים איז דאָרטן גאָר ניט גרינג זיך זעלבסטשטענדיק אויסצוהאַלטן. כאָטש ער האָט דאָרט אָנגעשלאָסן אין דעם מוזיקער־יוניאָן מיט נאָך מוזיקער געשפּילט ביי פאַרשידענע אונטערנעמונגען, אַרויסגעבן פּליטן. זומער האָט ער געאַרבעט אויף פאַרשידענע פּלעצער, מערסטנס אין באַנק פון אינשורענס קאָמפּאַניע און אין דערזעלבער צייט געמאַכט זיין „בי. איי" און פאַרשריבן זיך אין דעם סאַוטערן אוניווערסיטעט.

אין דער צייט האָט אין דער שטאָט ווי שלמה האָט געוווינט אין גרייט־נעק לאַנג־איילאַנד באַדאַרפט זיין וואַלן פאַר אַ ריכטער און שלמה איז געווען איינער פון די קאַנדידאַטן. אין טאָג פון די וואַלן האָבן מיר מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז ווען עס וועט שוין זיין קלאָר דער רעזולטאַט פון די וואַלן זאָלן זיי גלייך צו אונדז טעלעפאָנירן. און אָט גיט אַ קלונג דער טעלעפאָן און שלמהס ווייב היידע זאָגט אונדז אָן די בשורה אַז שלמה האָט געזיגט ביי די וואַלן, באַקומענדיק צוויי דריטל שטימען. זענען מיר געווען פול מיט גליק און מיר ווילן גלייך אָנקלינגען צו איציקן אים אָנזאָגן די בשורה, אָבער איידער מיר כאַפּן אָפּ דעם אָטעם קלינגט דער טעלעפאָן און איציקל פול מיט פרייד זאָגט אונדז אָן אַז מען האָט אים געמאַלדן פון סאַוטערן קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט אַז

ער איז אָנגענומען געוואָרן אויף פינף יאָר צו מאַכן דאָרט זיין מאַסטער און דעם דאָקטאָראַט פ.ה.ד. און דער אוניווערסיטעט וועט דעקן אַלע זיינע אויסגאַבן און אים געבן אַ סטיפּענדיע פון 225 דאָלער אַ חודש, צום אויסהאַלטן זיך. ווען מיר האָבן אים דערציילט וועגן שלמהס וואָל־זיג האָט ער אונדז גיך געזעגנט און געזאָגט אַז ער מוז גלייך וועגן דעם טעלעפאָנירן די חברים.

האָבן מיר אין צווייען, איך און משה, זיך אַרומגעדרייט אין אונדזער גרעסערן צימער, געשפּאַנט פון איין עק צום צווייטן, זיך צוזאַמענגעשטויסן, זיך אַרומגענומען אַן אַ וואָרט. מיר האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען. דערנאָך אַריין אין קיך און ביי אַ גלעזל טיי געפייערט אונדזער גליק, דעם געבוירן־טאָג פון צוויי גוטע געשעענישן.

די צייט איז געלאָפן און צוזאַמען די יאָרן. אין אַ יאָר אַרום וועל איך ווערן אַ פּענסיאָנעריןן, האָט משה שוין געטראַכט ווי מיר זאָלן זיך באַזעצן רואיק צו פאַרברענגען די לעצטע יאָרן. פריינד פון דעטרויט. וואָס האָבן מיט אַ פּאָר יאָר פריער, זיך באַזעצט אין עלסינאָר קאַליפאָרניע. האָבן אונדז געשריבן מיר זאָלן קומען צו זיי. דאָרטן איז הייס אָבער די לופט איז ריין און טרוקן, דאָס הייסט צוגעפּאַסט פאַר פּענסיאָנערן. ווען כ׳בין אַרויס אויף פּענסיע אין 1972 האָבן מיר אין ניו־יאָרק פאַרקויפט אונדזער מעבל, אַוועק קיין מאָנטרעאָל און אין באַפלא זיך געזעגנט מיט מיין משפּחה. אין דעטרויט מיט משהס משפּחה און אַוועק קיין קאַליפאָרניע.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין לאָס־אַנדזשעלעס ביי איציקלען און פון דאָרט קיין עלסינאָר. דאָס איז אַן אַלט שטעטל, די גאַסן אַרום די בערג. אין צענטער שטאָט איז דער שטאָט־ראַט, פּאָליציי־סטאַציע, אינשורנעס קאָמפּאַניע, אַ באַנק און געשעפטן. אַמאָל איז דאָס געווען אַ קור־שטעטל, ווו מען איז געקומען זיך באָדן אין מינעראַל־וואַסערן און טרונקען ספּעציעלע וואַסערן. דאָס שטעטל פאַרמאָגט אַלטע הייזער ווו עס וווינען אָרעמע און פּענסיאָנערן, מערסטנס יידן. ס׳זענען דאָרט דאָ אַ סך בוירטשעס (אַן אַלטע אַנטיסעמיטישע גרופּע). אָבער דאָס שטעטל האָט מלא־חן, האָט אויך אַ קינסטלעכן טייך. ווען מיר זענען דאָ אָנגעקומען איז משה געווען

זיכער אַז דאָ וועט ער אויפלעבן, און וועט לעבן ביז 120 יאָר, ווי דאָס זאָגט זיך. אויך איך, שטענדיק אין די שאַפן, אין דער קיך און אויף זיצונגען, האָב תמיד געפילט אַז עס פעלט מיר דער דרויסן און דאָ האָב איך אים גענוג. דאָ האָב איך צו מיינע 64 יאָר זיך צעפליגלט. זיבן אַזייגער פרי אָנגעטאָן קורצע הייזלעך און געשפּאַנט פון איין עק שטאָט צו דר צווייטער. גאָר גיך האָב איך געקאָנט די שטאָט־אַרבעטער וועלכע האָבן געריייניקט אָדער געאַרבעט אין פּאַרק. דעם מילך־מאַן, דעם בעקער און די וואָס האָבן געבראַנגט זייערע פּראָדוקטן צו דעם איינעם, גרויסן געשעפט פון שפּייז. אַלע האָבן זיי מיך באַגריסט מיט אַ גוטן מאָרגן. האָב איך זיך געפילט דאָ גוט און פאַרשידענע סימפּטאָמען פון שוואַכקייט וואָס כ׳האָב געליטן אין ניו יאָרק זענען מיר דאָ פאַרשוווּנדן.

גלייך צו אונדזער אַהערקומען האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן אין יידישן קולטור־קלוב, ווו מען האָט שטענדיק, דעם לעצטן שבת פון יעדן חודש, געפּראַוועט דעם געבוירן־טאָג פון די מיטגלידער, וואָס זענען דעם חודש געבוירן געוואָרן. זייענדיק ניין חדשים אין עלסינאָר איז מיר געוואָרן 65 יאָר. האָבן מיר מיין געבוירן־טאָג צוזאַמען מיט אַנדערע געפּראַוועט אין דעם שיינעם זאַל פון יידישן קולטור־קלוב, ביי געדעקטע טישן. צו דעם יום־טוב זענען געקומען דריי הונדערט אָדער מער מיט־גלידער פון קלוב. דער פּראָגראַם פון דעם אָוונט איז אויסגעפירט געוואָרן פון די וועמענס געבוירן־טאָג מען האָט געפייערט און פון זייערע מענער אָדער פרויען. משה האָט רעציטירט, אַ ליד וואָס ער האָט מיר געווידמעט, — „דער רויטער רעגן און נייע וועגן״ פון משה לייב האַלפּערן. נאָכדעם האָט משה געלייענט די פּאָר ווערטער אַ מתנה פאַר מיר:

„טייערע, טייערע חייקע, דעם חודש געבוירענע אין אַ רוסישן ווינטער, אין חודש שבט, ביסטו טאַקע אַ כוואַט. כ׳האָב מיינע געדאַנקען צוזאַמענ־געקליבן און די ווערטער פאַר דיר אָנגעשריבן, פאַר דיר און פאַר אַלע געסט מיינע בעסטע ברכות. העכער, העכער הויב איך מיין בעכער און טרונק אַ לחיים פאַר אַ לעבן אַ נייעם. די וועלט פון שלום זאָל ניט זיין מער קיין חלום.

זענען די ווערטער געוועזן פאַר מיר די בעסטע פון אים מתנה.

נאָך אַ יאָר זייענדיק אין עלסינאָר האָט צו משהן זיך צוגעטשעפּעט פאַרשידענע קראַנקייטן און מיר זענען געגאַנגען פון דאָקטאָר צו דאָקטער אין 1975 האָט ער דורכגעמאַכט אַן ערנסטע אָפּעראַציע און דעם זעלבן יאָר דעם 16 מאַרץ איז ער געשטאָרבן. צו דער לוויה זענען געקומען שלמה און איציק, דאַראַס און משהס פּלעמיעניצע פון דעטרויט און אַלע חברים פון יידישן קולטור־קלוב. משה, וואָס פון טאָג וואָס ער האָט פאַר־לאָזט די ישיבה האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער רעליגיע, כאָטש וואָס ער האָט געשעפּט און וואָס ער האָט געלערנט אין חדר און דער ישיבה, האָט אים געבראַכט נוצן. ביי זיין לעבן האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ווען ער וועט שטאַרבן זאָל מען זיין קערפּער פאַרברענען אין קרעמאַטאָריום. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט זיך צו פּוצן, האָבן מיר אים אָנגעטאָן אַ שיין העמד, אַ שיינעם קאָסטיום און אַ שיינעם שניפּס, דעם שענסטן וואָס ער האָט געהאַט, פאַר זיין לעצטן זיך געזעגענען מיט אונדז אַלעמען.

אין טשאַפּעל איז אַלץ אויסגעפירט געוואָרן ווי ביי יעדער לויה. שלמה האָט געהאַלטן אַ פּרעכטיקע הספּד־רעדע וועגן זיין טאַטן, אַ שאָד וואָס טויטע קענען ניט הערן. איציק האָט ניט געקענט רעדן, ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך צוזאַמענברעכן. גערעדט האָבן משהס חברים, וועלכע האָבן אים געקענט פון ניו־יאָרק און דעטרויט, וועגן זיין טעטי־קייט און פעיקייטן. די פּרעזידענטין פון קולטור־קלוב האָט געלייענט אַ שיינע פּאָעמע, אַזוי האָבן מיר מיט אים זיך אויף אייביק געזעגנט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען שלמה און איציק אַוועק קיין לאָס־אַנדזשע־לעס. משהס פּלימיעניצע דאַרעס איז געבליבן אַ פּאָר טעג מיט מיר, געהאָלפן מיר פאַרפּאַקן משהס קליידער, דאָס אַוועקצוגעבן די שטרייקנדיקע פאַרמע־אַרבעטער פון קאַליפאָרניע. זיי האָבן שוין לאַנג געסטרייקט און גענויטיקט זיך אין הילף. אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך מיט דאַרעס געקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס און זי מיט שלמהן זענען אַוועק צו זייערע היימען. דאָ האָט איציק מיר פאַרגעלייגט איך זאָל בלייבן אין לאָס־אַנדזשע־לעס, כדי צו זיין נאָענט צו אים.

אין לאָס אַנדזשעלעס האָט מיך די גוטע חברטע אַלעקסאַנדער עוועלין, אַ חשובע געזעלשאַפטלעכע פרוי, געהאָלפן מיר זיך איינאָרדענען אין אַ

קליינעם אַפּאַרטאַמענט און איך בין דאָ אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ קרייז פון אָנגענעמע פריינט. מיט די דאָזיקע פּענסיאָנערן בין איך אָפט אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג צום ים ביי די פּאַליסיידס אָדער צום גרויסן שיינעם לאַבערא־פּאַרק, ווי עס איז דאָ אַ מוזעאום, ווי עס ווערט געוויזן אייסלענדישע פילמס און קומען פאַר קונסט־אויסשטעלונגען. אין לאָס־אַנדזשעלעס זענען געווען, גרופּן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט געזעלשאַפט־לעכע און קולטורעלע טעטיקייטן ווי: פאַרבאַנד־חברים, רויטער מגן דוד, פּראָגרעסיווע און אַנדערע לינקע און רעכטע גרופּן.

זייענדיק ביים ים אָדער אין פּאַרק פלעגן חברים פירן דיסקוסיעס, דערציילן שפּאַסן, עפּיזאָדן פון אייגענעם לעבן. אויך איך האָב ליב געהאַט שטענדיק עפּעס צו דערציילן און אַז כ׳פלעג ענדיקן האָבן חברים צו מיר געזאָגט: — „חייקע, ווען דו קומסט אַהיים פאַרשרייב דאָס וואָס דו דער־ציילסט”. דאָס האָט מיך שפּעטער אַ שטויס געטאָן צו פאַרשרייבן און צו שרייבן מיינע זכרונות.

מיין פאַרשטאָרבענער מאַן, משה האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַז אַלע די מערסטע שעפער פון אַלע מוזעס ווערן פאַראייביקט. מאַלער לאָזן איבער בילדער, פון אַרכיטעקטן בלייבן גרויסע בנינים, מוזיקער לאָזן איבער פּליטן, שרייבער און פּאָעטן לאָזן איבער ביכער. אָבער נאָר אַקטיאָרן, וואָס מיט זייער שפּילן מאַכן באַרימט שרייבער און דראַמאַטורגן, אַליין ווערן זיי גיך פאַרגעסן. אַן אַקטיאָר איז ווי אַ קאַץ וואָס שווימט איבער אַ טייך, לאָזט איבער אַ שוים און פאַרשווינדט. וויל איך טאַקע פאַראייביקן דעם אָנדענק פון מיין משהן פאַר זיינע זין און אייניקלעך, אויך פאַר די אייניקלעך וואָס זענען נאָך ניט געבוירן, ווייל משה האָט דאָס פאַרדינט מיט זיין באַשיידנקייט און ערלעכקייט.

אַ יאָר נאָך דעם ווי משה איז אַוועק פון אונדז אין דער אייביקייט האָט איציק גראַדואירט און האָט אין אוניווערסיטעט אין סאָוטערן, קאַליפאָרניע באַקומען זיין פּ.ה.ד. און זיין ערשטן פּאָסטן האָט ער באַקומען אין קענעק־טיקוט אוניווערסיטעט.. פאַר זיין אָפּפאָרן האָבן מיר אָפּגעמאַכט אַז אויך איך זאָל שפּעטער פאַרלאָזן לאָס־אַנדזשעלעס און זיך באַזעצן אין מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ כדי זיין נאָענט צו אים אין קאָנעקטיקוט און אויך צו

ניו־יאָרק, ווי עס ווינט שלמה, כדי צו קענען איינער צום צווייטן אָרי־בערקומען.

אין מיאַמי האָב איך זיך גיך איינגעאָרדנט, זיך באַקענט מיט דער שטאָט, מיטן יידישן דאָרטיקן לעבן און אין אויגוסט פון דעם יאָר 1976 בין איך אַוועק קיין ראַטן־פאַרבאַנד מיט אַ טור (טרוד טו טרודא), „אַר־בעטער צו אַרבעטער", כדי צו באַקענען זיך מיטן דאָרטיקן לעבן. מען האָט מיר אויך צוגעזאָגט, אַז כ'וועל קענען באַזוכן מיין שטעטל מאָנאַס־טריטש, ווי עס ווינען נאָך איצט יידן. געשען איז אָבער אַז מען האָט דאָרט מיר ניט געגעבן דאָס רעכט צו באַזוכן מיין געבוירן־שטעטל און ניט געקאָנט זיך טרעפן מיט מיין קוזין אין כאַרקאָוו, ווייל אים איז געווען פאַרבאָטן זיך צו טרעפן מיט וועמען פון אויסלאַנד.

אין אונדזער טור האָבן מיר פאַרבראַכט דריי וואָכן אין די שטעט מאָסקווע, לעבינגראַד, קיעוו, ריגע און וואָלגאָגראַד. אין מאָסקווע האָב איך זיך דערמאָנט אַז אין דעם יידישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרבעט מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַן אָנגעזעענער שרייבער, מיט וועמען מיין ברודער אברהם זענען קינדוויז געווען גוטע חברים. איך האָב זי דערמאָנט דעם עפּיזאָד, ווען ביידע חברים זענען אַלט געווען צו 12 יאָר האָבן זיי באַ־שלאָסן, אַז זיי האָבן גענוג דאָס לעבן צווישן אַנטיסעמיטן און זיי וועלן אַוועק קיין פּאַלעסטינע. זיי האָבן געמאַכט וועגן דעם אַ געהיימען פּלאַן און צוגעצויגן אויך מיך, דאַן אַ מיידעלע פון 10 יאָר, איך זאָל זיי העלפן דורכפירן דעם פּלאַן. איך בין מסכים געווען אָבער נאָר מיטן באַדינג, אַז איך זאָל מיט זיי מיטפאָרן. זיי האָבן מיר דאָס צוגעזאָגט און מיר האָבן גענומען זאַמלען געלט אויף אַזאַ אופן: פאַר יעדן גאַנג פאַר די עלטערע ברידער און שוועסטער וועלן מיר פאָדערן געלט, אויב ניט וועלן מיר זיי ניט פאָלגן. מיין עלטסטע שוועסטער רחל האָט דאַן געפירט אַ ליבע מיט אַרקען און אַז זי האָט געוואָלט שיקן צו אים, דורך מיר, אַ צעטעלע, האָט זי באַדאַרפן דערפאַר מיר באַצאָלן. מיר האָבן שוין געזאָרגט אַז קיינער פון דער משפחה זאָל זיך ניט מאַכן תמעוואַטע און פאַרגעסן אונדז צו געבן חנוכה־געלט. אויב מיין שוועסטער שרהקע האָט דערוואַרט געסט און איר האָט פאַרפעלט עפּעס אַ נויטיקע זאַך צום באַקן אַ טאָרט און מיך

געבעטן איך זאָל גיך לויפן צו מיינע עלטערנס קלייט דאָס צו ברענגען, האָט זי שוין געוווסט אַז זי דאַרף דערפֿאַר באַצאָלן. איך האָב אָנגערעדט מיין יינגסטן ברודערל מאַטלען ער זאָל ביי אונדזער עלטערן בעטן זיין חנוכה־געלט און איך האָב דאָס געלט ביי אים אויסגענאַרט. מיר פלעגן אויך אַראָפּנעמען די מאַרקעס פון אָנגעקומענע בריוו, אָפּוואַשן דעם שטעמפל און אַז מען האָט אונדז געשיקט אין פּאָסט אַוועקשיקן אַ בריוו האָבן מיר מיטן וויסל פון אַן איי צוגעקלעבט אויפן בריוו דעם אָפּגעוואַ־שענעם מאַרק און דאָס געלט פאַר דער נייער מאַרקע איז געבליבן ביי אונדז. אַזוי האָבן מיר געשאַפן געלט זיך צו לאָזן קיין פּאַלעסטינע. ווען מיר האָבן געגלויבט, אַז מיר האָבן שוין גענוג געלט פאַר אונדזער אונטער־נעמונג, האָבן מיר אין געהיים גענומען אַביסל אונטערוועש, וואַרעמע רעק־לעך, העמדער און הויזן פאַר די יינגלעך, אויך ברויט, פּרוכט, געבאַקענע קיכלעך. געמאַכט פאַר יעדן פון אונדז אַ פּעקל און זיך געלאָזט צו פוס צו דער מאַנאַסטריטשער באַן־סטאַציע, ווו מיר האָבן לויטן פּלאַן, זיך באַדאַרפן אַריינגנבענען אין אַ לאַסט־וואַגאָן, ווייל קיין פּאַסאַזשיר־באַנען, זענען ניט געפאָרן פון דער סטאַציע, און אַוועק קיין אַדעס און פון דאָרט מיט אַ שיף קיין פּאַלעסטינע. ווען מיר זענען געווען אין האַלבן וועג פון די שטאָט צו דער סטאַציע האָט גענעבן אַ פּליוך אַ רעגן און מיר זענען אויסגעווייקט געוואָרן. אַ פויער, וועלכער איז מיט זיין וואָגן געפאָרן צוריק פון דער שטאָט צו זיין דאָרף, וואָס האָט אונדז גוט געקענט האָט אונדז געפרעגט ווו מיר גייען, האָבן מיר אים געזאָגט אַז צו דער באַן־סטאַציע, האָט ער צו אונדז אַ זאָג געטאָן, מיר זאָלן אַרויף אויף זיין וואָגן און ער וועט אונדז שוין דאָרט צופירן, דערביי האָט ער אונדז אַרומגעדעקט מיט שמאַטעס און מיר נאַסע און קעלט זענען מיר אויף זיין פור אַנטשלאָפן געוואָרן און אָנשטאָט צום וואָגזאַל האָט ער אויסגעדרייט דעם וואָגן. און אונדז צוגעפירט אַ היים. מיין מוטער האָט אונדז אויפגעוועקט נעבן אונדזער הויז, דערנאָך געמאַכט אַ וואַרעמע באָד און דערלאַנג צום טרונקען הייסע שאָקאָ־לאַד און מיר זענען געגאַנגען שלאָפן. אַזוי האָט זיך געענדיקט אונדזער רייזע קיין פּאַלעסטינע. אין דער פרי האָט אונדזער פאָטער אונדז געגעבן אַ לעקציע און געזאָגט: „אַז איר וועט עלטער ווערן וועט איר פאָרן בויען

אַ יידיש לאַנד, דאַן וועט איר אויך וויסן ווי אַזוי מען דאַרף פאָרן". אָבער איצט אין מאָסקווע האָב איך אים דערציילט ווי אַזוי זיין חבר אברהמל, מיין ברודער, איז אומגעקומען פון דעניקינס באַנדעס. פּופּציק יאָר האָב איך ניט געזען אָט דעם מיט וועמען כ'האָב געגרייט זיך צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע. איצט זיצנדיק אין זיין קאַבינעט האָבן מיר געפילט זיך ווידער נאָענט און אייגן און קיין זאַך קען ניט אָפּווישן די נאָענטקייט פון איין ייד צום צווייטן, פון איין חבר צום צווייטן, אַפילו ווען אָט דער חבר איז היינט אַזאַ חשובע שישקע אין דער קאָמוניסטישער צייטשריפט „סאָוועטיש היימלאַנד". איך האָבן געפילט אַז אויך ער פרייט זיך מיט אונדזער טרעפונג. דעריבער טאָקע וויל איך, צוליב זיין זיכערקייט, ניט דערמאָנען זיין נאָמען.

פון אַ סך פּאַסירונגען, גוטע און שלעכטע וועלכע האָבן זיך איינגע־קריצט אין מיין זכרון האָט שטאַרק געווירקט אויף מיר די געשיכטע אין לענינגראַדער גרויסן קלויסטער פון פּעטער דער גרויסן, וואָס די סאָ־וויעטן האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ מוזעאום. ניט די רייכטימער האָבן מיך איבערגעראַשט, נאָר ווען די דערקלערערין, אַ באַגאַבטע קענערין פון מאָ־לעריי, האָט אונדז געוויזן און דערקלערט וועגן עפּעס אַ פּראַכטפול בילד האָט אַ מיטפאָרער, אַן אינזשיניער פון ניו־דזשערזי צו מיר אַ זאָג געטאָן: „קום חייקע איך וויל דיר עפּעס ווייזן!" ניט ווייט פון דעם גרויסן בילד איז געשטאַנען אויף אַ קליין טישל אַ מענטשלעכער קאָפּ. עפּעס אַ פּאַרזעעניש, מיט אַ זייער לאַנגע נאָז, מיט צעפּאַטעלטע האָר און ס'איז געווען אָנגעשריבן — „גאַלאָוויי יעווריאַ" (אַ קאָפּ פון אַ ייד) און עס איז ניט געווען אָנגע־שריבן ווער עס איז דער „גרויסער קינסטלער" פון אָט דעם פּאַרזעעניש, האָב איך אַוועקגערוקט די מענטשן וועלכע האָבן פאַרשטעלט דעם קאָפּ און געפרעגט דער אָנפירערין: — ווער איז דער וואָס האָט געמאַכט דעם קאָפּ? איז זי רויט געוואָרן און געענטפערט: — „ניע זנאַיו" (איך ווייס ניט). איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז אויך איר, די קענערין פון קונסט, טוט וויי דאָס „קונסט־ווערק". אָבער איך האָב פאַרלוירן דעם גאַנצן פאַרגעניגן פון אָט די שיינע פּאַלאַצן און שיינע בילדער, ווייל כ'האָב אין לאַנד פון „סאָ־ציאַליזם" דערזען דעם מיאוסן געשווילעכץ פון אַנטיסעמיטיזם און כ'האָב

טאַקע באַמיט זיך נאָך אַ סך איבערלעבונגען, צו ברענגען קיין מיאַמי ביטש דאָס באַרימטע אַנטיסעמיטישע בוך פון יעווסעיעוו: „דער בלויער מגן־דוד״ און געברענגט האָב איך פון דאָרט קיין מיאַמי ביטש דעם ווייטיקדיקן געפיל, וואָס האָט מיך אַ סך אויסגעהיילט פון אילוזיעס מיט וועלכע איך און מיינע חברים און חברטעס האָבן געלעבט לגבי דעם ראַטן־פאַרבאַנד.

יעדן יאַנואַר קומען אַ סך טוריסטן פון קאַנאַדע קיין מיאַמי־ביטש. זענען טאַקע דאַסמאָל געקומען אַ סך מיינע יוגנט־פריינט פון מאָנטרעאָל. די באַגעגענישן זענען געווען האַרציקע און אונדזער פריינטשאַפט איז ווידער באַנייט געוואָרן. עס קומען אויך פון מאָנטרעאָל ניי־געקומענע, פון נאָכן חורבן. אין מיאַמי ביטש טומלט זיך מיט די פאַשידענסטע אָרגאַניזאַציעס און קלובן: „דער פאַרבאַנד״, „אַרבעטער רינג״, „פּרויען פּיאָנערן״, „יוואָ״, „איקוף״־קלובן און עס רוישט מיט אונטערנעמונגען פאַרן „הסתדרות״ און פאַר אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין ישראל און איך זעץ דאָ פאָר מיין טעטיקייט ביי די יידישע קולטור־קלובן און געפון אין דעם אַ באַפרידיקונג.

אין יוני 1979 האָט מיר איציק געלאָזט וויסן אַז ער און די יונגע פרוי מיט וועלכע ער האָט מיך באַקענט, מיט עטלעכע חדשים צוריק, האָבן באַשטימט חתונה צו האָבן. און ער האָט מיך געבעטן איך זאָל צו זיין חתונה עפּעס אָנשרייבן וועגן אים און דאָס לייענען אין יידיש אין דעם זאַל פון דער חתונה, וואָס עס איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש. אָט דאָס זענען געווען מיינע ווערטער:

טייערע חתן־כלה משפחה און פריינט:

— איך קען ניט רעדן אין איציקס פאָטערס נאָמען, רעד איך ווי אַ מאַמע און ווי אַ זייטיקע. איך האָב ניט ווייניק וואָס צו זאָגן וועגן שלמהן, אַ סך אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן וועגן אים צו דערציילן, אָבער איצט איז איציקס חתונה, וועל איך רעדן בלויז וועגן אים. איך געדענק אַ סך געשעענישן פון איציקס לעבן, אָבער איצט וועל איך דערציילן נאָר צוויי עפּיזאָדן:

ווען איציק איז אַלט געווען 8 אָדער 9 יאָר איז אין זיין קלאַס אָנגע־

קומען אַ נייער שילער פון זיין עלטער. דאָס ייִנגעלע איז געקומען פון אויסלאַנד, געווען אַ גערעטעוועטער פון היטלערס גיהנום. פאַרשטייט זיך אַז דאָס ייִנגעלע האָט גערעדט ענגליש מיט אַ פרעמדן אַקצענט, דאָבן די קינדער פון קלאַס פון אים געחוזקט. אָבער איציק האָט זיך געחברט געשפּילט מיט אים און געבראַכט אים אָפט צו זיך אַהיים. ער האָט אַזוי פיל צייט פאַרבראַכט מיט אָט דעם ייִנגעלע אַז ער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיינע אַנדערע חברים. ווען כ׳האָב אים געפרעגט פאַרוואָס פאַרנעמט ער זיך נאָר מיט דעם חבר, האָט ער מיר געענטפערט: — „ערשטנס וויל איך אים העלפן אין זיין ענגליש, דערצו זענען מיר געוואָרן גוטע חברים און איך האָב אים ליב באַקומען".

— די צווייטע געשעעניש איז פאָרגעקומען ווען איציק איז אַלט געוואָרן 13 יאָר. מיין מוטער האָט געוווינט אין מאָנטרעאָל און איז זייער קראַנק געוואָרן און מיר האָבן געוווּסט אַז עס זענען ניטאָ קיין שאַנסן זי זאָל געזונט ווערן. האָט מיין פאַמיליע מיך גערופן כ׳זאָל קומען קיין מאָנטרעאָל. איציק איז געווען געוווינט מיטצופאָרן, ווען איך פלעג פאָרן צו מיינע עלטערן. אין דער נאַכט פון מיין אָפּפאָרן האָט ער מיר געזאָגט אַז ער וויל מיטפאָרן. האָב איך פּרובירט אים איבערצייגן אַז דאָסמאָל איז בעסער ער זאָל בלייבן אין דער היים, ווייל אין „קריסמעס וועקיישן" האָט דער פאָטער אַ סך אַרבעט און עס איז יושרדיק ער זאָל אַרויסהעלפן דעם טאַטן. האָט ער מיר גאָרניט געענטפערט און איך בין געווען זיכער אַז ער איז מיט מיר מסכים. איך האָב געזאָגט אַ גוטע נאַכט און בין געגאַנגען שלאָפן. כ׳האָב געהאַט אַ אַ געוווינהייט אַראָפּ־צוגיין אין מיטן נאַכט און אַלעמען גוט אַרומדעקן. איך בין אַריין אין איציקס צימער און אים דאָרט ניט געטראָפן, אויך דאָס קייטעלע פון דער אַריינגאַנגס טיר איז ניט געווען פאַריגלט. האָב איך אַ דערשראָקענע אויפגעוועקט מיין מאַן און אים געזאָגט. אַז עפּעס איז מיט איציקן געשען.

— משה האָט מיך באַרואיקט און געעפנט די עלעקטרי פון איציקס צימער און אויפן ליילעך פון איציקס בעט איז געלעגן אַ צעטעלע, געשריבן מיט רויטן בליי: — „ליבע עלטערן, איך האָב גענומען מיינע אָפּגע־שפּאָרטע 30 דאָלער און איך בין אַוועק מיט דער באַן קיין מאָנטרעאָל".

— ס׳איז געווען אַ קאַלטע ערב „קריסמעס־נאַכט״ און מיין בחור איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ לייכטן זשאַקעטל, אָן אַ היטל און מיטגענומען זיין פידל. האָב איך טעלעפאָנירט צו דער באַן־סטאַציע און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז אַ בחורל האָט געקויפט אַ בילעט קיין מאָנטרעאָל און איז מיט צוואנציק מינוט פריער אָפּגעפאָרן קיין מאָנטרעאָל. זיי האָבן מיר געגעבן דעם טעלעפאָן נומער פון דער באַן און איך האָב זיך פאַרבונדן מיטן קאָנדוקטאָר, וואָס האָט מיר געזאָגט אַז אַזאַ פּאַסאַזשיר געפינט זיך אין צוג און מען פאַרברענגט מיט אים זייער גוט, ער שפילט פאַר אַלעמען דעם „קריסמעס קעראָלס״ און אויב איך וויל וועט מען אים צוריקשיקן פון לאָנדאָן אָנטעריע. האָב איך געזאָגט מען זאָל אים לאָזן פאָרן קיין מאָנטרעאָל און כ׳האָב געבעטן מען זאָל אים גאָר ניט דערציילן אַז איך האָב געקלונגען.

— דעם צווייטן טאָג בין איך גאַנץ פרי אַרויסגעפלויגן קיין מאָנטרעאָל און איך מיט מיין ברודער האָבן איציקן באַגעגנט אויף דער באַן־סטאַציע. ער איז אונדז אַנטקעגן געקומען אַ פריילעכער, אָבער באַלד זיך אַנטשולדיקט און געזאָגט: — „מאַמע, כ׳האָב דיר זיכער פאַרשאַפט אַ סך זאָרג, אָבער כ׳האָב געמוזט פאָרן, ווייל איך וויל זען מיין באָבען, ווייל זי לעבט נאָך״!

— ער האָט די באָבע געזען דעם זעלבן טאָג. ער איז אָבער מער צו איר אין שפּיטאָל ניט געגאַנגען. אויף מיין פראַגע: פאַרוואָס ער גייט ניט מער זען דער באָבע, האָט ער מיר געענטפערט: — „איך וויל מיין באָבע זאָל מיר בלייבן אין זכרון אַזוי ווי זי האָט אויסגעזען פאַר איר פאַטאַלער קראַנקייט״.

אַלע עפּיזאָדן פון איציקלס לעבן האָט געשטאַרקט מיין מיינונג, אַז מיין זון וועט אויסוואַקסן מיט גוטע אייגנשאַפטן פון מענטשן־פריינטשאַפט, ליבשאַפט צו דער משפּחה און פעסטן כאַראַקטער.

— איך האַלט אויך פאַר נויטיק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן זיין קריסטינא. כאָטש איך קען זי נאָר אַ קורצע צייט, פיל איך די וואַרעמ־

קייט פון איר פערזענלעכקייט און איר פריינטשאַפט צו מענטשן זי באַ־זיצט אַ שטאַרקן ווילן און באַזונדערע אינטעלעקטועלע אַספּיראַציעס. דורך גרויסע אָנשטרענגונגען און דורך שטערונגען האָט זי דערגרייכט איר וויסן און אירע פּראָפעסיאָנעלע צילן און וועט ווייטער פאַרווירקלעכן אירע אַמביציעס און צילן וואָס זי האָט זיך געשטעלט.

— איך ווּנטש איך דעריבער ביידן, אויף אייער אייגענעם שטייגער, איר זאָלט אויסשמידן פאַר זיך אַ שיין און גליקלעך פאַמיליע־לעבן. דערמיט וועט איר, מיט אייערע פעאיקייטן געבן אייער צושטייער צום באַרייכערן און פאַרשענערן דאָס לעבן פון דעם גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק, אים העלפן צו דערגרייכן הומאַניטאַרע צילן פאַר אַ שענערע און בעסערע וועלט. דערמיט וויל איך אויך דערגרייכן מיין גרעסטן נחת און זיכערקייט, אַז אויך איך האָב דערגרייכט דעם ציל פון מיין לעבן.

און אָט בין איך שוין זיבן וואָכן אין תל־אביב. מיין דירה געפינט זיך אין סאַמע האַרץ פון שטאָט. איך האָב נאָך דערווייל ניט באַזוכט דאָס לאַנד. כ'בין ניט קיין ראָטשילד און אַפילו ניט קיין אַמעריקאַנער גביר, לעב איך ניט אין האָטעלן, עס ניט אין רעסטאָראַנען, נאָר פיר אַליין פאַר זיך די באַלעבאַטישקייט. מיין בעסטער פאַרגעניגן איז צו שפּאַצירן איבער די גאַסן, צו פילן דעם פּולס פון דער שטאָט. עס רעדן צו מיר די הייזער, דיביימער, די גאַנצע שטאָט, דוכט זיך שמייכלט צו מיר. איך האָב שוין באַוויזן צו זיין מיט אַ חבר אין דעם שיינעם ירקון־פּאַרק, ווו אונטערן פרייען הימל איז אַרויסגעטראָטן די גרופּע נייע עולים פון ראַטן־פאַרבאַנד, דער אַנסאַמבל פון 100 מאַן מיט טענץ און געזאַנג „אנחנו כאן". דער גרויס פאַרזאַמלטער עולם האָט זיי אויסגעהערט מיט גרויס צופרידנקייט און שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן און איך האָב פאַרבראַכט צופרידן אַן אָוונט. נאָכן סוף פון קאָנצערט האָבן פון פּאַרק זיך אַרויסגעשיט אַ מאַסע מענטשן, וועלכע האָבן ניט פאַרמאָגט קיין אייגענע אויטאָס, האָב איך שוין געזאָרגט: — ווי וועט מען נעמען

אזויפיל אויטאָבוסן זיי אַהיים צו פירן? זעט אויס אַז עס איז געווען ווער עס זאָל זיי פאַרזאָרגן און גלייך האָבן זיך באַוויזן צוגעגרייטע אויטאָבוסן, וועלכע האָבן די גרויסע מאַסע צעפירט איבער דער גרויסער שטאָט. האָב איך פאַרנדיק געטראַכט ווי אַזוי דאָס קליינע לאַנד שטעלט צו געַנוג אויטאָבוסן ווען מיין ריזיק לאַנד, די פאַרייניקטע שטאַטן, שטייט נאָך זייער אונטערשטעליק אויף דעם געביט.

איך האָב שטאַרק ליב צו קוקן ווי די תל-אביבער פרויען מאַכן גאָר פרי זייערע איינקויפן. זיי קומען שוין האַלב זיבן אויסגעפּוצטע אין די פאַרשידענע קלענערע און גרעסערע קלייטן. יונגערע און אַלטערע פרויען באַטראַכטן גוט די געקויפטע פּראָדוקטן, זוכן אויס דאָס בעסטע פאַר זייערע משפחות און יעדעס פּעקעלע שפּייז, פּרוכטן אָדער גרינס, לייגן זיי געמיטלעך און מיט ליבע אַריין אין פּלאַסטיק זעקעלעך און איך פיל זיך צופרידן וואָס די מענטשן קאָנען דאָ אַלץ באַקומען און וואָס זיי נויטיקן זיך, ניטאָ אין קיין זאַך קיין מאַנגל און דאָס פילט מיך אָן מיט פרייד.

די דיזנגוף גאַס ציט זיך ווי אַ לאַנגע חופּה, וואָס שאַפט זיך פון דיביידע זייטןביימער, וואָס פאַרפלעכטן זייערע צווייגן שאָפנדיק אַ האַלב רונדן דאַך, איבער דעם קאָפּ פון די לויפנדיקע אויטאָס, אויטאָבוסן און מענטשן. די גאַסן זענען אַ גאַנצן טאָג פול מיט מענטשן. יונג און אַלט. אין די אָוונטס זיצט מען געמיטלעך אין די קאַפעען, מען טרונקט קאַווע און אַנדערע געטראַנקען. מוטערס שפּילן זיך מיט קינדער, די יוגנט שפּרייזט שטיפעריש איבער די גאַסן. פון באַלויכטענע פענצטער פון די געשעפטן שרייען אַרויס די פאַרשידנסטע סחורות, אויסגעשטעלט מיט געשמאַק. שפּאַן איך מיט שטאָלץ איבער די גאַסן, ציטער ניט פאַר קיין כוליגאַניש מעסער, פאַר קיין פאַרברעכערישע האַנט, ווי איך בין דאָס געווען געוווינט אין מיאַמי־ביטש, פלאָרידאַ. עס איז ניט לייכט געווען מיר אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די מורא וואָס כ'האָב געבראַכט מיט זיך פון דאָרט און גיי ביינאַכט איבער גאַסן, צוריק פון טעאַטער און האָב פאַר קיינעם ניט מורא. איך בין אויסגעהיילט געוואָרן פון צו זען אין יעדן

מענטש אַ שונא וואָס קאָן דיך באַפֿאַלן און בין שטאָלץ מיט ישראל, מיט תל־אביב, ווו מענטשן פֿילן זיך און באַוועגן זיך פֿריי. בלייבט מיר נאָר צו ווינטשן די צוקונפֿט זאָל פֿאַר אונדזער פֿאָלק און אַלע פֿעלקער ברענגען אַ בעסער לעבן און אַ געזיכערטן שלום.

אַ נאָכוואָרט

עס איז אָנגענומען אַז זכרונות שרייבן געוויינלעך מענטשן מיט באַקאַנטע נעמען, קינסטלער, פּאָליטיקער, וויסנשאַפטלער, פּאַרטיי-פירער, מענטשן מיט גרויסע איבערלעבונגען אָדער גרויסע פאַנטאַזיעס, אַוואַנטוריסטן אָדער פּרויען, וואָס האָבן צענדליקער מענער דעם קאָפּ פאַרדרייט. זעלטן לייענען מיר זכרונות פון פּשוטע פאָלקס-מענטשן, וועלכע זוכן ניט קיין רום נאָר דערציילן, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט, געזען און געהערט. זענען אַזעלכע ביכער אָפט די געטרייסטע דאָקומענטן פון זייער צייט.

נאָכן דורכלייענען דעם לעבנס-דאָקומענט פון חייקע קוירש, וועלכע האָט דורכגעלעבט אַלס יונג מיידל די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, לאַנג געוואָגלט איבער לענדער אויפן וועג צום „גאָלדענעם לאַנד״ אַמעריקע, ווו זי האָט פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון שוויץ-אַרבעט אין די שעפּער, ווו זי האָט זיך אויך אָנגעזאַפּט מיט די הויכע אידעאַלן פון פרייהייט און יושר, ווערן אירע זכרונות אונדז נאָענט, ווייל זי חייקע איז איינע פון אונדזער דור, מיט אַלע קאָמפּליצירטע אייגנשאַפטן און שטרעבונגען, וואָס צייכנט זיך אויס מיט געטריישאַפט צו משפּחה, צו אייגענע און צום פאָלק. מיט ליבע צום מענטש.

די מחברין האָט געשטעלט זיך אַ זייער באַשיידענע אויפגאַבע, איבערצולאָזן אַן אָנדענק, פאַר אירע קינדער און אייניקלעך, פון איר און פון איר מאַנס לעבן, ווען זי ווידמעט דאָס בוך. אָבער, אפשר ניט ווילנדיק, ברייטערן זיך אויס די ראַמען פון אָט דעם ציל און דאָס בוך ווערט אַ דאָקומענט פון צייט און סביבה. די מחברין האָט ניט קיין ליטעראַרישע פּרעטענסיעס, זי באַמיט זיך ניט קיינעם צו לערנען, איבערצייגן. נאָר די מחברין שרייבט מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט און ערלעכקייט, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, כאָטש זי קאָן ניט פאַרבאָרגן, אַז זי האָט איר גאַנץ לעבן געחלומט, געשטרעבט צו אַ בעסערע, פרייע און יושרדיקע וועלט.

יוסף לודען